STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02651

# FOLKSTIMLIKHE GESHIKHTEN

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פּרץ.

# פֿאָלקסטימליכע געשיכטען

פערלאַג „פּראָגרעס".

וואַרשא.

אלע ווערק
י. ל. פרץ
ערשטער באנד

Типограф. ЛЕВИНЪ-ЭПШТЕЙНЪ, Варшава, Павлиная 38.
1913

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| בײַם גוסס צו־קאָפּענס | 3 |
| דרײַ מתנות | 13 |
| אײַן אָבקומעניש | 27 |
| זיבען גוטע יאָהר | 41 |
| די תאוה צו קלײַדער | 49 |
| אראָבגעלאָזטע אויגען | 59 |
| לא תחמוד | 75 |
| דער קונצען מאַכער | 97 |
| ס'איז גוט | 105 |
| דער הינדטעשער סדר | 113 |
| צװײַ װעגען; צװײַ משלים | 121 |
| א קאַפּיטעל תהלים | 131 |
| שמע ישראל | 147 |
| דער אוצר | 165 |
| נחת פון קינדער | 173 |
| א גאַנץ יאָהר שכור — פורים ניכטער | 187 |
| מסירת נפש | 195 |
| דרײַ חופּות | 243 |

# בּיים גוֹסס צוּ קאפּענס.

דער שמש פון גן־עדן — אַ ליכטיגער מלאך — איין אָבגלאַנץ פון זיין ליעבען נאָמענס שטראַהלענדיגער גענאַד, קומט איין מאָל פאַרנאַכט פון גן־עדן אַרויס און עפענט, צורודערט און פערזאָרגט, אַ פענסטערל פון הימעל, בויגט אַרויס דעם שטראַהלענדיגען קאָפּ און ווענדעט זיך מיט אַ טרויעריגער, ציטערדיגער שטימע צו דער אונטערגעהענדיגער זון און פרעגט:

— ווייסטו נישט, זון, וואָס בײַ לייב'ל קאָנסקיוואָלער טהוט זיך?

די זון שווייגט; זי ווייסט נישט.

נאָך אונרוהיגער ציהט דער מלאך זיין שטראַהלענדיגען קאָפּ צוריק. און נישט אומזיסט איז אונרוהיג דער מלאָך.

שוין מכמה וכמה שנים רוישען צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיעבען הימלען מיט לייב'ל קאָנסקיוואָלער'ס „שמע ישׂראל"...

ווי אַ זילבערנער שרויט צושיט זיך זיין „אֶחָ———ד" צו־פוסענס בײַם כסא הכבוד... און עס קאָלערט זיך דער „אֶחד" און זומט, און ברומט, און זיעדט, ווי אַ מחנה זומער־פויגלעך, וואָס גלוסט און בענקט צו דער פלאַם, ווערט צוגעצויגען צו איהר און בריהט זיך און ברענט אין איהר, מיט'ן גרעסטען תענוג פון „יסורים של אהבה"...

דאָס לעצטע מאָל האָט ער איהם צו שחרית געהערט.

צו מנחה האָט ער שוין געפעהלט!

אין בעט אין לויב־געזאַנג פון אַלע וועלטען איז דעריבער אַ פּגימה געווען...

אין אָרקעסטער איז פלוצלונג שטיל געוואָרען אַ כלי; אַ סטרו־נע בײַ איין ערשטער פיעדעל האָט געפלאַצט און איז פערשטומט געוואָרען.

צי האָט לייבל קאָנסקיוואָלער פערגעסען צו דאַוונען מנחה?
וועט ער זאָגען צוויי שמונה־עשרה׳ס ביי מעריב?

ניעדריגער לאָזט זיך דערווייל אַראָב די זון. די שטיל בעהאלטענע שאָטענס קריגען רשות, אַרויסצוקומען פון זייערע בעהעלטענישען, — און זיי קריכען אַרוים פון די שפּאַלטען אין די פעלזען ביי ימים, פון גריבער און היילען אין וויסטע מדבריות, פון אונטער בוימער און צווישען צווייגען און בלעטער אין די טיעפסטע וועלדער... און זיי פערשפּרייטען זיך איבער׳ן ישוב און פלעכטען זיך אַרום און אַרום...

און אָט איז אַראָב די זון אינגאַנצען. לבנה און שטערן בלאַנקען שטיל־שוויגענדיג אויף און נעהמען איבער די ממשלה איבער דער וועלט אויף איבער נאַכט... און זיי שפּינען און וועבען זייער פערכישופט שפּינוועבס — אַ זילבער־דינע נעץ איבער דער פערמאַטערטער ערד...

און גלייך מיט דער זון איז איבער׳ן הימעל פערזונקען געוואָרען די היה מיט דער אויפשריפט „אמת" אויפ׳ן שטערן, און צוזאַמען מיט דער לבנה איז אַרויסגעשוואומען פון דער צווייטער זייט די היה מיט דער זילבערנער טרעסט אויפ׳ן שטערן און מיט דער אויפשריפט „אמונה"...

און באַלד עפענען זיך שטיל־שוויגענדיג די טהירען פון הימעל, און לאָזען אריין גאַנצע מחנות נשמות פון איינגעשלאָפענע מענשען, וואָס קומען נאַכט אויף נאַכט אַרויף און פערשרייבען אין די הייליגע ביכער, ווי אַזוי עס האָט זיך אָבגעלעבט דער טאָג...

און עס סקריפּען די פעדערן, און עס רוישען מיליאָנען — מילאַסען פליגעל, טהייל ווייסע ווי שניי, ס׳רוב גראָהע און פערפלעקטע, מאַנכע אויך רויט פערבלוטיגטע...

און אַלע זיעבען הימלען ווערען פול מיט אַ געמישט גערויש פון געבעט, הרטה, בענקעניש, ליעבשאַפט, האָפנונג און שרעק... און פלוצלינג בלייבט אַלץ ווי פערשטאַרט.

אַרום כסא הכבוד וויקעלט זיך שטיל אַ זילבערנער נעבעל, וויקעלט זיך און וויקעלט זיך און ווערט טונקעלער און טונקעלער...

און פון אונטערן נעבעל הערט זיך אַ ברומען ווי פון אַ טויב:
„ווערה איז מיר, וואָס איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז...
„וואָס איך האָב פערברענט מיין פּאַלאַץ....
„וואָס איך האָב פערטריבען מיין זוהן, מיין איינציגען זוהן"...
און אַ שוידער פון רחמנות געהט דורך אַלע זיעבען הימלען...

און עס ווערט ווייטער שטיל, אַלץ האָט זיין אָטהעם פערהאַלטען, וואַרטענדיג ווי אויף אַ נס, אויף עפּעס אַ וואונדער, אויף אַ בשורה אַ נייע...

עס איז אָבער גאָר נישט געשעהן...

עס דערהערט זיך פון אונטען אַ קול: עס קריידט דער האָהן.

פון כסא הכבוד גערט אָב דער נעבעל, דער פער׳כשופטער שוידער פּלאַצט און צורינט... עס עפענען זיך ווייטער די פענסטער פון הימעל, די נשמות פליהען צוריק אַרויס... מלאָכים מיט בריליאַנטענע פלעדער־ווישען יאָגען אַרויס די פערשפעטיגטע, די פערציטערטע, פערוויינטע און מיעף דערשראָקענע...

עס דויערט נישט לאַנג, און מען הערט ווי מען קלאַפּט אונטען צו חצות...

באַלד הויבט אָן בלאָס און בלאַסער צו ווערען דער צייכען „אמונה״ אויף דער זילבערנער מרעסט. אַ דינער, רויטליכער שטראַהל וועקט זיך פון מזרח־זייט...

דער גן־עדן־שמש וועקט זיך ווי פון אַ טיעפען חלום, גערט צו און עפענט נאָך אַמאָל אַ פענסטעריל אין הימעל, בויגט אַרויס דעם קאָפּ און רופט, פרעגענדיג:

— לבנה און שטערן, איידער איהר פערשווינדט, צי קענט איהר מיר נישט זאָגען, וואָס עס האָט מיט לייביל קאָנסקיוואָלער פּאַסירט?

און דעמאָלט האָט זיך גאָלדען־צופלאַקערט אַ קליין שטערענדעל פון ווייטען, איז צוגעשוואומען צום פענסטעריל און האָט גערענטפערט:

— איך ווייס, ליכטיגער מלאך!

איך בין דורך קאָנסקיוואָלע געשוואומען און האָב אין זיין פענסטעריל אַריינגעקוקט... ער שטאַרבט, לייבל קאָנסקיוואָלער... איין אַלטער מאַן... זיין ווייסע באָרד איבער דער קאָלדרע בלאַנקט ווי ריין זילבער... נאָר דאָס פּנים איז איינגעשרומפּען און געל... איך האָב געזעהען, ווי מען האָט איהם אַ פעדער אונטער די נאָזלעכער געלעגט; איך האָב אָבער נישט געזעהען, זי זאָל זיך ריהרען.

און דער מלאך, דער שמש פון גן־עדן, האָט ביי קיינעם קיין רשות נים גענומען, על דעת עצמו איז ער אַראָבגעשאָסען אויף דער ערד נאָך לייבל קאָנסקיוואָלער׳ס נשמה.—

עס וועט איין אומגעריכטע פרייד זיין אין גן־עדן.

אַזוי האָט ער געטראַכט.

---

פלינק פליהען מלאכים, נאר — די שווארצע ווי די ווייסע...

און אז דער ליכטיגער מלאך איז אראבגעקומען, האט ער שוין געטראפען א פינסטערן מלאך ביים גוסס צו־קאפענס...

צי איז דער פינסטערער פריהער ארוים, צי האט ער צו אונז א קירצערן וועג? ווער ווייסט?

— וואס טהוסטו דא? וואונדערט זיך דער ליכטיגער מלאך, דערשראקען. עס איז דאך לייב'ל קאנסקיוואלער!

— איז וואס? לאכט דער שווארצער. און צוויי שורות ווייסע ציינער בליצען איהם ארוים פון אויסגעקרומטען מויל...

— דאס איז מיין נשמה! איך בין שמש פון גן־עדן.

— זעהר אנגענעהם! מאכט דער שווארצער א העויה; איך בין נאר אלאפיטוט פון גיהנם, נאר לא'מיר זעהען!

און ער גיט א שאר מיט א פוס אונטערן קראנקענס בעט, און עס רוקט זיך ארויס א פערבונדענער זאק.

— וואס ליעגט דא אין זאק?

— טילת ותפלין, וויל דער גוטער מלאך טרעפען.

— אונטערן בעט בעהאלטען? עברות בעהאלט מען!

און ער בויגט זיך אראב צום זאק און בינדט איהם אויף, און עפענט איהם, און דערלאנגט איהם א שטויס מיט'ן פוס— א גאלדענער גלאנץ ווארפט זיך איבער דער שטוב, א גאלדענער קלאנג לויפט איהם נאך— גאלדענע רענדלעך שיטען זיך אויס...

— גנבה־געלד, גזלה־געלד! רופט אויס דער שווארצער מלאך: אויסגענארט ביי נישט קלוגע, געריבט ביי אלמנות, געגזלט ביי יתומים, פון צדקה פושקעס ארויסגענומען... מיט בלוטיגע טרעהרען זענען זיי געוואשען און הארציגע בלוט־פלעקען קלעבען אן זיי... און זעה, ווי ער וועקט זיך, אז מען ריהרט זיין גאלד!

מיט פערשלאפענע אויגען ווארפט זיך דער גוסס...

פערציטערט בלייבט דער ווייסער מלאך און פערשטעלט זיך דאס פנים מיט דער ערשטער פאר פליגעל... דורך א שפאלט פון לאדען רייסט זיך אריין א שטראהל פון דער מארגענדיגער זון, ער פאלט איבער'ן גוסס'עס ברעמען — זיי ציטערן.

צום לעצטען מאל עפענט ער האלב די אויגען אויף:

— ווער איז דא? פרעגען די פערש, מטע, פערגעלטע ליפען מיט

אַ שאַרך פון אַ פערפוילטען בלאַט...

— איך! ענטפערט דער שלעכטער מלאך: איך, וואָס איך בין נאָך דיין נשמה געקומען... קום!

— וואו אַהין?

— אין גיהינם אַריין!

פאַר שרעק פאַלען דעם גוסס צוריק די אויגען צו.

— בעט, בעט גאָט! רופט דער גוטער מלאך: טהו תשובה... עס איז נאָך צייט... זיי מפקיר דיין געלד...

— שמע... הויבט דער גוסס אָן.

— ער וועט ניט מפקיר זיין! זאָגט דער שלעכטער מלאך און לעגט זיין שווערען, שוואַרצען פליגעל איבער'ן גוסס'עס פנים, און אונטערן פליגעל ווערט דאָס קול צוזאַמען מיט'ן גוסס דערשטיקט.

דער ווייסער מלאך רוקט זיך צוריק אָב פערשעמט.

---

## ז.

אין אַ פינסטערער, פערגאָסענער האַלבער נאַכט, צווישען גערויש, געשריי און געפילדער אין גיהינם, שניידט זיך דורך אַ שאַרף־שניידענ־דיגער בעפעהל:

— נהמן'קע פון זבאַראַש געהט אויס... ער פלעגט זיך שניידען די נעגעל נישט איבערגעהיפערט, אַוועקגעוואָרפען... נישט איין מאָל פערגעסען מנחה צו דאַווענען, — ווער געהט נאָך זיין נשמה?

— איך! — רופט זיך אָן אַ מלאך־החבלה!

— גרייט דערווייל צו אַ קאָכענדיגען קעסעל סמאָלע.

ער שפּרינגט אונטער און פליהט אַרויס פון גיהינם...

געשווינד פליהען שלעכטע מלאָכים, צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זענען אפשר וייטער פון אונז, נאָר דאָס גרעסטע רחמנות טראָגט זיי...

און אַז דער מלאך־החבלה איז צום קראַנקענס בעט געקומען, האָט ער שוין צו־קאָפּענס אַ ווייסען גוטען מלאך געטראָפען. ער איז געזעסען און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרימער מענש, פאַר'ן טויט... עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרעניץ צווישען פינסטערקייט און ליכט... פון וואַנ־

און אומרוה איין איבערגאַנג צו רוה און גליק...

נאָר דער קראַנקער, דוכט זיך, הערט נישט; ער איז פערטראָגען, און די פלאַמעדיגע אויגען בלאָנדזען אַרום אויף די ווענד...

און דער שוואַרצער מלאָך בלייבט שטעהן ביי דער טהיר און קוקט פערוואונדערט...

— האָסט נישט קיין טעות, הרר? פרעגט ער דעם ליכטיגען מלאָך.

— ניין! ענטפערט דער גוטער: איך בין געשיקט געוואָרען נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער באַרמהערציגער נשמה; דו קענסט איבער איהר קיין שליטה נישט האָבען!

— ער האָט נישט על פי דין די נעגעל געשניטען!....

— איך וויס, האַקט איהם איבער דער גוטער מלאָך; נאָר דערפאַר קיין איינציגע רגע פאַר זיך נישט געלעבט... נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אַלמנות און יתומים, פאַר פערפינסטערטע, פערוואָגלטע, פערמאַטערטע.....

— ביי אונז אין בוך איז פערשריבען, וויפיעל מאָל ער האָט מנחה פערפעהלט....

— נאָר קיינמאָל נישט פערפעהלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמיצען העלפען. קיינמאָל נישט פערגעסען צו טרייסטען, צו האַרציגען און צו קרעפטיגען דאָרט, וואו די פליגעל זענען אַראָבגעפאַלען מיעד, וואו די גאַל האָט געזאָלט די ריינסטע נשמה פערגיסען, וואו די לעצטע האָפנונג האָט זיך געדאַכט, איז פערשוואונדען... ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט... דאָס דאַך איבער'ן קאָפ נישט פעררייכט, זיין בעט זיך נישט רייך געבעט, קיין ליעבשאַפט ביי קיין פרוי נישט געזוכט, אויף קיין נחת פון קינדער נישט געהאָפט... נאָר אַליץ פאַר אַנדערע... וויל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטען בעסער פאַר זיך...

שוואַרצע וואָלקען ציהען זיך אין דרויסען איבער'ן הימעל... אויף אַ רגע שניידט זיי דורך אַ בליץ, נאָר ער ווערט פערלאָשען און נאָך פעסטער ציהען זיך, נאָך ענגער שליסען זיך צוזאַמען די דיקע, פינסטערע וואָלקענס.

דער בליץ האָט צום לעצטען מאָל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דאָ ביי מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּענס? פרעגען די פערברענטע ליפען.

— איך, איך, אַ ליכטיגער מלאָך, פון זיין ליעבען נאָמענ'ס ליכטיגער

פמליא... און פון זיין ליעבען נאָמען נאָך דיין נשמה געשיקט!... קום מיט מיר!
— וואו אַהין? פרעגט דער קראַנקער.
— צום הימעל אַרויף, אין גן־עדן אַריין!
— הימעל... גן־עדן... שטאַמעלט נאָך דער גוסס אין היץ: און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימעל, אין גן־עדן דאָרט?
— גוט... פון גאָטס גענאָד בעשטראַהלט, אין גלאַנץ פון כסא הכבוד... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ...
— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... שטאַמעלט דער גוסס נאָך: וואָס וועל איך דאָרט טהון?
— וועסט נישט דאַרפען טהון... דאָרט איז אייביג רוה, אייביג ליכטיגער נחת, אָהן אויפהער שטראַהלענדיג גליק.... קום!
— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טהון? דרעהט זיך מיט'ן לעצטען כח דער גוסס אוים צו'ם מלאך: איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפען, געפאַלענע אויפצוהייבען, קראַנקע צו היילען, הונגעריגע צו זעטיגען, דאָרשטיגע די ליפּען צו נעצען, פערלוירענע צו זוכען און געפינען? דאָס איז דאָך מיין גליק געווען!...
— ניין, דאָס נישט! — ענטפערט מיט אַ נישט זיכער קול דער מלאך: דאָס איז דאָרט נישט פערהאַן, דאָרט וועט קיינער נישט דאַרפען דיין הילף...
— און וואָס וועל איך דאָרט טהון, מלאך? דאָרט וואו קיינער ברויך מיין נשמה נישט, מיין האַרץ נישט; נישט מיין רחמנות'דיגע טרעהר אין אויג, נישט מיין וואָרט צו טרייסטען פון מויל, אין נישט מיין האַנד, אויסגעהויבען צו ווערען פון גרוב?
דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט אַרויס די צונג און בעלעקט זיך... אַ הוזק־שמייכעל לעגט זיך איהם איבער'ן מויל פון אויער צו אויער... ער עפענט דאָס מויל און צוויי שורות ווייסע צייהן בליצען אויף אין דער פינסטערער שטוב...
און צוזודעדט זיצט דער ליכטיגער מלאך און וויים נישט וואָס צו ענטפערן דעם גוסס....
— וואָס פאָרט, מלאך! וואָס פאָרט?
און דער גוטער מלאך דרעהט זיך אוים צום פענסטער און קוקט אַרוים צום הימעל און וואַרט פון דאָרט איין עצה און אַ ראַטה... נור פערשלאָסען איז דער הימעל; אָהן אַ וואָרט, אָהן אַ שטראַהל, אָהן אַ פונק... און עס יאָגען אָן אַלץ נייע און נייע, אַלץ שווערערע און שווערערע וואָל־

קענם — אַ שאָטען פאַלט איבער'ן ליכטיגען מלאך'ס פּנים, דער הימעל זעהט אוים האַרט און בייז, אָהן רחמנות זעהט ער אוים, ער האָט איהם נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געזעהן... ער בּלייבּט פערציטערט.

מיט דער ווייל'ע בּענוצט זיך דער שלעכטער מלאך און גענעהענט זיך צום בעט פון דער צווייטער זייט.

— קום בּעסער מיט מיר, רוימט ער איין דעם גוסס.

— וואו אַהין?

— דאָרט וואו דיין האַרץ געלוסט... צו די אונגליקליכע, הונגעריגע, לעפצענדיג־דורשטיגע... צו די פערהלש'טע און פערמאַטער'טע, צו די פערלוירענע, פערשאָלטענע, צו די פון גאָט פערגעסענע... העלפען וועסט דו נישט קענען, אָבער צוזאַמען ליידען, מיט פיהלען...

— איך געה! איך געה! רופט דער קראַנקער אוים מיט קראַפט — — — און דער ווייסער מלאך איז אַוועק מיט ליידיגע הענד.

# דריי מתנות.

# דריי מתנות.

## א) אויבען ביי דער וואג.

אמאל, מיט יאהרען און דורות צוריק, איז ערגיץ נפטר געוואָרען א יוד.

מילא, א יוד איז נפטר געוואָרען — אייביג לעבען קען מען ניט — טהוט מען איהם זיין רעכט... ברענגט מען איהם צו קבורת ישראל...

נאָך סתימת הגולל, דער יתום זאָגט קדיש — פליהט די נשמה אַרויף, צום משפט, צום בית־דין של מעלה...

קומט זי אַרויף, הענגט שוין דאָרט פאַר׳ן בית־דין די וואָג, אויף וועלכער מען וועגט די עברות און די מצוות...

קומט דעם בר־מנן׳ס סניגור, זיין געוועזענער יצר טוב — און שטעלט זיך מיט א קלאָר ווייס זעקיל ווי שניי אין דער האַנד, ביי דער וואָגשאָל פון דער רעכטער זייט...

קומט דעם בר־מנן׳ס קטיגור — זיין געוועזענער יצר הרע, דער געוועזענער מסית ומדיח — און שטעלט זיך, מיט א קויטיג זעקיל אין דער האַנד, ביי דער וואָג־שאָל אויף דער לינקער זייט...

אין ווייסען קלאָרען זעקיל זענען מצוות, אין ברודיג שווארצען זעקיל — עבירות. שיט דער סניגור, פון שניי־ווייסען זעקיל אויף דער וואָג־שאָל פון דער רעכטער זייט, מצוות — שמעקען זיי ווי פארפומעס און לויכטען ווי די שטערנדלעך אין הימעל.

שיט דער קטיגור פון ברודיגען זעקיל אַרויס, אויף דער וואָג־שאָל פון דער לינקער האַנד, עבירות — זענען זיי, נישט פאַר אייך געדאַכט, שווארץ ווי קויל און א ריח האָבען זיי — סאַמע־ראָדנע פעך און סמאָלע.

שטעהט אַזוי די אָרימע נשמה און קוקט, און גאַפט — זי האָט זיך גאָר ניט געריכט, עס זאָל זיין אַזא חלוק צווישען „גוט" און „שלעכט";

דאָרט האָט זי גאַנץ אָפּט בּיידע נישט דערקענט, איינעם פאַר׳ן אַנדער׳ן גענומען.

און די וואָג־שאָלען הויבּען זיך פּאַמעליך, אַרויף און אַראָבּ, אַמאָל די, אַמאָל יענע... און דאָס צינגעל בּיי דער וואָג־שאָל אין דער ה״ד ציטערט, נעהמט זיך אויף אַ האָר לינקס, אויף אַ האָר רעכטס...

נור אויף אַ האָר... און נישט מיט אַ מאָל! אַ פּראָסטער יוד געווען, אָהן גרויסען „להכעיס״, ווי אויך אָהן „קדוש השם״... אַזוי — קליינע מצוה׳ליך, קליינע עברה׳ליך, שרעטעליך, שטויבּעליך... טיילמאָל — קוים מיט׳ן אויג צו דערזעהן.

און פונדעסטוועגען, אַז דאָס צינגעל רוקט זיך אויף אַ האָר רעכטס, הערט זיך אין די עולמות העליונים אַ קלאַנג פון שמחה, פון נחת; רוקט זיך עס אָבּער, חס ושלום, לינקס, שלאָגט זיך אַרוים אַ זיפץ פון עצבות, בּיז ער דערגרייכט צום כסא הכּבוד.

און די מלאכים שיטען פּאַמעליך, מיט כּונה. אַ שרויט נאָך אַ שרויט, אַ שטויבּ נאָך אַ שטוּבּ, ווי פּשוט׳ע בּעלי־בּתּים ליצטירען „אתּה הראית״, אַ פּרוטה און נאָך אַ פּרוטה...

נור אַ בּרונעם שעפּט זיך אויך אויס, די זעקליך ווערען ליידיג.

— שוין? פּרעגט דער בּית־דין־שמש — אויך אַ מלאך צווישען אלע מלא״ים.

דער יצר טוב, ווי דער יצר הרע, דרעהען אויס די זעקליך קאַפּויר: נישטאָ מעהר! און דעמאָלט געהט דער שמש צו צום צינגעל זעהן, ווי עס האָט זיך אָבּגעשטעלט: רעכטס צי לינקס.

קוקט ער און קוקט אַזוי, און זעהט אַזוינס, וואָס עס איז נאָך נישט געשעהען, זינד הימעל און ערד זענען בּעשאַפען געוואָרען...

— וואָס דויערט אַזוי לאַנג? פּרעגט דער אבּ־בּית־דין.

שטאַמעלט דער שמש:

— גלייך! דאָס צינגעל שטעהט אין סאַמע־ראָדנע מיט!...

די עברות האָבּען גלייך געוואויגען מיט די מצוות.

— אַקוראַט? פּרעגט מען נאָך אַ מאָל פון בּית־דין של מעלה׳ס טיש.

קוקט ער נאָך אַ מאָל דער שמש און ענטפערט:

— אויף דער האָר!

האָט דאָס בּית־דין של מעלה אַ ישוב און גיט, נאָכ׳ן ישוב הדיעת, אַרויס אַ פּסק כּהאי לישנא:

„היות די חטאים וועגען נישט איבער די מעשים טובים — קומט דער נשמה קיין גיהנם נישט...

„און פון צווייטען צד — וועגען די מצוות נישט מעהר פאַר די עבירות, — קען מען איהר נישט עפענען די טויערן פון גן־עדן.

„על כן גע־ונד זאָל זי זיין...

„זאָל זי אַרומפליהען אין דער מיט, צווישען הימעל און ערד — ביז גאָט וועט זיך אָן איהר דערמאַנען און דערבאַרמען זיך, און צו־רופען צו זיך מיט זיין גנאָד".

און דער שמש נעהמט די נשמה און פיהרט זי אַרויס.

יאָמערט נעביך די נשמה און קלאָגט אויף איהר מזל.

— וואָס וויינסטו אַזוי? פרעגט ער זי: וועסט נישט האָבען קיין נחת און פרייד פון גן־עדן, וועסט דו דאָך אָבער אויך נישט האָבען קיין צער און יסורים פון גיהנם, — קוויט!

די נשמה אָבער לאָזט זיך נישט טרייסטען:

— בעסער די גרעסטע יסורים, זאָגט זי, איידער גאָר נישט! גאָר נישט איז שרעקליך!

קריגט ער אויף איהר, דער בית־דין־שמש, רחמנות, גיט ער איהר איין עצה:

„פליה, זאָגט ער איהר, נשמה׳לע, אַראָב און האַלט זיך נידריג אַרום דער לעבעדיגער וועלט...

„אין הימעל אַריין, זאָגט ער, קוק נישט... וואָרום וואָס וועסטו דו זעהן אין יענער זייט הימעל? נייערט שטערנדליך! און דאָס זענען ליכ־טיגע נור קאַלטע בּרואים, די וויסען פון קיין רחמנות נישט, זיי וועלען זיך נישט מיהען פאַר דיר, זיי וועלען גאָט אָן דיר נישט דערמאַנען...

„מיהען זיך פאַר איין אָרימער פערוואָגעלטער נשמה קענען נור די צדיקים פון גן־עדן... און זיי, הער נשמה׳לע, — זיי האָבען ליעב מתנות... שיינע מתנות... עס איז שוין — גיט ער צו ביטערליך — די טבע פון היינטיגע צדיקים!

„פליה זשע, נשמה׳לע — זאָגט ער ווייטער — נידריג אַרום דער לעבעדיגער וועלט און קוק זיך צו ווי עס לעבט זיך, וואָס עס טהוט זיך. און דערזעהסט דו עפּיס אַזוינס, וואָס איז אויסטערליש שען און גוט, האַפּ עס און פליה דערמיט אַרויף; עס וועט זיין אַ מתנה פאַר די צדיקים אין גן־עדן... און מיט דער מתנה אין דער האַנד זאָלסטו אָנקלאַפּען אין טיהרען זיך אין מיין נאָמען ביים מלאך פון דער פורטקע. זאָג: איך

האָב געהײסען!...

„און אַז דו װעסט האָבען געבראַכט דרײ מתּנות, זײ זיכער — װעלען זיך פֿאַר דיר עפֿענען די טױערן פֿון גן־עדן, זײ װעלען פֿועל'ן... בײ'ם כּסא הכּבוד האָט מען ליעב נישט די פֿײן געפֿוירענע, נור די אױס־געקומענע...

און אַזױ רײדענדיג, שטופּט ער זי מיט רחמנות פֿון הימעל אַרױס.

---

## ב) די ערשטע מתּנה.

פֿליהט עס אַזױ דאָס אָרימע נשמה'לע, נידריג איבער דער לעבע־דיגער װעלט, און זוכט מתּנות פֿאַר די צדיקים אין גן־עדן. און עס פֿליהט אַרום און אַרום, איבער דערפֿער און שטעדט, װאו נור אַ שטיקעל ישוב,— צװישען ברענענדיגע שטראַהלען אין די גרעסטע היצען; אין רעגען־צײט— צװישען טראָפּען און װאַסער־נאָדלען; סוף זומער — צװישען זילבערנעם שפּינװעבס, װאָס העגנט אין דער לופֿט, װינטער צװישען די שנײעליך, װאָס פֿאַלען פֿון דער הייך... און קוקט און קוקט, און קוקט זיך די אױגען אױס...

װאו זי דערזעהט אַ יוד, פֿליהט זי האַסטיג צו און קוקט איהם אין די אױגען אַרײן — צי געהט ער נישט מקדש השם זײן?

װאו עס לײכט זיך בײ נאַכט דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדען, — זי איז דאָ און קוקט אַרײן, צי װאַקסען נישט אין דער שטילער שטוב גאָט'ס שמעקענדיגע בלימעליך — בעהאַלטענע מעשׂים טובים?

לײדער!... מעהרסטענטײלס שפּרינגט זי אָב פֿון אױגען און פֿענ־סטער, דערשראָקען און פֿערציטערט...

און אַז עס געהען װײטער פֿאָרבײ זמנים און יאָהרען, פֿאַלט זי כּמעט אין אַ מרה־שחורה אַרײן. פֿון שטעדט זענען שױן בית־עלמינ'ס געװאָרען. בית־עלמינ'ס האָט מען שױן אױף פֿעלדער צוּאַקערט; װעלדער האָט מען אױסגעהאַקט, פֿון שטײנער בײ װאַסערן יז'ז זאמד געװאָרען, טײכ'ן האָבען דאָס געלעגער געביטען, טױזענדער שטערען זענען אַראָבגעפֿאַלען, מיליאָ־נען נשמה'לעך זענען אַרױפֿגעפֿליגען, — און זײן ליעבער נאָמען האָט זיך

אָן איהר נישט דערמאַנט, און קיין אויסטערליש גוטס און שעָנס האָט זי נישט געָפונען...

טראַכט זי ביי זיך:

„די וועלט איז אַזוי אָרים, די מענשען — אַזוי מיטעלמעסיג און גרוי אויף דער נשמה, און די מעשים זייערע זענען אַזוי קליין... ווי קומט צו זיי „אויסטערליש"? אויף אייביג בין איך גע ונד און פערשטויסען!"...

נור ווי זי טראַכט אַזוי, שלאָגט איהר אַ רויטע פלאַם אין די אויגען אַריין, אין מיטען דער פינסטערער, שווערער נאַכט אַ רויטע פלאַם.

זי קוקט זיך אום — פון אַ הויך פענסטער שלאָגט די פלאַם...

גזלנים זענען אַ גביר בעפ'אַלען, גזלנים מיט מאַסקען אויף די פנים'ער. איינער האַלט אַ ברענענדיגען שטורקאַץ אין דער האַנד און לייכט; אַ צווייטער שטעהט ביי'ם גביר'ס ברוסט מיט אַ בליצענדיג מעסער און הזר'ט איהם אַלץ איניאיינעם איבער: „ריהרסט דו דיך, יוד, איז דיין סוף! געהט דיר די שפּי'ץ פון מעסער פון יענער זייט רוקען אַרויס"!... און די רעשט עפענט קאַסטען און שרענק און רויבט.

און דער יוד שטעהט ביי'ם מעסער און קוקט געלאַסען צו... קיין ברעם איבער זיינע קלאָרע אויגען, קיין האָר פון דער ווייסער באָרד ביז צו די לענדען — ריהרט זיך נישט... נישט זיין זאַך... „גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט גענומען, — טראַכט ער — געלויבט איז זיין הייליגער נאָמען! „מיט דעם ווערט מען נישט געבוירען און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבר אַריין", שעפּציען זיינע בלאַסע ליפּען.

און ער קוקט גאַנץ רוהיג צו, ווי מען עפענט די לעצטע שופלאַד פון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט אַרויס זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טייערע כלים, — און ער שווייגט...

און אפשר איז ער זיי גאָר מפקיר!

נור פּלוצלונג, אַז די גזלנים טרעפען צום לעצטען בעהעלטעניש און ציהען אַרויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס בעהאַלטענסטע, — פערגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צופלאַמען זיך איהם די אויגען, ציהט ער אויס צום וועהרען די רעכטע האַנד, וויל ער אַ געשריי טהון:

„ריהרט נישט"!

נור אוים'ן אָרט פון אַ געשריי שפּריצט אַרויס אַ רויטער שטראַהל פון רויכערדיגען בלוט — דאָס מעסער האָט זיינס געטהון... עס איז

דאָס בלוט פון האַרץ און שפריצט אויפ'ן זעקעל אַרויף!

ער פאַלט און געשווינד רייסען די גזלנים אויף דאָס זעקעל — דאָ װעט זיין דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע!

זיי האָבען אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פערגאָסען — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין ציהרונג איז אין זעקעל געװען; גאָר נישט פון דעם װאָס איז טייער און האָט אַ װערטה אויף דער דאָזיגער װעלט! עס איז געװען אַ ביסעל ערד, ארץ־ישראל־ערד אין קבר אַריין, און דאָס האָט דער גביר געװאָלט ראַטעװען פאַר פרעמדע הענד און אויגען און מיט זיין בלוט בעשפריצט....

האָפט די נשמה אַ פערבלוטיגטען שטויב פון ארץ־ישראל־ערד און מעלדעט זיך דערמיט ביי דער פורטקע אין הימעל...

די ערשטע מתנה איז אָנגענומען געװאָרען.

---

## ג) די צװייטע מתנה.

— געדענק, האָט דער מלאך צוגערופען, פערמאַכענדיג הינטער איהר די פורטקע פון הימעל: נאָך צװיי מתנות!

— גאָט װעט העלפען! האָפט די נשמה און פליהט פרעהליך צוריק אַראָב.

די פרייד האָט מיט דער צייט אָבער אויפגעהערט. עס געהען װייטער אַװעק יאָהרען און יאָהרען, און זי זעהט נישט קיין אויסטערלישענס... און עס בעפאַלען זי צוריק די טרויעריגע געדאַנקען:

„װי אַ לעבעדיגער קװאַל האָט די װעלט אַרויסגעשלאָגען פון גאָט'ס װילען און רינט און רינט װייטער אין דער צייט. און װאָס װייטער זי רינט, מעהר ערד און שטויב נעהמט זי אין זיך אַריין; טריבער, אומריינער װערט זי; װעניגער מתנות געפינט מען אויף איהר פאַר'ן הימעל.... קלענער װערען די מענשען, דראָבנער — די מצוות, שטויביגער — די עברות; מעשים — נישט מיט'ן אויג צו דערזעהן!...

„װען גאָט — טראַכט זי װייטער — זאָל הייסען איבערװעגען מיט אַמאָל די מצוות מיט די עברות פון דער גאַנצער װעלט, װאָלט זיך אויך דאָס

ציגנעל קוים געריהרט, קוים־קוים געציטערט...

„די וועלט קען אויך נישט אַראָב און נישט אַרויף... ד איז אויך נע ונד צווישען ליכטיגען הימעל און פינסטערן שאול תהתיה... און דער קטיגור מיט'ן סניגור וואָלטען זיך דעריבער אייביג געראַנגעלט, ווי עס ראַנגעלט זיך דאָ אייביג ליכט מיט פינסטערקייט, וואַרימקייט מיט קעלט, לעבען מיט טויט...

„זי וויעגט זיך די וועלט, און קען נישט — נישט אַרויף, נישט אַראָב, און עס וועלען דעריבער אייביג זיין תתונות און גט'ן, ברית'ן און לויות, סעודות־מצוה און סעודות־הבראה... און ליעבשאַפט און האַס... אייביג, אייביג"...

פּלוצלונג וועקען זיך קולות פון טראָמפּייטען און הערנער...

זי קוקט אַראָב — אַ דייטשע שטאָדט (פערשטעהט זיך, אַ פאַר־צייטישע), אַלערליי, אויסגעבויגענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פאַר'ן מאַגיסטראַט, און פול מיט פערשיעדענ־פאַרביג־געקליידעטע מענשען איז דער פּלאַץ; פול קעפּ אין די פענסטער; מענשען ליעגען אויף די דע־כער אַרום, טייל זיצען רייטענדיג אויף די באַלקען, וואָס שטאַרען אַרויס ביי די ווענד אונטער די דעכער, פול געפּראָפּט זענען די באַלקאָנען...

פאַר'ן מאַגיסטראַט שטעהט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פראַנזען און טראָלבען. ביים טיש זיצען די הערען פון מאַ־גיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האָקלען, אין סויבעלנע היטלען מיט ווייסע פעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבען־אָן זיצט דער פּרעזידענט אַליין. אַ פּרעסיגער אָדלער וועהט איהם איבער'ן קאָפּ...

אָן אַ זייט שטעהט געבונדען אַ יודיש מיידעל. נישט ווייט האַלטען צעהן קנעכט אַ ווילד פערד. און דער פּרעזידענט הויבט זיך אויף און לייענט פאַר'ן יודישען מיידעל אַ פּסק פון אַ פּאַפּיער. און ער ווענדט זיך מיט'ן פּנים צום מאַרק:

„אָט די יודין דאָ, די יודישע טאָכטער, האָט אַ שווערע זינד בעגאַנ־גען; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרויס זיין באַרמהערציגקייט זאָל נישט זיין, וואָלט איהר נישט געקענט מוחל זיין...

„זי האָט זיך אַרויסגעגנב'עט פון געטא און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונזער הייליגען לעצטען יום־טוב, אויף אונזערע ריינע גאַסען...

„און זי האָט בעפלעקט מיט איהרע אונפערשעמטע אויגען אונזער הייליגע פּראָצעסיע; אונזערע הייליגע בילדער, וואָס מיר האָבען מיט לויב־

געזאַנג און קעסעל־פּויקען איבער די גאַסען געטראָגען...

„מיט אירע פערשאָלטענע אויערן האָט זי איינגעזאַפּט דאָס גע־זאַנג פון אונזערע ווייס געקליידטע, אונשולדיגע קינדער און דאָס קלאַ־פּען פון די הייליגע פּויקען... און ווער ווייסט, צי האָט דער טייוועל, דער אומריינער טייוועל, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פון דער יודישער טאָכטער, פון פערשאָלטענעם רב'ס טאָכטער, זיך נישט צו־געריהרט און נישט בעפלעקט אונזער אַ ריינינקייט?

„וואָס האָט ער געוואָלט, דער טייוועל, אין דער שענער געשטאַלט? וואָרום ליקענען קען איך נישט — שען איז זי, שען, ווי נור אַ טייוועל קען זיך מאַכען, — זעהט די חוצפה־שטראַהלענדיגע אויגען פון אונטער די צגועה'דיג אַראָבגעלאָזטע ווייגע ברעמען... זעהט דאָס אַלבאַסטער פּנים, וואָס איז אין דער לאַנגער תפיסה גור בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרען!... זעהט אירע פינגער, אירע שמאָלע, לאַנגע פינגער ביי די הענד; די זון לויכט דורך זיי אַדורך!...

„און וואָס האָט ער געוואָלט דער טייוועל, אָברייסען אַ נשמה פון דבקות אָן דער פּראָצעסיע... און עס איז איהם געראָטען:

— זעהט דאָס שענע מיידעל! האָט אויסגערופען אונזער אַ ריטטער פון אייגער פון אונזערע שענסטע משפחות...

און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס — די האַלעבאַרדניקעס האָבען זי בעמערקט און געהאַפּט — ער האָט זיך אפילו ניט געוועהרט, דער טייוועל — וואָרום, ווי אַזוי? ריין זענען זיי דעמאָלט געווען, אָבגע־רייניגט פון אַלע זינד, האָט ער אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט...

און דאָס איז דעם טייוועל'ס, אין געשטאַלט פון דעם יודיש מיי־דעל, פּסק:

„צובינדען זאָל מען זי ביי די האָר, ביי די לאַנגע טייוואַלישע צעפּ, צום ווילדעל פון אַ דעם ווילדען פערד...

„זאָל עס לויפען און שלעפּען זי ווי „אַ הורג" איבער די גאַסען, וואָס אירע פיס האָבען געטראָטען געגען אונזער הייליגען געזעץ...

„זאָל איהר בלוט בעשפּריצען און אָבוואַשען די שטיינער, וואָס זי האָט פערמאומריינינט מיט אירע פיס"! —

אַ ווילד פרייד־געשריי האָט זיך אויסגעריסען פון אַלע מיילער אַרום, און אַז די פּאַליע פון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פרעגט מען די פערמשפּט'ע צום טויט, אויב זי האָט זיך נישט עפּיס וואָס צום לעצטען

מאָל צו ווינשען.

— איך האָב, ענטפערט די געלאָסען: עטליכע שפּילקעס בעט איך!

— די איז דאָל פאַר שרעק! — מיינען די הערדען פון מאַגיסטראַט.

— ניין! ענטפערט די רוהיג און קאַלט: דאָס איז מיין לעצטער ווילען און פערלאַנג.

מען האָט עס איהר צוליעב געטהון...

— און אַצונד, קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט, בינדט צו!

עס געהען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדען צו מיט ציטערדיגע הענד דעם רב׳ס טאָכטער׳ס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום וויידעל פון ווילדען פערד, וואָס מען קען שוין קוים דערהאַלטען...

— מאַכט אַ וואַרע! קאָמאַנדירט ווייטער דער פּרעזידענט צו׳ם עולם אויפ׳ן פּלאַץ, און עס ווערט אַ געדרודער. דער עולם שטעלט זיך און דריגנט זיך צו צו די ווענד פון די הייזער, און אַלע הויבען אויף די הענד, ווער מיט אַ בייטש, ווער מיט אַ שפּיץ־רוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנד, און אַלע זענען גרייט צו יאָגען דאָס ווילדע פערד, יעדערענס אָטהעם איז געשטיקט, אַלע פּנים׳ער פלאַמען, אַלע אויגען בליצען, און אין געדרודער בעמערקט נישט קיינער, ווי די פער׳משפּט׳ע בייגט זיך שטיל אַראָב און שפּי׳עט זיך צו די זוים פונ׳ם קלייד צו די פיס און שטעקט טיעף, טיעף אַריין די שפּילקעס זיך אין לייב — עס זאָל איהר לייב נישט ענטפּלעקט ווערען, ווען דאָס פערד וועט די שלעפּען אין די גאַסען...

בעמערקט האָט עס נאָר די נע ונד׳ניצע — די נשמה...

— לאָזט דאָס פערד! קאָמאַנדירט דערווייל ווייטער דער פּרעזידענט, און די קנעכט זענען דערפון אָבגעשפּרונגען, און מיט אַ מאָל האָט עס זיך אויסגעריסען. און אויסגעריסען האָט זיך אויך אַ געשריי פון אַלע מיילער, און עס וועהען און פייפען אין דער לופט אַלע בייטשען, שפּיץ־רוטען און טיכער. און ווילד דערשראָקען יאָגט דאָס פערד איבער׳ן מאַרק, איבער גאַסען און הינטער־גאַסען אַרויס, אַרויס פון שטאָדט...

און די נשמה, די נ|ע־ונד׳ניצע, האָט שוין אַרויסגעצויגען אַ פער־בלוט׳גטע שפּילקע פון דער פער׳משפּט׳ערס פוס און פליהט שוין מיט איהר צום הימעל אַרויף!

— נאָך איין מתנה אינגאַנצען! טרייסט זי דער מלאָך ביי דער פורטקע.

---

י. ל. פרץ.

## ד) די דריטע מתנה.

---

און צוריק פליהט אַראָב די נשמה, אינגאַנצען נאָך איין מתנה דאַרף זי.

און עס געהען ווייטער אַוועק זמנים און יאָהרען, און עס בעפאַלט זי ווייטער אַ מרה שחורה. די וועלט, דאַכט זיך איהר, איז נאָך קלענער געוואָרען... נאָך קלענערע מענשען, נאָך קלענערע מעשים... די גוטע חי די שלעכטע...

איינמאָל טראַכט זי:

„ווען גאָט, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען, זאָל וועלען אַ מאָל אָב־שטעלען און סוף כל סוף משפט'ען די וועלט, אַזוי ווי עס איז, מיט אַמאָל... און פון איין זייט זאָל זיך שטעלען אַ סניגור און שיטען פון ווייסען זאַק אַרוים שרעטעלעך און שטויבעלעך; און פון דער צווייטער זייט— דער קטיגור זאָל שיטען זיינע פיצלעך און ברעקלעך, וואָלט געדויערט און געדויערט אײדער די זעק וואָלטען לעדיג געוואָרען... אַזוי פיעל קלייניגקייטען, אַזוי פיעל!

„אָבער אַז די זעקלעך וואָלטען שוין לעדיג געוואָרען, וואָס וואָלט געוועזן?

„דאָס צינגעל וואָלט געווים געבליבען שטעהן אין דער מיט!

„ביי אַזוינע קלייניגקייטען, ביי אַזוי פיעל קלייניגקייטען קען גאָר נישט איבערוועגען... וואָרום וואָס? נאָך אַ פעדערל, נאָך אַ שטרויעלע, נאָך אַ פלעווע, נאָך אַ שטויבעלע...

„און וואָס וואָלט גאָט געטהון? וואָס וואָלט ער גע'פסק'עט?

„צוריק צו תהו ובהו? נישט: די עבירות וועגען נישט איבער די מצוות...

„אויסלייזען? אויך נישט: די מצוות וועגען נישט איבער די עבירות...

„וואָס דען?

— געה ווייטער! וואָלט ער געזאָגט... פליה ווייטער צווישען גיהנם און גן־עדן, ליעבשאַפט און האַס, רחמנות'דיגע טרעהרען און רויכערדיג בלוט... צווישען וויגען און קברים... ווייטער, ווייטער!"

דער נשמה איז אָבער בעשערט געוועזן אויסגעלייזט צו ווערען. פון די שווערע מחשבות— וועקט זי אַ קול פון פויקען...

וואו איז זי, ווען?

זי דערקענט נישט דעם אָרט, נישט די צייט...

נאָר אַ פּלאַץ פאַר אַ תפיסה זעהט זי... אַן די אייזערנע גראַטען אין די קליינע פענסטערלעך ציהען זיך שפּיעלענדיג די שטראַהלען פון דער זון... זיי גליטשען זיך אויך אָן די שטיקען פון צוזאַמענגעשטעלטען געוועהר בײ דער וואַנד. די סאָלדאַטען האָבען אין האַנד אַריין— ריטער בעקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלען דורכגאַנג אין דערמיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: „דורך אַ סטרוי" וועט מען טרייבען... וועמען?

עפּעס אַ יודיל מיט אַ צעריסען העמד אויפ'ן מאָגערן לייב, מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן האַלב־געגאָלטען קאָפּ. אָט, פיהרט מען איהם צו.

פאַר וואָס קומט עס איהם? ווער ווייסט, אַ פּאַרצייטישע זאַך! אפשר פאַר אַ גנבה, אפשר פאַר אַ גזלה צי אַ רציחה, און אפשר אַ בלבול... עס איז דאָך געווען פאַרצייטען....

און די זעלנער שמייכלען און טראַכטען: נאָך וואָס האָט מען אונז אַזוי פיעל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויסהאַלטען די הע'לפּט!

נאָר אָט שטופּט מען איהם צווישען די שורות אַריין, אָט געהט ער... און ער געהט גלייך און שטרויכעלט נישט און פאַלט נישט... ער לייזט שמייץ און האַלט זיי אויס...

אַ גרים־צאָרן האַפּט אָן דעמאָלט די סאָלדאַטען! ער געהט נאָך, ער געהט!

און די ריטער פייפען אין דער לופט ווי די רוחות און האַפּען אַרום דאָס לייב ווי די שלאַנגען. און דאָס בלוט פון מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצען!

הו—האַ! הו—האַ!

אין מיטען טרעפט אַ סאָלדאַט צו הויך און וואַרפט דעם פער־משפּט'ן אַראָב די יאַרמאָלקע פון קאָפּ. נאָך עטליכע טריט בעמערקט ער עס, דער פער'משפּט'ער... ער גיט זיך אַ ריהר, גלייך ער האָט אַ ישוב, און איז זיך מישב, און דרעהט זיך אום: ער וועט נישט געהן בגלוי הראש, און ער געהט צוריק ביז צום אָרט, וואו די יאַרמאָלקע ליעגט, ער בויגט זיך איין און הויבט זי אויף, און דרעהט זיך צוריק אום און געהט ווייטער, רוהיג, רויט פערבלוטיגט, נאָר מיט דער יאַרמאָלקע אויפ'ן קאָפּ. אַזוי געהט ער, ביז ער פאַלט...

און אַז ער איז געפאַלען, איז צוגעפלויגען די נשמה און געהאַפּט די יאַרמאָלקע, וואָס האָט אַזוי פיל אומזיסטיגע שמיץ געקאָסט, און איז אַרויף מיט איהר צו דער פורטקע פון הימעל.

און די דריטע מתנה איז אויך אָנגענומען געוואָרען!

און די צדיקים האָבען זיך פאַר איהר געמיהט: די טויערן פון גן־עדן האָבען זיך איהר נאָך די דריי מתנות געעפענט!

און דער „אורים ותומים" האָט געזאָגט:

— אמת שענע מתנות, אויסטערליש שענע... צו־ניץ קומען זיי נישט, גאָר נישט לתשמיש, אָבער לנוי — אויסטערליש.



# אײן אבקומעניש.

# אייז אבקומעניש.

פאַרצייטיגע חסידים האָבען געוואוסט, ווער חיים־יונה־וויטעלס איז געווען. עס איז געווען צו זאָגען: דעם אַלטענס בעל־תפלה. כידוע, האָט מען נישט אַזוי לייכט צוגעלאָזט בײ׳ם אַלטען צום עמוד. בפרט ראש־השנה ויום־כפור, און חיים־יונה־וויטעלס האָט טאַקי געדאַווענט ימים נוראים און ער איז עס ווערט געווען: אַ יוד אַ למדן, בנגלה און בנסתר, אָבער גאָר אַ שאַרפער למדן, און אַ ירא שמים — איין אמת אָבגעהיטענער יוד, אפילו נאָך אַ יונגער מאַן, נאָר די תעניתים מיט די סגופים, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, וואָלטען גענוג געווען פאַר צעהן מנינים... און עברי האָט ער געזאָגט! פערשטעהט זיך, נישט אויפ׳ן חסידישען אופן, נאָר אַזוי עברי, אַ התוך הדבור! אַ וואָרט פאַלט ווי אַ פערל פון מויל, און אַ קול האָט ער געהאַט — רבונו של עולם, מען זעהט גאָר היינט אַזוינע בעלי תפלות נישט!

אַ קיימא לן האָבען מיר, אַז בײ׳ם „אַלטען" אין בית־המדרש האָבען געדאַווענט אַ די מאות... קיין בענק זענען נישט געשטאַנען, און דער גאַנצער הלל פון בית־המדרש איז געווען אָנגעפראָפט מיט מענשען. אַז עמיצען איז אין מיטען דרינען, ביי שמונה עשרה צי ביי תקיעות, צי ביי כהנים דוכנ׳ען, אַראָבגעפאַלען דער טלית פון קאָפּ, האָט ער איהם שוין נישט אַרויפגעצויגען, אַרויסציהען אַ האַנד — מאַן דכר שמיה! און כפלים אויפ׳ן הויף. און אַ הויף איז געווען בײ׳ם אַלטען, — מען זעהט גאָר היינט נישט אַזוינע הייף. און פונדעסטוועגען, אַז חיים־יונה־וויטעלס האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול, האָט געקלונגען ווי אַ גלאָק אין די אויערען! האָסט דו געמעגט שטעהן אין ווייטסטען ווינקעלע פון הויף, האָט עס דיר געקלונגען... חיים־יונה־וויטעלס זאָגט שוין בלחש, און ביי דיר אין אויער קלינגט נאָך —

אַ מעשׂענע קויל קאָלערט זיך אין אויער! אין הײנט זײַן „בלחש״, דאָס איז גאָר געהען פלאי פלאים. דאַכט זיך, דאָס קול האָט זיך אַראָבגעלאָזט ביז צו דער נידריגסטער מדרגה, עס איז אַזוי שטיל־זיס־װײנענדיג... טײלמאָל דאַכט זיך דיר, אַז עפּעס אַ קלײן קראַנק קינד אין װיעג, װאָס פּאָכט שוין מיט׳ן לעבען, רופט אַזוי שטיל צו דער רחמנות׳דיגער מוטער: קום, קום, מאַמע, העלף! און דעם שטילען, זיסען „בלחש״ האָבען אויך געהערט אַלע, אַלע — דאָס איז שוין קײן קונץ געװען! און צעלאָזט זיך חיים־יונה־װיטעלס אין אַ „יעלה״ — רבונו של עולם! עס האָט זיך געדאַכט, די װענד װעלען צוגעהן!

און צו דעם אַלעם איז עס געװען אַ בעשמעקטער מענש, אַ הדרת פּנים — די שכינה, כביכול, האָט אויף איהם גערוהט, אָנגעטהון װי אַ טאָק. נישט, הלילה, פאַר גאוה װעגען! זײן דרך איז אַזוי געװען. אַ זײדענער קאַפּטאַן מיט סטראָקעס, אַ לײפּסקער זײדענער גאַרטעל, און אַ שטרײמיל, — האָט עס געבלאַנקט און געבליצט מיט די זילבערנע האָהר... און אַ באָרד אַ שװאַרצע, אַ לאַנגע; ביז׳ן גאַרטעל אַרײן אַ באָרד. און פּאות געקרײזעלטע, און אויף דער צורה איז געלעגען אויסגעגאָסען די אײגענע זיסע גבורה, װאָס האָט געשטעקט אין קול... און אַ פּאָר אויגען — מענשען האָבען געגאַפט! נישט אײנמאָל פלעגט דער אַלטער זאָגען:

— אַזאַ מענש דאַרף זיך היטען פאַר אַ עין הרע.

מײנט איהר דאָך אודאי, ער האָט געמײנט פּראָסט אײן עין הרע... אָבער דער אַלטער פלעגט קײנמאָל נישט רעדען אַזוי פּראָסט אין פּשטות אַרײן... אײן אַנדער מין עין הרע האָט ער געמײנט. פאַרצײטענס פלעגט זיך גאַנץ אָפט טרעפען, אַז אַ פּריצה, אײן אלמנה, צי אַ גרושה, פלעגט פלוצלונג אַרײַנפאָהרען אין אַ שטעדטיל אַרײן, און מיט געװאַלד אויפהאַפּען אַ יוד פון גאַס, פערשטעדט זיך, װאָס שענער און געזונטער, און אַװעקפיהרען צו זיך אין פּאַלאַץ אַרײן, און נויטען צו זינדיגען, מיט גוטען, מיט בעזען. עס פלעגט זיך טרעפען, אַז אַ יוד איז נישט עומד בנסיון געװען און האָטש די פּריצה פלעגט איהם, ס׳רוב, דערנאָך אַרויסװאַרפען, און ער פלעגט, נעבּיך, אַהײם געהן און תשובה טהון, תעניתים פאַסטען, טהון װאָס מען האָט געהײסען, האָט עס דאָך נישט שטענדיג געהאָלפען... אַזאַ שלעכט אויג האָט דער „אַלטער״ געמײנט...

געזאָגט האָט מען, אַז חיים־יונה־װיטעלס איז אַ גרױסער זהיר, אַז אין אַ יריד־טאָג, און אין אַזוי װנטאָג צי אין הג׳ע קומט ער ממש נישט

גרויס מפתח ביתו. און פון דעסטוועגען, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָט דער „אַלטער" רעכט געהאַט...

---

ויהי היום. חיים־יונה־וויטעלס דאַרף קומען אויף ראש־השנה, דאָס הייסט, ער דאַרף קומען האָטש אַכט טאָג פאַר ראש־השנה. וואָרום אַ מענש אויפ'ן וועג, ווי געוואָרענט ער וועט נישט זיין, איז עלול זיך צו פערקיהלען די גרגרת, בפרט חיים־יונה וויטעלס, וואָס האָט געהאַט אַ מהלך פון איבער צעהן מייל; און געהן פלעגט ער, פון שכר הליכה וועגען, צו פוס... דאַרף ער טאַקי קומען פריהער מיט אַ וואָך אָבצורוהען זיך, און אַזוי פלעגט ער שטענדיג טהון. ער פלעגט קומען, אַרומגעהן שטיל שוויינענדיג, מיט אַ גרויסער רויטער שאַל אַרומגעוויקעלט דעם האַלז, און טאָג אויף טאָג שלינגען רויהע אייער, אַ האַלב שאָק איבער'ן טאָג אַוודאי... און די אייער האָט ער בעקומען פריש פון די היהנער פון הויף. וואָרום אַ מפונק איז ער אויך געווען, אַז מיט וואָס עס איז פלעגט ער זיך קאַליע מאַכען דעם מאָגען. ויהי היום, חיים־יונה־וויטעלס דאַרף קומען. עס איז אַכט טאָג פאַר ראש־השנה; עס געהט אַוועק אַ טאָג בלייבט זיעבען; נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און מען הערט נישט, און מען זעהט נישט. טראַכט מען, עס מוז עפּיס זיין אַ סבה... הערט מען, אַז עמיץ פון יענער שטאָדט איז געקומען, עפּיס אַ בעל־הבית'ישער מענש, אַ האַלבער חסיד, געקומען געוואָהר ווערען, צי עס איז עפּיס אַ דרך. ווערט מען געוואָהר, וואו ער איז פערפאָהרען, לויפט חברה אין אכסניא אַריין; שלאָפט ער. ליעגט ער און הראַפּעט. האַפּט חברה אַ פרישע קאַן וואַסער פון ברונעם און גיסט איהם אָב. שפּרינגט ער, דער יוד, אויף, נישט טויט, נישט לעבעדיג: וואָס ווילט איהר, גזלנים?

פרעגט חברה, אויף חיים־יונה־וויטעלס.

זאָגט ער, דער יוד, נעבּיך, און עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, אַז חיים־יונה־וויטעלס איז שוין לאַנג אַרויסגעגאַנגען פון דערהיים, ער האָט זיך מיט אַלע געזעגנט. עטליכע פון אנשי שלומנו האָבען איהם בעלייט פון שטאָדט אַרויס ביז צום וואַלד. ביים וואַלד האָט מען זיך אָבגעשטעלט און גענומען אַ ביסעל משקה, ווי דער שטייגער איז. ער איז אויך דערביי געווען. מען האָט איהם קוים צוגעלאָזט... דערנאָך איז חיים־יונה־וויטעלס מיט'ן טלית ותפילין אַריין אין וואַלד אַריין און חברה איז צוריקגעגאַנגען.

— ער איז נישט דאָ! זאָגט הברה.

— ווער? — פרעגט דער יוד.

— משוגע ביסטו, מטורף? — וואַרפט זיך אויף איהם הברה. ווילסט נאָך אַ קאַן קאַלט וואַסער? חיים־יונה־וויטעלס איז נאָך נישט דאָ!

— אויב אַזוי, — ענטפערט דער יוד און ציטערט — האָט ער אָדער פערבלאָנדזעט, אָדער ער איז קראַנק געוואָרען אויפ'ן וועג, אָדער אַ חיה רעה...

— האַלט ס'מויל! — שרייט די הברה. און עס בלייבט, מען זאָל מודיע זיין דעם „אַלטען". מודיע זיין... דעם „אַלטען" האָט מען נישט געדאַרפט מודיע זיין, נור אַזוי פאַר דרך ארץ... לפנים דאַרף אַלץ זיין על פי דרך הטבע. און — מען מוז זיך דאָך אַרומקוקען וועגען אַ בעל־תפלה...

זוכט מען אויס אַ גרויסען מקורב, וואָרום קרוב לראש השנה איז מען צו'ם „אַלטען" מיט קיין עסקים נישט צוגעקומען... אַזוי, אַריין, אָבגעהמען „שלום־עליכם" און אַרויס, אָבער קיין שום מחזקות נישט... און אַזוי ביז נאָך הושענא־רבה. אַזאַ מנהג איז שוין געווען. נאָר ביי אַזאַ סבה! זוכט מען אויס אַ מקורב, שטעלט ער זיך איין. געהט ער צום „אַלטען" אין חדר אַריין, צומאַכען אין גאַנצען די טהיר הינטער זיך, לאָזט הברה נישט; עמיץ האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס, בלייבט אַ שפאַרע, און הברה שטעהט הינטער דער טהיר און הערט אונטער.

הערען זיי, ווי דער מקורב געהט צו, — דער אַלטער מאַכט עפּיס שטיל, דערנאָך דערהערט מען דעם ס'ף פסוק: טרהכם, משאכם וריבכם... דערנאָך אַ פּאָר ווערטער וועגען השבון הנפש... אַז דער גרעסטער און דער קלענ־סטער דאַרפען פאַר ראש השנה מאַכען חשבון הנפש... און עפּיס אַ משל למלך. וואָס, האָט מען נישט געהערט. ווייל סוף ימיו פלעגט דער אַלטער רעדען גאַר שטיל... שפּאַרט מען נאָך אַביסעל אויף די טהיר, זעהט מען ווי דער אַלטער זיצט, מיט'ן קאָפּ אַראָבגעלאָזט אויף דער האַנד, זעהר מיעד, ווי ער איז שוין געווען ביז צו דער פּטירה, די גרויסע ברילען אויפ'ן שטערן, די אַנדער האַנד אויפ'ן זוהר...

— נו, הלל, — מאַכט ער — וואָס ווילסטו?

דערצעהלט איהם דער מקורב, אַז, באשר בכן, חיים־יונה וויטעלס איז נאָך נישט דאָ... דערנאָך, — אַז עס איז געקומען אַ יוד פון דאָרט...

און ער דערצעהלט איהם כהויה די מעשה פון דער אכסניא, און וואָס דער יוד האָט געזאָגט... הערט ער אויס, דער „אַלטער", און שווייגט. מען זעהט בחוש, אַז מען האָט איהם קיין נייעס נישט דערצעהלט... דערנאָך האָט ער אָבגעזיפצט; זעהט מען, אַז ער האָט קיין נחת נישט דערפון. זאָגט דער מקורב, — כלומר'שט פאַר זיך, נור אַזוי, דער „אַלטער" זאָל הערען, — אַז חיים־יונה־וויטעלס איז אַ טאַטע פון קינדער, — זאָגט דער אַלטער: מן הסתם...

— און ווער — פרעגט שוין פראָסט דער מקורב — וועט צוגעהן צו'ם עמוד?

מאַכט ער, דער אַלטער:

— שוטה, ער קאָן נאָך קומען!

און אַזוי ביז נאָך הושענא־רבה. אַזאַ מנהג איז שוין געווען. נאָר ביי אַ שמחה. חברה האָט איהם הינטער דער טהיר אַ וואַרע געמאַכט. נאָר ער האָט ביי זיי קיינעם אפילו קיין שלום נישט גענומען, און אַריינגעלאָפען גלייך צו'ם אַלטען, און דאָס פנים האָט איהם געשטראַהלט פאַר שמחה און די אויגען האָבען איהם געלויכטען.

— רבי, האָט ער אויסגעשריען: גאָט האָט מיר געהאָלפען, כ'בין דאָ! אַ נס!

און אַזוי ווי ער זאָגט עס אַרויס, פאַלט אַריין חיים־יונה־וויטעלס מיט און דאָס קול ציטערט איהם פאַר פרייד.

נאָר דאָ איז געשעהען אַזוינס, וואָס זאָל שוין טאַקי קיינמאָל נישט געשעהן!

דער „אַלטער" הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף חיים־יונה־וויטעלס שאַרף, קאַלט און שאַרף. איך ווייס? אויף אַ קל שבקלים קוקט מען נישט אַזוי. און פלוצלונג שטעלט ער זיך אויף מלא קומתו, גלייך אַ בוים וואָלט פלוצלונג אַרויסגעשפרונגען פון דער ערד...פון שלום געבען — נישט צו רעדען, דער „אַלטער" האַלט די האַנד אונטער זיך, און פלוצלונג גיט ער אַ געשריי:

— נואף!

האָהר און נעגעל האָבען זיך קאַפּויער געשטעלט, און חיים־יונה־וויטעלס, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען, האָט ער געגעבען אַ פאַל אויף דער ערד, גלייך עס וואָלט אהם פלוצלונג אַ דונער געטראָפען.

דער עולם שטעהט אָבהענדיג, און דער אַלטער זעצט זיך צוריק

און זאָגט מיט זיין שטיל קול:

— נעהמט איהם, טראָגט איהם אין בית־המדרש אַריין, מונטערט איהם אויף, און זאָל ער זיך פאַר אייך מתודה זיין...

און אַזוי איז געשעהן...

---

אַז היים יונה־וויטעלס איז אַביסעל צו זיך געקומען און מען האָט איהם אַרויפגעזעצט אויף דער באַנק, איז עס שוין נישט געווען דער אייגענער היים־יונה־וויטעלס... שוואַרץ ווי די ערד, די אויגען אַיינגעפאַלען און ברענענדיג, ווי אין אַ פיעבער, אָדער, השם ישמרנו, ווי ביי אַ דבוק. און דעם קאָפּ מוז מען איהם אונטערשפּאַרען, אַניט שלאָגט ער זיך אָן דער וואַנד: אַזוי ציטערט ער אין גאַנצען.... און פון די הייסע ליפען רינט עפּיס אַ מין שוים, רחמנא יצילנו; און אַז דער מענש עפענט די ווייסע ליפען און וויל רעדען, איז עס שוין נישט זיין קול...

— רבותי, — שטאַמעלט ער מיט אַ גרויס געבעט, אַז עס האָט דאָס האַרץ געשניטען, — רבותי, איך בין קיין נואף נישט... און ער קוקט זיך אום, און זעהט, אַז מען גלויבט איהם נישט. אין די אויגען זעהט ער, בעט ער זיך: — רבותי, פיהרט מיך צו צום אָרון קודש!

ער וויל שווערען, — נו, קאָן מען איהם צולאָזען צו אַ שבועה, אַז דער אַלטער האָט בפירוש געזאָגט... זאָגט חברה: „ווילסט דערצעהלען, דערצעהל, נאָר אָהן שבועות"....

הויבט ער אָן דערצעהלען. דאָס קול ברעכט זיך איהם וואָס אַמאָל איבער, נאָר די אויגען, מיט וועלכע ער קוקט אַרום אויפ'ן עולם, בעטען זיך... ער דערצעהלט, — מויל און אויערן אויפצושטעלען!

אַרויסגעגאַנגען איז טאַקע היים־יונה־וויטעלס פון זיין שטאָדט צו דער רעכטער צייט, ווי יאָהר ביי יאָהר. גענומען טלית ותפילין, אַביסעל צידה לדרך און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. דער יוד אויף דער אכסניא האָט, געביך, עהרליך דערצעהלט: חברה האָט איהם בעלייט, געטרונקען לחיים, און געגען האַלבען טאָג, איז היים־יונה־וויטעלס אַוועק רעכטס מיט'ן וואַלד, און חברה איז צוריק אין שטאָדט אַריין...

געהט ער אַזוי אַ שעה אָנדערטהאַלבען, שטעלט ער זיך אָב זון וויל מנחה דאַווענען. דעם וואַלד קען ער גוט, כמעט יעדען בוים, נאָר פערלאָזען זיך אויף טביעת עין וועגען „מזרח" וויל ער נים. געדט ער, וואו דער וואַלד ווערט ליכטיגער, און וויל אַרויס אויפ'ן פעלד, בכדי צו זעהן,

וואו די זון לאָזט זיך אַראָב צו'ם אונטערגעהן. קומט ער אַרויס אויף אַ וועג צווישען וואַלד און פעלד, טהוט ער אַ קוק אַרויף צום הימעל און בלייבט שטעהן: ער האָט נאָך אַזאַ הימעל נישט געזעהן, אַזאַ ברענענ־דיגען מערב נישט געזעהן. ממש אַ שטיק פייער. קוקט ער אַזוי און איז מהרהר בתשובה; ער דערמאָנט זיך אָן פייער פון גיהנום.. און ער שטעהט אַזוי, און איז מהרהר בתשובה, און הערט נישט, אַז הינטער איהם אין שווערען זאַנד פאָהרט אַ קאַרעטע.... עס איז אַיין אָפענע קאַרעטע, אויבען אָן איז געזעסען אַ יונגע פריצה... הינטער איהר — אַ יעגער, אַ מין קאָזאַקיל, ווי פאַרצייטענס דער שטייגער איז געווען; פון פאָרינט — אויך אַ יעגער, אויך אַ מין קאָזאַקיל, אַ הויץ אַ שמייסער מיט דריי פאָר לייצען אין דער האַנד — דריי פאָר פערד נאַשפּיץ. און אַז ער האָט דערהערט, איז שוין געווען צו שפּעט, איז ער שוין געפאַלען דער פריצה אין די אויגען אַריין.

— שטעה, יוד! האָט זי אַ געשריי געטהון, שטעה בעשמעקטער מענש! און זי פערהאַלט די קאַרעטע.

מן הסתם איז הוים־יונה־וויטעלס נישט שטעהן געבליבען, כהרף עין איז ער צוריק אַריין אין וואַלד, און לויפען לויפט ער פאַר זיך — פייל פון בויגען, מיט אַלע כחות.. .הערט ער אָבער דער פריצה'ס קולות... זי שיקט איהם נאָך די קאָזאַקליך — שלעכט! זיי וועלען איהם דעריאָגען! האָט ער אַ ישוב און בעהאַלט זיך.

וואו בעהאַלט ער זיך?

אין יענע וועלדער זענען פאַרהאַן משונה'נע בוימער... הויכע, גע־זונדטע בוימער, און די צווייגען וואַקסען ביי זיי אַרויס פון שטאַם, ווי ביי אַלע בוימער, נאָר — גבורת הבורא — אַז זיי קומען אַרויף ביז אַ געוויסער הויך, בויגען זיי זיך אוים ווי די פיילענבויגען, און וואַקסען קיילעכדיג צוריק אַראָב, ביז צו דער ערד, און וואַקסען אפילו טיילמאָל טיעף אין דער ערד אַריין. שפּרינגט ער אַריין אין אַזאַ סוכה פון צווייגען, וואַרפט זיך מיט אַיין אימפּעט אויף דער ערד און האָט אַ מערכה, וואָס ער פאַלט אויף אַ ווייכען מאָך... נאָר, ווען ער זאָל זיך אפילו געוועין עפּים טהון, וואָלט ער אויך קיין קול נישט אַרויסגעלאָזט; ער האָט מורא אפילו הויך צו עטהעמען; ער האָט פחד, מען זאָל נישט הערען, ווי עס שלאָגט ביי איהם דאָס האַרץ, ווייל די קאָזאַקליך לויפען אויף און אָב, קומען געהנטער און דערווייטערען זיך, און רופען איינער צו'ם צווייטען: האָפּ־

האפ! האפ־האפ! ווי מען איז זיך נוהג אין וואלד. נאר שטילערהייד, אין צוזאמענעם הארץ, איז ער מתפלל צום בורא עולם, ער זאל איהם ניט ברענגען צו קיין נסיון... ווייל די פריצה, דאס האט ער דערזעהן, איז געווען גאר א יפה־פיה, אין איין אפען סויבעלענעם פוטער, און פון פארענט האבען איהר געבליצט ברילִיאנטען, א מכשפה! — בעט ער זיך נעביך: רבונו של עולם, צי עס איז א בשר ודם, צי א רוח, צי ווייס איך וואס, זיי מיך מציל פון איהרע הענד...

און די הויט ציטערט אויף איהם, ווייל ער הערט, ווי די פריצה שרייט און בייזערט זיך, פאר וואס מען געפינט איהם נישט. „איך וואלט פון אייך, כלבים, די הויט אבציהען, און דאס פלייש פאר די הינד ווארפען... אויף א פאל וועל איך אייך זעצען“... און ער פרובט זיך טרייסטען, אפשר איז עס, טראכט ער, גלאט א מרשעת, א שונא ישראל, ווייל מיך האפען און פייניגען, אין תפיסה אריינזעצען — איז ער מקבל אויף זיך דעם גזר־דין... אבי ניט קיין זינד! רבונו של עולם, אבי נישט קיין נסיון!

עס איז אבער בעשערט געווען א נסיון... און אז די פריצה האט געזעהן, אז די קאזאקליך געפינען נישט, האט זי געהאלטען א הונד אויף דער שוים, נעהמט זי און לאזט אראב דעם הונד, און דער הונד לויפט אין וואלד אריין, און שנאפט אונטער די בוימער, און האט איהם דערשנאפט.... און די קאזאקליך זענען צוגעקומען, און האבען תיכף ומיד ארויסגענומען שטריק און האבען איהם געבונדען און אוועקגעטראגען צו דער פריצה.

— פאר וואס האט איהר איהם געבונדען? — בייזערט זי זיך

— ער האט געביסען! — ענטפערען זיי און ווארפען איהם דער פריצה צו פוסענס אין קארעטע אריין, און דא הויבט זיך אן דער נסיון...

בשעת מעשה, אז מען האט איהם געהאפט און געבונדען, האט היים־יונה־וויטעלס א נדר געטהון, די אויגען נישט צו עפענען, איהר א'ן פרצוף אריין נישט צו קוקען... נאר קול באשה איז אויך געווג, ער ביהלט, ווי דאס קול צוגעהט איהם אין אלע איברים, ווי עס ווערט איהם היים אין אלע גליעדער. צו די קאזאקליך האט זי געשריגען; צו איהם,— ממש זי זינגט. זי וועט איהם — זאגט זי זינגענדיג — אליין אויפבינדען, און יעדען ארט, וואו דער שטריק האט זיך צוגעריהרט, וועט זי אויסקושען... זי וועט איהם פיהרען צו זיך, אין פאלאץ אריין... א גן־עדן

וועט ער האָבען...

און די קאַרעטע פאָהרט צוריק, און די בינט און בינט איהם אויף די שטריק, און דאָרט, וואו זי ריהרט זיך צו צו זיין לייב, יאָגט איהם אַריין פון די פינגער אַ מין שמעקענדיגע וואַרימקייט.

איז ער דאָך אָבער פאָרט היים־יונה־וויטעלס, שטאַרקט ער זיך, פאַלט ער צו איהרע פיס, הויבט זיך אָן צו בעטען... זייער לשון האָט ער געקאָנט... בעט ער זיך:

— פריצה, ליכטיגע פריצה... גרויסע, ליכטיגע פריצה, וואָס ווילסט דו פון מיר?

— איך וויל דיין גוטס, — זאָגט זי, — איך געפעל דיר דען נישט?

— פריצה, ליכטיגע פריצה... וואָס טויג דיר אַ מאוס'ער, קרעצי־גער יוד (צייט ער לעבט האָט ער קיין שפרינגקעלע אויפ'ן לייב נישט געהאַט, נאָר ער וויל זיך פער'מאוס'ען). צי איז דיין ערגסטער קנעכט דער פאַסטוך, וואָס פאַשעט דיינע הזירים, נישט שענער און נישט שטאַרקער פאַר מיר?

און זי לאַכט:

— ניין! שענער און בעשמעקטער פאַר דיר איז נישט דאָ! דיין אָטהעם — זאָגט זי — ברענט מיך ווי אַ פייער... און זאָלסט נאָך די אויגען עפענען...

און ער בעט זיך ווייטער:

— גרויסע ליכטיגע פריצה, איך בין אַ יוד... און אונזער הייליגע תורה אסר'ט אַזויגע זאכען... לאָז מיך נישט פערלירען די וועלט און יענע וועלט...

זאָגט זי, זי וועט איהם געבען מעהר ווי שני עולמות...

בעט ער זיך ווייטער:

— איך בין אַ יוד און האָב אַ ווייב אַ יודענע, און זעקס קינדער בהורים האָב איך... צי דאַרף אַזאַ גנעדיגע, גרויסע, ליכטיגע פריצה צוגעהמען ביי איין אָרימער יודינע אַ מאַן, און ביי זעקס יודישע בהורים אַ טאַטען — דו, וואָס האָסט פאַלאַצען און משרתים....

און זי האַלט זיך ביים איהריגען:

— קוק אויף מיר! זאָגט זי כמעט מיט אַ געבעט...

און פאָהרען פאָהרט מען אַליין צוריק, און די פריצה ניט אויף מיטען אַ בעפעהל:

— גאַלאָפּ דורכ'ן שטעדטיל!

פערשטעהט ער, אַז מען קומט צו צו זיין שטעדטיל, אַז די פריצה האָט מורא, ער זאָל נישט אַראָבשפּרינגען... וועט ער טאַקי — שטאַרקט ער זיך — מיט גאָטס הילף אַראָבשפּרינגען — עפענט די אויגען, צו זעהען, ווען אַראָבצושפּרינגען...

— און דעמאָלט — פערברעכט ער די הענד — האָב איך זי נאָך אַמאָל גזעהן... איהרע אויגען האָבען מיך דורכגעברענט...

— און פונדעסטוועגען — שפּרינגט ער אויף מיט אַ פּלוצליכער גבורה — פון דעסטוועגען האָב איך דעם יצר-הרע גובר געווען... איך בין נישט קיין נואף — און דאָס קול ווערט איהם אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער — אין מיטען מאַרק בין איך אַראָבגעשפּרונגען... אַ נס איז מיר געשעהען, די פערד האָבען זיך פּאַר עפּיס דערשראָקען און אַ האָפּ געטהון אָן אַ זייט... אַ ניט וואָלט איך אַרונטער אונטער די רעדער... און דאָס האָב איך געוואָלט, דאָס איז געווען מיין מיין...

און ער שטעלט זיך אויף, און די אויגען פלאַמען איהם, און ער הויבט אויף די רעכטע האַנד, ווי צו אַ שבועה, און וויל ווייטער עפּיס זאָגען, מן הסתם שווערען, גאָר באותו הרגע דערהערט זיך דעם „אַלטענס" קול:

— אָבער ווייטער, וואָס איז ווייטער געשעהען?

---

בשעת ווען חיים-יונה-וויטעלס האָט זיך מתודה געווען און דער עולם איז געשטאַנען אַרום איהם, איז אַריינגעקומען דער „אַלטער", און קיינער האָט נישט געהערט. מענשען, וואָס ער איז געשטאַנען הינטער זיי, האָבען דערנאָך געזאָגט, אַז טיילמאָל האָבען זיי געפיהלט, ווי עפּיס ברענט זיי אין די פּלייצעס, זיי האָבען אָבער קיין צייט נישט געהאַט זיך אומצוקוקען. אַז מען האָט דערהערט דעם „אַלטענס" קול, האָט זיך תוך כדי דבור דאָס ראָד פּאַר איהם געשפּאַלטען, און ער איז גענגעמער צוגעגאַנגען צו חיים-יונה-וויטעלס.

— דערצעהל, דערצעהל ווייטער! — הייסט דער „אַלטער".

— ווייטער? וואָס ווייטער? וואונדערט און שרעקט זיך חיים-יונה-וויטעלס. ווייטער? — די קאַרעטע מיט דער פריצה, אפשר איז עס אַ מכשפה, אפשר אַ רוח געווען, איז אַוועק... די מאַרק-מענטשען זענען געבליבען

ווי פערשטיינערט. אַנדערע האָבען אָנגעהויבען צו מיר צו צולויפען, איך אָבער בין געשווינד אַהיים געלאָפען, און די טהיר פערשלאָסען, און פון איינעווייניג די לאָדען פערמאַכט, איך האָב קיינעם נישט געוואָלט זעהען... קיינעם נישט... די קינדער זענען אין דערהיים נישט געווען...נאָר טריי-נע-ביילע... אַז זי האָט מיך דערזעהען, האָט זי אַ ווילדען געשריי געטהון.... איך הייס איהר שווייגען...

— שווייג, שווייג... אַ גרויס נס... גאָר אַ גרויס...

— וואָס, וואָס? פרעגט זי מיך...

גערה זאָג איהר:

קומט זי צו מיר צו, און עס האָפּט מיך אַרום אַ שמחה, אַ וואַרימקייט, האָפּ איך אַרום מיין טריינע-ביילע, און הויב אָן מיט איהר צו טאַנצען, און צו טאַנצען, און צו זינגען... רעדען קאָן איך נישט... על הנסים זינג איך...מיינט זי, איך בין משוגע, הויל זי הייטער שרייען, האַלט איהר צו דאָס מויל...

— און וואָס הייטער? — פרעגט דער „אַלטער" שוין מיט גוטען...

— רבי, הייליגער רבי! וואָס הייטער? איך זעה דאָך, איהר ווייסט אַלץ... איך האָב געוואָלט אַרויסטרייבען דעם גאַנצען יצר הרע, גאָר אין גאַנצען... האָב איך זי מחבק ומנשק געווען... ס'איז דאָך מיין ווייב, מיין כשר ווייב... און די לאָדען...

און דער „אַלטער" האַקט איהם איבער און רופט דיך אָן:

— יאָ, חיים-יונה-וויטעלס... אָבער בשעת מעשה האָסטו די אויגען פערמאַכט, און דעמאָלט האָסטו יענע געזעהן, יענע... און אַ רגע כמימרא האָסט דו זיך צו יענער מתכוין געווען. אַ רגע כמימרא... ניין?

חיים-יונה-וויטעלס איז פאַר שרעק און צער שיער נישט נאָך אַמאָל אומגעפאַלען.

— רבי, — מאַכט ער — עס איז אמת.... אמת... אַ רגע, נאָר אַ רגע....

און דער אַלטער הויבט אָן שמייכלען....

— האָסטו, הייסט עס, געזינדיגט אַ רגע מיט דער מחשבה... מיין בעל-תפלה האָט אַ רגע געזינדיגט מיט דער מחשבה. וואָס? און מחשבה איז נפש... און ווער דען זינדיגט, אַז נישט דאָס נפש? דער גוף אפשר זינדיגט? דער עפר ואפר אפשר? וואָס?

און חיים-יונה-וויטעלס פאַלט אַ ניעדער, און פאַלט צו מיט די לי-

פען צוּים „אַלטענס" פאַנטאָפעל:

— רבי! שרייט ער צו איהם אַרויף: האָט איהר שוין פאַר מיר קיין תשובה נישט?

און דער „אַלטער" בויגט זיך צו איהם אַראָב, און הייסט איהם זיך אויפהויבען און זאָגט איהם:

— נאַרעלע? ביזט גאָך ווייניג אָבגעקומען?... דאָס האָב איך דאָך געמיינט!

— און אצונד — שלום עליכם! און ער דערלאַנגט איהם „שלום".

— און שכר הליכה — זאָגט ער — ווערסט דו אויך האָבען, האָטש דו ביזט געקומען צופאָהרען...דאָס איז שוין מיין זאַך!

ווי אַזוי היום־יונה האָט דאָס מאָל געדאַווענט, קאָנט איהר אייך משער דין. אין די עולמות העליונים האָט געקלונגען...

# זיעבען גוטע יאהר.

# זיבען גוטע יאָהר.

דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז געשעהן אין טורבין.

אין טורבין איז געווען אַמאָל אַ טרעגער, האָט ער געהייסען טוביה און איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. איינמאָל, דאָנערשטאָג, שטעהט ער אַזוי אין מאַרק, מיט די פּאָלעס פערשאַרצט אונטערן שטריק אויף די לענדען, און קוקט אויס, פון וואַנען עס וועט קומען זיין הילף, ער זאָל פערדיענען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטעהען די געוועלבען אַרום און אַרום ליידיג. אין יוצא ואין בא, מען זעהט נישט, עס זאָל עמיצער קומען סחורה קויפען, עס זאָל זיין וואָס אָבצוטראָגען. הויבט ער, נעביך, אויף די אויגען צום הימעל מיט אַ געבעט, ער זאָל, חלילה, קיין פערשטערטען שבת נישט האָבען, און זיין ווייב סעריל מיט די קינדערלעך זאָלען, חס ושלום, נישט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אַזוי מתפלל, דערפיהלט ער, אַז עמיץ גיט איהם אַ ציה פאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעהט ער פאַר זיך אַ דייטשעל, אָנגעטהון ווי אַ שיעסער אין וואַלד, מיט אַ פעדער אויפ'ן קאַפּעלושעל און אַ גריינעם אויפלאָג אויפ'ן שפּענצער. און דאָס דייטשעל זאָגט צו איהם אויף ריין דייטש, וואָס מיר זעצען דאָ איבער אויף עברי־טייטש, מיט די ווערטער:

— הער, טוביה, דיר איז בעשערט געוואָרען זיעבען גוטע יאָהר, זיעבען יאָהר פון מזל און הצלחה, און אוצרות געלד. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבען די גוטע יאָהר. ווילסטו, — וועט דיר אויפשיינען דיין מזל נאָך דעם היינטיגען טאָג, און איידער עס וועט אונטערגעהן די זון, וואָס שטעהט דיר איבער'ן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָבקויפען גאַנץ טורבין מיט דער סביבה, אָבער נאָך זיעבען יאָהר וועסטו

צוריק ווערען איין אָרימאַן, ווי דו ביזט געווען. און ווילסטו, — וועט די גוטע, געבענטשטע צייט קומען ערשט צום סוף פון דיינע יאָהרען, און דו וועסט אַוועקגעהן פון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

געוועזען איז עס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אליהו הנביא, וואָס האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, אין אַ דייטשעל פערשטעלט. טוביה אָבער האָט געמיינט, אַז עס איז, להבדיל אלף אלפי הבדלות, אַ פּראָסטער כּשוף־מאַכער, ענטפערט ער איהם:

— מיין ליעב דייטשעל, לאָז דו מיך געמאַך, וואָרום איך בּין, נישט פאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער עני ואביון, איך האָב אויף שבת נישט, און איך האָב דיר נישט מיט וואָס צו בּעצאָהלען פאַר דיינע עצות מיט דיין טרחה.

אַז דאָס דייטשעל אָבער האָט איהם נישט אָפּגעלאָזט און איבער־גע'חזר'ט איהם די ווערטער איינמאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל, איז עס טוביה'ן שוין אַריין אין קאָפּ, ענטפערט ער איהם:

— ווייסטו וואָס, ליעב דייטשעל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר און בּיזט נישט קיין לועג לרש, און דו פרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגען, אַז איך בּין מיך נוהג, בּיי יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פאָר, זיך איין עצה צו האַלטען מיט מיין ווייב סעריל און אָהן איהר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תשובה נישט געבּען.

זאָגט איהם דאָס דייטשעל, אַז עס איז זעהר אַ גוטע זאַך, זיך איין עצה צו האַלטען מיט דער פרוי, און ראָט איהם, ער זאָל זי געהן פרעגען, און ער, דאָס דייטשעל הייסט עס, וועט דאָ שטעהן און וואַרטען אויף אַ תשובה.

טוביה קוקט זיך נאָך אַמאָל אום אין אַלע זייטען, קיין פערד׳ענסט זעהט ער נישט, טראַכט ער זיך, וואָס ער קאָן דאָ אָנגעווינען, ער וועט אַהיים געהן פרעגען. לאָזט ער אַראָב די פאַלעס און געהט אַרוים אונטער דער שטאָדט, וואו ער האָט געוואָהנט, כּמעט שוין אויפ׳ן פעלד, אין אַ קליינעם שטיבעל, איבערשמועסען זיך מיט סעריל זיין ווייב.

ווי סעריל האָט איהם דערזעהן דורך די אָפענע טהיר (עס איז זומער געווען), איז זי איהם אַרויסגעלאָפען אַקעגען מיט גרויס שמחה, זי האָט געמיינט, אַז ער בּרענגט איהר איין התחלה אויף שבת, זאָגט ער איהר אָבער:

— ניין, סעריל, זיין ליעבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פערד׳ענסט

גישט בעשערט, דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען אַ דייטשעל...

און ער דערצעהלט אידר אַזוי און אַזוי. באשר בכן, דאָס דייטשעל זאָגט, אַז עס איז איהם בעשערט זיעבען גוטע יאָהר, און עס ווענדט זיך אָן איהם, ווען די גוטע יאָהר זאָלען קומען, אַצונד אָדער פאַר דער פטירה. פרעגט ער בייא איהר איין עצה: ווען?

טראַכט סעריל נישט לאַנג און ענטפערט איהם:

— געה, מיין ליעבער מאַן, און זאָג דעם דייטשעל, אַז דו ווילסט די זיעבען גוטע יאָהר אויף דער רגע!

— פאַר וואָס, סעריל? — פרעגט טוביה פערוואונדערט, — נאָך זיעבען יאָהר, וועלען מיר דאָך ווערען צוריק אָרימע לייט, און דער יורד איז דאָך ערגער, ווי אַ פּראָסטען אָרימאַן?

— פערזאָרג נישט, מיין ליעבער גוטער פריינד, די וועלט. דערווייל נעהם, וואָס מען גיט דיר און זאָג: ברוך ה' יום יום! בפרט, אַז מען דאַרף הדר-געלד פאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אַהיים געשיקט, אָט זעה, ווי זיי שפּיעלען זיך אין זאַמד.

דאָס איז געווען געווען, טוביה זאָל צוריק לויפען צום דייטשעל מיט אַ קלאָרער תשובה, אַז ער וויל די זיעבען גוטע יאָהר תוך כדי דבור. זאָגט איהם דאָס דייטשעל:

— רעכען נאָר איבער, טוביה, היינט ביזט דו אַ מענש מיט כח און קאָנסט פערדיענען, אַמאָל מעהר, אַמאָל וועניגער... וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערען און וועסט זיין אַ יורד, און אַזוי פיעל כח צו דער אַרבייט וועסט דו אויך נישט האָבען —

ענטפערט טוביה:

— הער, דייטשעל, מיין ווייב סעריל וויל באַלד. ערשטענס, זאָגט זי, ברוך ה' יום יום און הייסט אויף שפּעטער נישט זאָרגען, און צווייטענס האָט מען אונז די קינדער פון הדר אַהיים געשיקט...

— אויב אַזוי — זאָגט איהם דאָס דייטשעל, — געה אַהיים, און אידער דו וועסט קומען אין שטוב אַריין, וועסט דו זיין איין עושר!

וויל ער איהם פּאָרט איבערפרעגען וועגען נאָך די זיעבען יאָהר, איז איהם אָבער דערווייל דאָס דייטשעל פערשוואונדען געוואָרען.

געהט ער, טוביה, אַהיים. געוואָהנט, האָבען מיר שוין געזאָגט, האָט טוביה אונטער דער שטאָדט, כמעט אויפ'ן פרייען פעלד. קומט ער אָן, צו דער שטוב, זעהט ער, ווי די קינדער שפּיעלען זיך אונטער דער

שטוב אין זאמד, געהט ער צו, דערזעהט ער, אַז זיי שאַרען אַרויס פון אַ גריבעל נישט קיין זאמד, נאָר ריין גאָלד, טאַקע זהב טהור... פערשטעהט זיך, אַז מעהר האָט מען נישט געדאַרפט, עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די זיעבען יאָהר, די זיעבען מזלדיגע יאָהר...

---

די צייט לויפט אָבער פייל פון בויגען און זיעבען יאָהר געהען אַריבער געשווינד. קומט נאָך די זיעבען יאָהר דאָס דייטשעל צו טוביה'ן, איהם אָנצוזאָגען, אַז די זיעבען יאָהר זענען אַריבער און אַז היינט פאַר נאַכט וועט נעלם ווערען דאָס גאָלד אין דער ערד, דאָס גאָלד אין שטוב און אפילו דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבען געקאָנט בעהאַלטען ביי לייטען...

טרעפט ער טוביה'ן, ווי ער שטעהט אין מיטען מאַרק, ווי פאַר זיעבען יאָהר, מיט די זעלבע פערשאַרצטע פאָלעס אונטער די לענדען און קוקט אויס אויף אַ פערדיענסט. זאָגט ער איהם: הער, טוביה, די זיעבען יאָהר זענען אַריבער!

ענטפערט איהם טוביה: געה זאָג מיין ווייב סערל, וויל דאָס עשירות איבער די גאַנצע זיעבען יאָהר איז געווען ביי איהר אין דער האַנד.

געהען זיי ביידע אַרויס אונטער דער שטאָדט און קומען צום זעלבען ליימענעם הייזעל אויפ'ן פעלד און טרעפען סערלען פאַר דער טהיר. און זי איז אויך אָרים געקליידעט ווי אַמאָל, נאָר איהר פנים שמייכעלט.

זאָגט איהר דאָס דייטשעל מיט די זעלבע ווערטער, אַז די זיעבען גוטע יאָהר זענען אַוועק.

ענטפערט זי איהם, אַז זיי האָבען קיין גוטע יאָהר נאָך נישט אָנגעהויבען צו האָבען, אַז זיי האָבען קיינמאָל נישט געהאַלטען דאָס גאָלד פאַר זייער אייגענס, ווייל, וואָס אַ מענש פערדיענט מיט זיינע צעהן פינגער, דאָס איז זיינס, און אַזוי עשירות, וואָס קומט אָהן שוויס און אונגעזוכט, איז נאָר אַ פקדון, וואָס זיין ליעבער נאָמען לאָזט איבער ביי מענשען אין די הענד פאַר אָרימע-לייטס וועגען... זי האָט נאָר פון גאָלד אויף שכר למוד גענומען, דאָס איז גאָטס תורה, מעג מען פאַר זיין תורה מיט זיין גאָלד צאָהלען, מעהר נישט! און אויב זיין ליעבער נאָמען האָט פון היינט אָן אַ בעסערען בעל-פקדון פאַר זיין גאָלד, מהיכא תיתא, זאָל ער צונעהמען און איבערגעבען איין אַנדערן!

אליהו הנביא האָט עס אויסגעהערט און איז נעלם געוואָרען.

פאָלקסטימליכע געשיכטען.

האָט עס איבערגעגעבען דעם בית־דין של מעלה, און דער בית־דין של מעלה האָט ג׳פסק׳עט, אַז עס איז קיין בעסערער בעל־פקדון נישט פערהאַן, און די זיעבען יאָהר האָבען זיך נישט אויסגעלאָזט כּל־זמן טוביה און זיין ווייב סעריל האָבען געלעבט.



# די תאוה צו קליידער

# די תאוה צו קליידער.

אין שעברשין, אונטער זאמאשטש, איז אמאל געווען איין אשה, דאס די געהייסען באשע גיטעל; איז זי געווען פון זעהר א שענער משפחה, איין אמת'ע בת־טובים און א חסיד'ס א ווייב. און דער חסיד, מיט'ן נאמען אלימלך, פלעגט זעלטען זיין אין דערהיים. ווייל ערשטענס איז ער א לייפסקער סוחר געווען, און, דעמאלדיגע צייטען, איז א נסיעה קיין לייפסק געווען מעהר, ווי היינט א נסיעה מעבר לים, קיין אמעריקא. און צווייטענס פלעגט ער. האטש איין מאל אין יאהר, פאהרען צום לובלינער צדיק. פאלט איין דעם בעל דבר צו בענוצען זיך מיט דער צייט, שאין האיש בביתו, וואס דער מאן איז נישט דא אין דערהיים, אנצורעדען באשע גיטלען צו איין עברה.

ווייסט ער אבער, אז צו קיין גראבער עברה צורעדען וועט ער די נישט. ווייל באשע גיטעל איז באמת געווען א כשר'ע נשמה און א גרויסע בקיאה אין די ספרים הקדושים אויף עברי־טייטש, און, א חוץ דעם, איז זי זעהר און זעהר געווארענט געווען אין די מצוות אין וועלכע איין אשה דארף זיין געוואהרענט; איז ער זיך מישב און וויל איהר האטש אריינברענגען א תאוה צו מלבושים מיט צירונג. ווארום דער חסיד אלימלך איז געווען א גרויסער עושר און פלעגט איהר געבען ביד רחבה ומלאה אויף הויז־פיהרונג.

אויך קומט ער, דער בעל דבר, צו איהר נישט פראסט. ער ווייסט, זי וועט איהם פשוט אויסלאכען, הבא וטלולא מאכען; ווייסט זי דען נישט, אז מלביש זיין און אויסציהרען דארף מען די הייליגע נשמה, נישט דעם זינדיגען גוף, וואס איז פארט נישט מעהר, ווי קיי און שפיי; היינט רויט, מארגען טויט... געהט ער, דער בעל־דבר, און פערשטעלט זיך

פאַר'ן יצר־טוב, און נעהמט זי אַיין מיט גוטע, פרומע און זיסע ריידעלעך. ער מיינט טאַקע לשם מצוה, לשם שמים... און לעגט, ווי זיין שטייגער איז, די שמד'קייט אין דער יראה אַריין.

— אַט געהט, — זאָגט ער — אַ הייליגער יום־טוב, פסח, זכר ליציאת מצרים, און זיין ליעבער נאָמען האָט דיך געבענשט מיט אַלעם גוטען, איז, באַשע גיטעל, אַ יושר, זאָלסט לכבוד דעם הייליגען יום־טוב, בע־גייען אַ מלבוש! עס איז, אי אַ יושר, אי אַ מצוה: דער שניידער וועט פערדיענען אויף פסח, און דו וועסט מקיים זיין ושמחת בחגך! וואָס, ניין?

וויל באַשע גיטעל האָבען אַ ישוב. דערמאַנט ער זי, אַז די בני ישראל, איידער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָבען זיי זיך גע־באָרגט טייערע כלים, מלבושים און צירהונג. צו וואָס? רוימט ער איהר איין: מאַכי לכבוד יום־טוב! לעגט זיך עס איהר אויף דער דעה, באַקט זי אַ ביסעל ווייניגער מצות, גריט זי אָן אַ קלענערען כבוד, גיעט אַ ביסעל ווייניגער מעות־חטין און מאַכט זיך אַ ניי בגד מיט אַ זילבערנעם שלאַק. שבועות — זאָגט ער איהר — איז נאָך אַ גרעסערער יום־טוב, מתן תורה! קויפט זי זיך נייע פערל. עס געהט צו סכות, לאָזט זי זיך איבערמאַכען דאָס שטערנטיכעל, איבערנייהען דאָס ברוסט־טיכעל און קויפט צו אַ פּאָר ברילאַנטליך צו די אוירינגלעך... דערנאָך זאָגט ער איהר, אַז זי איז נישט יוצא קעגען שבת־קודש, ווייל שבת־קודש איז גרעסער פאַר'ן גרעס־טען יום־טוב, — פאָלגט זי, און בעמיהט זיך אויף יעדען שבת־קודש אַ ־ך עפּיס צו בענייען, האָטש אַ קלייניגקייט — אַ זיידען טיכעל אויפ'ן קאָפּ, אַ פישו! ראש־השנה און הושענא־רבה, — ווי קויפט מען עס ניט קיין נייע ווייסע אָדער העל־בלאָהע בענדער? און פורים איז אויך אַ יום־טוב, חנוכה אַ ודאי; אַ שפּאַס, אַ נס, וואָס עס איז געשעהן! דערנאָך קומט חמשה עשר בשבט, ל"ג בעומר... האָטש אין גלות, קיין ימים טובים פעהלען נישט!

היינט, אַז דער מאַן דאַרף אַהיים קומען, איז דאָך אַ ודאי אַ מצוה, זיך אויספוצען אין עס"ב און אין האָניג, — אַיין אשה כשרה, אַ יודישע טאָכטער ברויך נושא־חן צו זיין ביים מאַן אין די אויגען... און בנוגע צו צירהונג, האָט ער, דער יצר הרע, בעזונדערע טענות: באַשע גיטעל פלעגט אַמאָל האָבען אַ שווער טראָגען, זאָל זי זיך קויפען אַ שנירעל רובינדליך; דאָס איז דאָך, כידוע, אַ גרויסע סגולה אויף אַ לייכט טראָגען. אויך — עטליכע אַסמיראַרדליך, דאָס, הייסט דו דאָך, איז אַ פּראָביער־שטיין

פאַר דער נשמה: וואָרום ווער עס טראָגט אַזאַ שטיין און איז, חס ושלום, מזנה, פּלאַצט ער, דער שטיין; און האָט מען נאָר אַ שלעכטע מחשבה, פערטונקעלט ער זיך, כידוע... ווען זי נכשל ווערן אין אַ שלעכטע מחשבה, וועט זי וויסען תיכף ומיד תשובה צו טהון! היינט איז דאָך איהר מאַן אלימלך גאַנצע חדשים אונטערוועגס, און עס קומט איהר אוים צו מאַכען חשבונות מיט סוחרים, פאַר וואָס זאָל זי נישט האָבען אויף זיך עטליכע פּאַפּיערליך, וואָס העלפען צו חכמה? באַשע גיטעל איז טאַקע אַ חכמה אַזוי אויך, אָבער וואָס מעהר איז אַוודאי געזונטער! און אַזוי אַנדערע שטיינער מיט אַנדערע סגולות. און דער עיקר דער שטיין פּירטה, וואָס זי דאַרף טראָגען, ווען דער מאַן איז אין דערהיים, ווייל דער אבן טוב גיט חן אין די אויגען, און מען ווערט זעהר געליעבט, אַז מען טראָגט איהם...

מיט איין וואָרט, ער האָט זי אַרויסגעפיהרט אויף אַ וועג—זאָל גאָט שומר ומציל זיין! זי האָט, ווען גאָט גיט אַ טאָג, אַליין מעהר געזונגען און געזונקען אין דער תאוה. און אַז דער בעל־דבר האָט געזעהן, אַז ער איז זי שוין בייגעקומען, אַז זי איז שוין אין דער בחינה פון אַ גוט־געשליידערטען שטיין, וואָס לויפט שוין אַליין באַרג אַב מיט'ן כח פון ערשטען שטויס, נעהמט ער און שטעלט זיך שוין אַוועק אין אַ זייט, און זי טהוט זיך שוין אַליין איהרס, און איז מקמץ אין צדקה, קאַרגט זיך און די קינדערלעך דעם ביסען אין מויל אַריין; די יונגלעך גיט זי איבער צו ערגערע מלמדים, אַבי עס זאָל ביליגער קאָסטען, און לעגט דעם גאַנ־צען „האָב און גאָב" אין מלבושים און תכשיטין אַריין!

איז איהר נאָך ווייניג, נעהמט זי און שאַפט־אָב די דיענסט, וואָס זי האָט געהאַלטען, און שלאָגט איהר אַריין אין חשבון אַלע שאָדענס, וואָס זענען געוועזן אין שטוב, יאָ שולדיג ניש ט שולדיג, און נעהמט צו, מכלומר'שט פאַר רחמנות, איין אָרימע יונגע יתומה, איין אויסגעהונגערט קינד, איהרס אַ נאָהענטע קרובה אפילו, און זאָגט איהר, אַז קיין שכירות וועט זי איהר ניט צאָהלען; נאָר דערפאַר, אַז עס וועט קומען די צייט, און עס וועט זיך טרעפען איהר זווג, וועט זי איהר געבען נדן און מתנות, און פון זיך אַראָב עטליכע קליידער, און וועט זי אַליין פיהרען צו דער חופה און אַקעגען טאַנצען מיט אַ קוילטש... און נעהמט דערווייל דאָס שכירות פון דער יתומה און גיט אוים אויף איהר תאוה...

דער מאַן איהרער, דער חסיד אלימלך, האָט, פערשטעהט זיך, פון דעם אַלעם נישט געוואוסט, און אַזוי איז אַריבערגעגאַנגען אַ יאָהר נאָך,

אַ יאָהר, ביז באַשע גיטעל איז קראַנק געוואָרען און האָט נישט געקאָנט רידערען מיט אַ פֿוס.

זעהען זעהט אויס, אַז עס איז מן השמים געווען, אַז מען האָט די געוואָלט ראַטעווען, און דעריבער טאַקי האָט קיין שום רופא אויף אויף דער וועלט זיך אויף דער קראַנק נישט פֿערשטאַנען. וואָרום אַזוי אין כלליות איז זי אויפ'ן גאַנצען לייב געזונד און פֿריש געווען; כאתר האדם, געשלאָפֿען, געגעסען, אַלץ, אַלץ! און אפֿילו אויף די פֿיס האָט זי קיין וואונד, קיין פֿלעק, אפֿילו קיין שפּרענקעלע נישט געהאַט, נאָר רידערען זיך האָבען זיי זיך נישט געוואָלט, בשום אופן נישט!

דאַכט זיך, עס איז די בעסטע צייט, אויסגעהיילט צו ווערען פֿון דער תאוה? אַז אַ יודענע קומט נישט, נישט אין גאַס אַריין, נישט אין שוהל אַריין, ליגט אין דערהיים נאָכאַנאַנד, — וואָס טויג איהר קליידער און ציהרונג? פֿאַר די פֿיער ווענד?

איז אָבער די תאוה אין איהר אַזוי שוין איינגעוואָרצעלט געווען, אַז זי ריכט זיך אַליין אין איינעם, היינט-מאָרגען אויפֿצושטעהן פֿון בעט און מאַכט זיך אַלץ נייע און נייע קליידער, און קויפֿט אַלץ, וואָס מען ברענגט איהר אין שטוב אַריין, און דערווייל הייסט זי זיך אַפּאָר מאָל אין וואָך אויסלעגען די קליידער מיט דער ציהרונג אויף שטוהלען און בענק פֿאַר'ן בעט, און זי ליעגט אַזוי און קוקט, און שעפּט נחת דערפֿון... וואָס קלערט איהר, די אָרימע יתומה האָט געאַרבייט דערבּיי עבודת פּרך...

איינמאָל, מען לעגט איהר אויס די קליידער, דערזעהט זי פּלוצלונג, אַז איהרע שענסטע מלבושים, די סאַמעטענע און זיידענע, זענען אויס-בעפֿלעקט, אויסגעשמירט פֿון אַלערליי מאכלים און משקאות, און אויף טהייל ערטער — נאָך פֿערצעפּעט און צוריסען. מאַכט זי אַ געוואַלד, אַז עס קומען זיך שכנים און שכנות צולויפֿען אויף איהר געשריי און מען זעהט די צרה און עס בלייבט במוסכם כלם, אַז קיינער איז אין דעם נישט שולדיג, נאָר די יתומה, אַז „דאָס שטילע וואַסערל", מיט'ן יראת שמים פּנימ'ל, וואָס מען הערט נישט איהר קול אַ גאַנצען טאָג, וואָס קומט נישט, אויסער אַז זי געהט אין שליחות, אין גאַס אַריין, — אַז „דאָס שטילע וואַסערל רייסט די ברעגעס", און טהוט זיך בייַנאַכט אָן דער בעל-הבית'טעס קליידער, און גנב'ט זיך אַרויס, און געהט אין די גוטע הייזער, וואו מען פּרעסט און זויפֿט און מען טהוט אַלדאָס בייז... אַ קשיא אויף היינטיגע צייטען! — וואָרום דעמאָלט פֿלעגט מען אויך זאָגען „היינטיגע

ציטען", אַ פּנים, אַז די וועלט ווערט וואָס אַמאָל ערגער!—נעהמט מען די יתומה, וואָס וויל זיך נישט מודה זיין, און מען זידעלט זי מיט אַזוינע ווערטער, וואָס מען דאַרף פאַר'ן מויל נישט ברענגען, בפרט שרייבּען, און מען שלאָגט זי און מען הרג'עט זי. דערנאָך פיהרט מען זי צו'ם רב, און מען זאָגט עדות אַזוי און אַזוי, אַז קיינער נישט, נאָר זי; און והא ראיה—זי זעהט אַזוי דאַר און מאָגער אויס, בּיי אַזאַ גוטס, בּיי אַזאַ גבירה, בּיי אַ קרובה... על כּן, מוז זיין אַז זי שלאָפט נישט גאַנצע נעכט און טרינקט און זויפט און טהוט כּל העבירות שבּעולם... נעהמט מען די יתומה און מען גאָלט איהר אָב דעם קאָפּ, מען זאָל זי מאוס מאַכען, עס זאָל שוין קיינער אין איהר נישט נכשל ווערען און מען טרייבּט זי אַרויס פון שטאָדט, מיט אַ געלופעריי און געפּיפעריי, ווי דעמאָלט דער שטייגער איז געווען.

---

אין דער צייט איז דער חסיד אין דערהיים נישט געווען, ער איז געזעסען אין לובּלין בּיים צדיק און האָט נישט געוואָלט אָבטרעטען בשום אופן, באשר בכן—ער מוז איהם געבּען אַ רפואה שלמה פאַר באַשע-גיטעל זיין ווייבּ.

זאָגט איהם דער צדיק: ווייסט דו וואָס? פאָהר אַהיים און קום צוריק מיט דער פלונית'טע. דער מיין פון די ווערטער איז געווען אַזוי: דער צדיק האָט שוין אַפּאָר מאָל מתפלל געווען פאַר דער אשה און עס האָט נישט געהאָלפען און דערצו איז דער לובּלינער צדיק נישט געוועהנט געווען. ערגער נאָך טהיילמאָלם האָט ער געפיהלט, אַז מען נעהמט דאָרט די תפלה און מען וואַרפט זי איהם צוריק אַראָבּ אין קאָפּ אַריין. האָט ער פערשטאַנען, אַז עס מוז זיין אַ גרויסע מניעה, אַ שטאַרקער קטרוג וועגען אַ גרויסען חטא. אפּאָר מאָל האָט ער דאָרט געפרעגט: ווי הייסט? האָט מען איהם פּשוט נישט געענטפערט! מוז שוין זיין גאָר אַ טיעפער ענין, אַ מאוס'ע זאַך, וואָס מען וויל נישט בּרענגען איבּער'ן מויל... און דער חסיד אלימלך ווייסט פון גאָר נישט! און אַזוי ווי דער לובּלינער צדיק איז געווען אַ גרויסער בּקי אין חכמת הפּרצוף, האָט ער זי געוואָלט זעהען עין בּעין... וועט ער שוין זעהען וואָס בּיי דער אשה איז אויפגעשריבּען אויפ'ן שטערן.

פאָהרט אלימלך דער חסיד אַהיים, און דינגט אַ גרויסע בּויד, און

בעט אויס די בויד, ווי אַ בעט: אונטען שטרוי, אויבען שטרוי — פּרים נכסתות, און מען פאָהרט מיט צווי פּאַר פערד אין דער ברייט קיין לובלין.

אין איזשביצע, אין קראַסנאָסטאַוו און נאָך ערגיץ אין אַ שטעדטיל וואַרטען גרייט פרישע פערד צום איבערשפּאַנען, ווייל מען קאָן נישט נעכטיגען מיט דער הולנית אויפ'ן וועג, און מען וויל אָנקומען קיין לובלין בכי טוב.

פאָהרט מען. נאָך דער לעצטער סטאַנציע אָבער פאַלט פלוצלונג אַראָב אַ שניי, פערליערט מען דעם וועג, פערבלאָנדזעט מען אין אַ וואַלד, נישט אויס און נישט אַיין, און עס פאַלט צו די נאַכט — האָטש נעהם די אויגען אין די הענד און זוך אַ וועג: קיין לבנה, קיין שטערן... טראַכט מען, מען וועט בלייבען שטעהן און אָבוואַרטען ביז טאָג, איז אָבער די שרעק גרויס פאַר גזלנים מיט חיות רעות, ווייל דעמאָלט איז נאָך געוועזן סאַמע געדיכטער וואַלד אין דער געגענד, בוימער עד לב השמים און צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגען, אַז ביי טאָג איז חשך געווען, האָבען זיך טאַקי געהאַלטען דאָרט גזלנים און חיות רעות, און ביי נאַכט איז גאָר געווען סכנת נפשות.

ראַפּטום ווערען זיי דערפרעהט. פון דער ווייטענס האָט זיך פלוצלונג בעוויזען אַ פייעריל און דאָס פייעריל וואַקסט, און עס בעווייזט זיך אַ צווייט און אַ דריט פייעריל — אַ סימן, אַז נישט ווייט מוז זיין אַ קרעטשמע. פאָהרט מען צו דעם פייעריל. מען פאָהרט אַזוי, דערהערט מען כלי־זמר שפּיעלען, און אויך אַ גרויס געלעכטער; קומט מען נעהענטער — הערט מען אַ געטופּעריי, מען זינגט, מען שפּיעלט און מען טאַנצט אין קרעטשמע! באַלד האָט זיך די קרעטשמע אַליין אויך בעוויזען — עס פלאַקערן די שויבען. וואָס קאָן זיין די שמחה? מן הסתם זענען זיך פּריצים צוזאַמענגעקומען און מען הוליעט אויפ'ן פּריצישען אופן! עס איז אפילו אַ סכנה צוזאַמענצוטרעפען זיך מיט אַזוינע לייט בשעת הדותא, נאָר אַלץ בעסער, ווי מיט חיות אָדער גזלנים אין וואַלד! פערפאָהרט מען פאַר דער קרעטשמע, הערט מען שוין בעסער: עס איז נישט קיין פּריצים, די כלי־זמרים שפּיעלען יודישע זאַכען, אַלערליי שטייגערס... און אַ מאַרשאַליק איז משמח דעם עולם מיט גראַמען און רופט אויס צו כלה־טאַנץ!... וואָס זאָל איך אייך זאָגען, דעם חסיד מיט דעם בעל־עגלה איז פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען, די מוטערס מילך איז אין זיי גערונען געוואָרען! זיי האָבען באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס זענען יענע לייט, וואָס פלעגען יענע צייטען, עהדער מען האָט אויס-

געהאַקט די וועלדער, שפּיעלען חתונות אין פּערוויסטע קרעטשמעס... זאָגט אלימלך צו זיין ווייב באַשע-גיטעל: הער, באַשע-גיטעל, מיר וועגען אַריינגעפאַלען אין מיאוס'ע הענד... געדענק־זשע, למען השם, אַז מען טאָר זיי נישט ענטפערן, נישט אָננעהמען פון זיי קיין כבוד, אפילו נישט, חס ושלום, פּערזוכען, ווייל מען ווערט באַלד נזוק. באַשע-גיטעל ליעגט נישט טויט, נישט לעבעדיג און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַז זי ווייסט... און געוואוסט האָט זי טאַקי, פון די ספרים הקדושים אין עברי־טייטש.

דערווייל שיטען זיך אַרוים פון קרעטשמע די מחותנים מיט די מחותנת־טעס, מיט'ן בדחן, מיט די כלי־זמרים, מיט ברענענדיגע שטורקאַצען און ריגלען אַרום די בויד, און הויבען אויף דעם דעק, און הייסען זיך זאָגען „מזל טוב", און פערבעטען אין קרעטשמע אַריין אויף דער התונה... מחותנים בעטען, מחותנת'טעס, און חתן־כלה קומען אויך צו און בעטען מיט שעהנע רעד, מען זאָל זיי נישט פערשעמען, און דער בדחן זאָגט גראַמען און גלייך־ווערטלעך, און די מוזיק שפּיעלט צו, אַז עס הילעכט אין גאַנצען וואַלד, און משרתים און סאַרהערס טראָגען אַרוים אויף זיל־בערנע טעצלעך אין קריסטאָלענע און גאָלדענע כוסות אַלערליי משקה, און אַלערליי לעקיך און טאָרטען, און מען שטופּט זיי צום מויל צו: נאַט, נעהמט, מאַכט ברכה, זייט אַייך משמח!

און זיי ענטפערן נישט אַ וואָרט.

פּלוצלונג אָבער גיט באַשע-גיטעל אַ קוק, דערזעהט זי, אַז די נשים פון דער הבריא, די כלה, די מחותנת'טעס און אַזוי נשים־געסט, טראָגען אידרע בעסטע סאַמעטענע און זיידענע קליידער, און פערגיסען זיי מיט משקה, פערשמוצען מיט אַלערליי עסענוואַרג, און פערצעפּען אָן וואָגען... בעפאַלט זי אַ גרייליך האַרץ־וועהטאָג, און קאָן זיך נישט אַיינהאַלטען און גיט אַ געשריי:

— רוצחים, גזלנים, מיין פּראַצע, מיינע קליידער!

מעהר האָט מען נישט געדאַרפט; מען האָט זי קוים דערפיהרט קיין לובלין. אויפ'ן גאַנצען וועג האָט זי גע'חלש'ט און גע'הלש'ט און גע־הלש'ט, און דאָס מויל רחמנא לצלן, האָט זיך איהר אויסגעקרומט... גוטה למות איז זי געוואָרען...

מען האָט זי קוים אַלעבעדיגע אַריינגעפיהרט צום רבי'ן, און ער האָט באַלד פערשטאַנען די זאַך, און האָט געזאָגט דעם עולם, מען זאָל זיך אַראָבנעהמען אַ מוסר, וואָרום אַ יודישע טאָכטער, אויב זי מאַכט זיך

נייע מלבושים, דאַרף זי די אַלטע צוטהיילען אָרימע לייט, בפרט טאָר מען זיך נישט מאַכען קיין קליידער, וואָס מען קאָן נישט טראָגען. וואָרום, אַז עס הענגען אין אַלמער קליידער, וואָס מען נוצט נישט, קומען ביי־נאַכט יענע לייט און נעהמען זיי אַרויס און טהוען זיך אָן אין די קליידער און טאַנצען אין זיי אויף זייערע שמחות און התונות...

ווי באַשע גיטעל האָט דאָס דערהערט, האָט זי מצדיק געווען אויף זיך דעם דין, און אָנגענומען פאַר ליעב דעם טויט, און האָט נאָר גע־בעטען, ער זאָל אויף איהר מכפּר זיין! און דאָס האָט איהר דער צדיק צוגעזאָגט!

נאָהענט פאַר דער פּטירה, האָט זי צוגערופען איהר מאַן, דעם חסיד אלימלך, און האָט איהם דערצעהלט די מעשה מיט דער יתומה, און גענומען ביי איהם אַ האַנד תקיעת־כף, אַז ער וועט זי אויפזוכען, און נעהמען זי פאַר אַ מאַמע צו זיינע קינדער, כדי מען זאָל איהר מוחל זיין דעם הטא קעגען איהר———

און דער חסיד אלימלך האָט געטהון איהר בקשה, און באַלד נאָך שבעה אויפגעזוכט די יתומה און האָט מיט איהר התונה געהאַט, און זי איז געווען אַ מאַמע צו זיינע קינדער די יתומים, און זיי האָבען נאָך זוכה געהאַט צו האָבען נייע קינדער, און האָבען זיי מגדל געווען לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

אויף אַלע יודען געזאָגט!



# אראבגעלאזטע אויגען.

# אראבגעלאזטע אויגען.

**1.**

גאָר גאָר פֿאַרצייטען, האָט עטליכע מייל אונטער פּראָג, געוואָהנט אין אַ דאָרף, איינער אַ יוד, אַ געוויסער יחיאל-מיכל, וואָס האָט געהאַלטען די קרעטשמע אין דאָרף.

און דער פּריץ איז נישט געווען קיין פּראָסטער פּריץ, נאָר אַ שם-דבר — אַ גראַף, האָט טאַקי יחיאל-מיכל געהאַט פּרנסה בשפע, ווי מען זאָגט: מיט אַ שמיץ, און איז געוואָרען אַ גאַנצער „יש" — אַ בעל-צדקה, אַ מכניס-אורח, און ימים-נוראים, אַז ער פֿלעגט אַריינפֿאָהרען קיין פּראָג, לאָזט ער זיך קאָסטען אין שטאָדט. און קיין עם-הארץ איז יחיאל-מיכל אויך נישט געוועזען, ווערט ער אַ שטיקעל איינגעהער ביים רב און ראש-ישיבה, קויפֿט ער ביי איהם אתרוגים, מצה-שמירה וכדומה... בעט ער ביי איהם בנים זכרים אויך. זעהט אָבער דער ראש-ישיבה ברוח-הקודש, אַז דעם יוד איז נישט בעשערט קיין נחת פֿון קינדער, און בנים זכרים, פֿון וועלכע מען האָט קיין נחת נישט, איז טאַקי „טוב להם שלא נבראו", — זאָלען זיי בעסער אויף דער וועלט נישט קומען. זאָגט ער איהם פּשט-פּשוט אָב. פֿאַלט יחיאל-מיכל אַריין אין עצבות, טרייסט ער איהם און זאָגט איהם: „דערפֿאַר, יחיאל-מיכל, אַז גאָט וועט דיר העלפֿען, און וועסט אָנקלויבען גדן כדבעי, און וועסט קומען צו מיר און בעטען, וועל איך דיר אויסקלויבען איין אידעמעל, אַז דו וועסט קיין חרטה נישט האָבען!"

נו, פֿאָהרט ער אַהיים אַ ביסעל געטרייסט. צוויי מיידלעך האָט ער, מאַכט ער זיך אַ קניפּעל אויף גדן, פֿריהער פֿאַר דער עלטערער, דערנאָך פֿאַר דער יונגערער. מילא — אידעמס בני-תורה איז אויך נישט קיין שפּאַס.

זאַמעלט ער, און גאָט העלפט. און אַז ער קומט צו די ערשטע חמש מאות טאָלער, זאָגט ער צו דבשה׳ן זיין ווייב:

— עס איז געקומען די צייט, התונה צו מאַכען אונזער עלטערע טאָכטער נחמה.

זאָגט דבשה, אַז עס איז זעהר גלייך. און מען רעכענט: דריי מאות נדוניא און שתי מאות אויף הלבשה און מתנות פאַר התן-כלה, התונה-הוצאות, רח״ש וכדומה... און אַ סעודה פאַר אָרימע לייט וועט מען מאַכען — פראַג זאָל געדענקען!

נישט אַזוי אָבער געשווינד טהוט זיך, ווי עס רעדט זיך. עס מאַכען זיך, ווי דער שטייגער איז, מניעות. דער פריץ שיקט אַהין, שיקט אַהער; דערווייל מאַכען זיך שנייען און פערשיטען די וועגען; זומער-צייט פאַלען רעגענס; קומט גאָר אָן הג׳ע, קאָן מען די קרעטשמע נישט פערלאָזען...

מיט איין וואָרט: נישט אַזוי געשווינד מאַכט זיך עס, און דערווייל, ווי דער שטייגער איז: אַ מענש דענקט און גאָט לענקט...

## 2.

נחמה, דעם אַרענדאַרס עלטערע טאָכטער, איז אפילו זעהר ווערטה צו בעקומען אַ התן פון פראַגער ישיבה: אַ מיידעל — אַ גאָלד, אַ גוטע נשמה, אַ שטילע. די גוטקייט קוקט איהר פון די שטילע אויגען אַרויס, און זי לאָזט זיך מדריך זיין, טאַקי: וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט און אַלע גוטע פרומע לייט, וואָס שטעלען זיך אָב אין קרעטשמע הייסען... זי נעהמט חלה מיט כונה, בענשט שיין שבת-ליכט, זאָגט שוין עברי-טייטש ווי אַ וואַסער, מיט איין וואָרט: זי איז ווערטה די הופה-שטאַנגען...

זי איז ווערטה, ווערענד ביי דער יונגערער טאָכטער שניידט זיך אַ ביסעל אין דער קרום. קיין שלעכטס, חס ושלום, נישט; גאָר אַזוי: עפּעס אַ משונה׳דיגע בריאה, אַ פערטראַכטע, אַ פער׳חלומ׳טע, אַלץ פאַלט איהר פון די הענד... טהיילמאָל לאָזט זי אַראָב די ברעמען און געהט אַרום מיט אַ בלאַס פנים ווי אַ קרייד, ווי אויפ׳ן עולם הדמיון; רופט מען זי — גלייך מען וואָלט זי פון יענער וועלט אַראָבגערופען, ציטערט זי און פאַלט ממש פון די פיס... און אַמאָל גיט זי אַ קוק אויף אַ מענשען מיט אַזוינע אויגען, מיט אַזוינע שטאַרקע און שטעכענדיגע אויגען, אַז עס ווערט פשוט נישט היימליך!

און אַ התחלה פון מדות מגונות אויך: עס איז זי ניט אָבצודרייסען פון קרעטשמע. בפרט ביי נאַכט, ווען מען שפּיעלט און טאַנצט. גאַנצע נעכט וואָלט זי געזעסען און די אויגען זיך אויסגעקוקט, ווי די יונגע פּויערן שטיפען מיט די שיקסעס, טאַנצען אַ ראָד, אַ שווינדעלדיגען ראָד, און זינגען אַריין זייערע געזאַנגען, אַז די קרעטשמע הילעכט און ציטערט....

און נעהמט מען זי אַריין איבער געוואַלט אין אַלקער, און מען לעגט זי שלאָפען מיט נחמה'לען אין בעט, ליעגט זי מכלומר'שט מיט פערמאַכטע אויגען, ביז יענע שלאָפט אַיין. קוים שלאָפט יענע אַיין, שפּרינגט זי אַראָב פון בעט, זומער און ווינטער, באָרוועסערהייד, און קוקט אַריין דורכ'ן לאָך פון שליסעל, דורך אַ שפּאַרע אין טהיר, צי אין פּרייסישען ווענדטעל. טרעפט זי די מוטער, און רייסט זי אָב, ברענט איהר דאָס לייב ווי אין אַ פיבער און די אויגען שפּריצען מיט פונקען, אַז דבשה דערשרעקט זיך און לויפט צוריק אַריין צו יהיאל־מיכלען און דערצעהלט איהם.

— מען זאָל קאָנען פריהער התונה מאַכען די יונגערע! — זיפצט יהיאל־מיכל.

— מען דאַרף עמיצען פרעגען! — ענטפערט דבשה...

דערווייל מאַכען זיך ווייטער מניעות, ביז עס טרעפט זיך אַזאַ מעשה:

3,

דער פּריץ פון דאָרף, דער גראַף, הייסט עס, האָט געהאַט אַ זוהן אַ בן־יחיד, האָט ער איהם אויפגעצויגען אין פּאַריז, ווי דעמאָלט דער שטייגער איז געווען ביי גרויסע פּריצים. קומט ער צופאָהרען איין מאָל אין יאָהר אויף אַ קורצע צייט, אויף וואַקאַציע, זעהט מען איהם אויך נישט: אַ יונגער פּריץ, רייט ער אַרום טעג און נעכט אין די וועלדער אויף געיעג. די פּעלעכלעך פון די האָזען און אנדערע חיות קריגט יהיאל־מיכל פון קיך אַרויס בחצי חנם.

מאַכט זיך איינמאָל אָבער אַ גרויסע היץ — פייער איז געפלויגען אין לופטען; רייט ער דורך איבער'ן וועג ביי דער קרעטשמע, פאַלט איהם איין, שפּרינגט ער אַראָב פון מילך־ווייסען פערד, בינדט עס צו צו דער

צוים, און שפּרינגט אַריין אין קרעטשמע, און הייסט זיך געבען אַ גלאָז מעד.

דערלאַנגט איהם יהיאל־מיכל מיט ציטערדיגע הענד אַ גלאָז מעד. נעהמט דער יונגער פּריץ צום מויל און גיט אַ זופּ, און פערקרימט זיך; ביי זיין פאָטער אין קעלער איז פערהאַן, אַפּנים, בעסערער מעד, גאָט הייסט ווי אַלט ער איז. ער וואָלט אפשר דערלאַנגט מיט'ן גלאָז יהיאל־מיכ'ען אין קאָפּ אַריין, דערזעהט ער אָבער מלכה'לען, ווי זי זיצט אַזוי אין עק קרעטשמע מיט פערשטאַרטע אויגען און אַ ווייס פּנימ'ל. שטעלט ער אַוועק געלאַסען דאָס גלאָז, וואַרפט אויפ'ן שענק־טיש אַ האַרטען טאָלער, און גיט אַ פרעג:

— משה (ביי גרויסע פּריצים הייסען אַלע יודען משה), דאָס איז דיין טאָכטער?

ווערט יהיאל־מיכל'ען אַ לאַך אין האַרץ, שטאַמעלט ער, נעביך: „יאָ, יאָ, מיין טאָכטער". און דער יונגער פּריץ קוקט און קוקט, און רייסט פון מיידעל קיין אויג נישט אָב. און צו מאָרגענס קומט ער ווייטער טרינקען מעד... און אַזוי אויפ'ן דריטען, און פיערטען טאָג... נעהמט מען דאָס מיידעל און מען בעהאַלט פון איהם, בייזערט ער זיך, ער זאָגט גיט פאַר־וואָס, נאָר ער דרעהט די שוואַרצע וואָנסעלעך און בליצט מיט די אויגען. גיט ער אַמאָל אַ זאָג: אַז יהיאל־מיכל צאָהלט ווענגיג פאַר די קרעטשמע... אַז פראָגער יודען ביעטען גרויסע הוספות... און דאָס איז אמת געווען, נאָר דער אַלטער פּריץ האָט זיי קיינמאָל נישט געלאָזט איבער דער שוועל; אַ גרויסע זאַך: אַ יוד זיצט, זאָל ער האָבען פרנסה... ווערט יהיאל־מיכל'ען נישט היימליך. בפרט אַז מלכה'לע געהט נאָך מעהר אַרום אויפ'ן עולם הדמיון, רעכענט ער טאַקי, צו פאָהרען זיך מתיעץ זיין קיין פראָג. מאַכען זיך אָבער ווייטער מניעות, און דער יונגער פּריץ קומט אַלע יעדען טאָג און איינמאָל גיט ער פון דער העלער הויט אַ זאָג:

— משה, פערקויף מיר דיין טאָכטער!

טרייסעלט זיך יהיאל־מיכל'ען די ווייסע באָרד, און עס ווערט איהם חושך אין די גרויע אויגען.

לאַכט ער, דער פּריץ:

— זי הייסט ע ס ט ע ר ק ע? — פרעגט ער.

— ניין, מלכה הייסט זי...

— זאָל זיך דיר דאַכטען, — זאָגט ער, — אַז זי הייסט אסתר, און

דו — מרדכי, און איך — אחשורוש... וואָס? מיין נישט, איך וועל איהר אַרויפזעצען אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ! נאָר דו קריגסט די קרעטשמע אומזיסט און אויף אייביג, פאַר קינדער און קינדס־קינדער!

און ער גיט איהם אַ צייט, אויף ישוב...

4.

זעהט יהיאל־מיכל, אַז עס איז שלעכט, שפּאַנט ער פאַרטאָג איין פערד־און־ביטקע, האַפּט זיך אַראָב קיין פּראָג, פערפאָהרט גלייך צום רב און ראש־ישיבה. טרעפט ער איהם ביי דער גמרא, נעהמט ער „שלום־עליכם" און גיט תוך כדי דבור אַ פרעג:

— רבי, צי מעג מען התונה מאַכען אַ יונגערע פאַר איין עלטערע?

לעגט דער ראש־ישיבה די עלענבויגען אויף דער גמרא און ענט־פערט איהם:

— ניין, יהיאל־מיכל, לא יעשה כן במקומנו... נישט קיין יודישע זאַך. און דערמאַנט איהם די מעשה מיט יעקב ולבן.

— איך ווייס — זאָגט יהיאל־מיכל — אָבער אַז מען מוז?

— דהיינו?

נעהמט יהיאל־מיכל און גיסט אויס פאַר'ן פּראָגער צדיק זיין ביטער האַרץ, דערצעהלט איהם אַל'ן כהויה. פערטראַכט זיך דער פּראָגער צדיק און זאָגט:

— מילא, בשעת הדחק שאני!

דערצעהלט יהיאל־מיכל דעם צדיק „את כבוד עשרו", וועגען די ה' מאות טאָלער, און דערמאַנט איהם זיין צוזאָג וועגען אויסקלויבען אַ חתן פון דער ישיבה.

פערטראַכט זיך דער פּראָגער צדיק, שפּאַרט אָן אויף אַ ווייל'ע דעם קאָפּ אויף די עלענבויגען איבער דער גמרא און הויבט אויף דעם קאָפּ און זאָגט איהם:

— ניין, יהיאל־מיכל, דאָס קאָן איך נישט.

— פאַר וואָס, רבי, — פרעגט יהיאל־מיכל פערציטערט: — האָט דען מיין מלפּה'לע, חס ושלום, אַ זינד אויף דער נשמה? אַ יונג קינד, אַ יונג ביימעלע, ווי מען בויגט עס...

— חס ושלום! — ענטפערט דער ראש־ישיבה — איך זאָג נישט,

אז זי האָט, חס ושלום, געזינדיגט, דאָס האָב איך בכּונה נישט געהאַט... נאָר עס פּאַסט נישט. הער, יהיאל-מיכל, דיין טאָכטער האָט נישט געזינדיגט, אָבער, אָבער אָנגעריהרט, פערשטעהסט דו, אַביסעל אָנגעריהרט איז זי דאָך... און דער עיקר — זאָגט ווייטער דער ראש-ישיבה— מיין איך דיין טובה דערמיט. וואָרום השגחה דאַרף דיין טאָכטער, השגחה פון אַ מאַן, און טאַקי פון אַ מאַן — אַ מענש, אַ סוחר... הוץ דעם — השגחה פון שווער און שוויגער..... פון שטוב-לייט... ווי עס איז, מען דאַרף איהר אַרויסשלאָגען פון קאָפּ... זי דאַרף דעריבער אַריינקומען אין אַ הויז... אין אַ הויז מיט אַסך אויערן און אויגען... מיט'ן יצר-הרע, אַז ער האַפּט זיך אַריין, מוז מען שטאַרק מלחמה האַלטען... עס איז אַ מין ביטערער הריין, מען זייהט איהם נאָר איין מאָל, און וואַקסען וואַקסט ער אייביג... דו רייסט, און ער וואַקסט!... וואָס, ניין?

יהיאל-מיכל מוז, נעביך, צושאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— און אַצונד, — זאָגט ווייטער דער צדיק, — הגע בעצמך, לעג צו קאָפּ, יהיאל-מיכל. למשל, איך וויל זיין אַ גוטער, און האַלטען וואָרט,— עס איז דאָך נאַריש, צוגעזאָגט האָב איך דיר, — און איך וויל זיין איין עומד בדבורי און טהון דיין רצון; און נעהם, און גיב דיר פאַר איין איידעם אַ בחור פון דער ישיבה. הייסט עס: איין אָרים-בחור, אַ פערלאָזט יונגעל... נו, וועט גוט זיין?

וואָס איז דאָס יונגעל? אַ בן-תורה... ער וועט זיצען און לערנען.... מעהר ווייסט ער נישט און וויל נישט וויסען, און ער טאָר נישט וויסען.....

און וואו וועט וואָהנען דאָס פּאָר-פאָלק?

צו דיר אין דאָרף אַריין אויף קעסט וועסט דו דאָך דאָס פּאָר-פאָלק נישט געהמען?

— אַוודאי נישט, כּל זמן דער יונגער פריץ איז דאָ!

— און ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט זיין?! אַ קשיא אויף אַ פריץ! זיי, אַז עס פאַלט עפּעס אין די אויגען אַריין! ער האָט אַנדערע זאָרג? פרנסה פעהלט איהם?... הכּלל צו זיך אויף קעסט נישט. לאָזט דו זיי איבער אין פּראָג. דינגסט אַ דירה און לאָזט זיי איבער, און שיקסט אויף פרנסה. נו, וואָס טהוט דאָס פּאָר-פאָלק? ער, דער יונגער-מאַן, זיצט ימים ולילות אין בית-המדרש, על התורה ועל העבודה — און זי? דאָס יונגע ווייבעל, וואָס טהוט? וואָס פאַר אַ הוריות טראַכט זי? אויף וועלכען עולם הדמיון געהט זי אַרום?

— גערעכט, רבי — איז יהיאל־מיכל מודה מיט א הייזעריג קול. — וואָס דען טהוט מען?

— וואָס עס לאָזט זיך! — ענטפערט דער ראש־ישיבה. — און איך וועל דיר העלפען. איך אַליין וועל שיקען נאָך אַ שדכן און זאָגען איהם, וואו אַהין ער זאָל געהן... עס זאָל זיין אַ הויז מיט מענשען, מיט אַ שטאַט, מיט אַביסעל עולם־הזה, נאָר בהיתר, נישט באסור... וועסט זעהן, מיט זיין ליעבען נאָמענ'ס הילף!

— דערפאַר, יהיאל־מיכל, — טרייסט ער איהם, — אַז דו וועסט קומען צו מיר וועגען דער צווייטער טאָכטער, און גאָט וועט דיר העלפען און וועסט האָבען אַ קניפעל — קריגסט דו, זאָג איך דיר, אַ הדר, מיט גאָלד אָבצוועגען...

דערווייל, מאַך התוגה...

5.

וכך היה.

אויפ'ן ראש־ישיבה'ס בעראָט, און בסוד סודות האָט מען מיט מלכה'ן אַ בעל־בת'ישען שדוך געטהון. און מלכה האָט ביז דער לעצטער רגע נישט געוואוסט, נאָך וואָס עס קומען שניידער און מעסטען איהר אָן קליידער, און פאַר וואָס מען וועקט זי אויף פאַרטאָג און מען פיהרט זי אַוועק קיין פראָג...

און אַז זי האָט שוין פערשטאַנען, וואָס דאָס בעטייט, האָט זי אויך קיין וואָרט נישט גערעדט. די יונגע נשמה האָט זיך ביי איהר ווי אָב־געשלאָסען.

וואָס עס האָט זיך ביי איהר אין האַרץ געטהון, האָט קיינער נישט געוואוסט; אָבער פון אויבען־אויף, האָט זיך גערעכט — אויף אלע בנות ציון געזאָגט! טאַקי מיט אַלע מעלות... אַביסעל צו בלאַס, עפּעס שטענדיג די אויגען אַראָבגעלאָזט — מאַלע וואָס? פריהער האָט עס געהייסען כלה־חן, דערנאָך: אַזוי האָט זי שוין זיין ליעבער נאָמען בעשאַפען, און ביי ווי סיי — אַ יפהפיה! אַ פערגנעמעניש! און אַדרבא! זי געהט אָהן דער שוויגער נישט קיין טריט, זי ביט זיך אפילו קיינמאָל גאָר נישט אויס... וואָס מען גיט איהר, עסט זי; וואָס און ווען מען דערלאַנגט איהר, טרינקט זי; און וואָס פאַר אַ קלייד מען וויל, טהוט זי אָן. ציכטיג, שטיל און שען.

און שבת, אַז זי טהוט אָן דאָס שוואַרץ-אַטלעסענע קלייד מיט דער גאָלדענער שפּאַנגע, נעהמט אויפ'ן אַלבאַסטער-ווייסען האַלז די פּערל, און עס באַמבלען זיך איהר בײַ די אויערען די בריליאַנטענע אוירינגלעך, בלײַבען ווײַבער שטעהן אין די גאַסען, און גאַפען, און מען זאָגט: אַ פּרינצעסין...

און זי — גלייך מען מיינט נישט זי, געהט זיך ווייטער שטיל און ציכטיג, צווישען שוויגער און שוועגערינס אין דער ווײַבערשער שוהל אַריין, שטעלט זיך נעבען דער שוויגער בײַ דער קראַטע און לאָזט אַראָב די זיידענע ברעמען, און עפענט מיט'ן ווייסען הענדטעל די זילבערנע קלאַמרעס פון סדור מיט'ן גאָלדענעם שניט, און די ליפּלעך הויבען אָן צו ציטערן, צו ציטערן...

און אַ גאַנצע וואָך? יעדען פאַרנאַכט?

— וואוהין ווילסטו היינט געהן שפּאַצירען, מלכה?

זי זאָגט נישט וואוהין; וואו מען געהט, געהט זי... און אַז מען געהט פאַרבײַ פאַר פענסטער מיט ציהרונג, שטעלען זיך אַלע אָב און קוקען, מלכה נישט. זי שטעלט זיך אָב, ווייל זיי שטעלען זיך אָב, אָבער קוקען, קוקט זי אין דער לופט אַריין...

זאָגט מען: וואָס דאַרף זי ציהרונג, זי אַליין איז ציהרונג!

בפרט, אַז דער יונגער-מאַן פיהלט אָהן איהר די נשמה נישט. ער היט זי, ווי אַיין אויג אין קאָפּ, ווי דאָס שוואַרץ-אַפּעל אין אויג...

און אַזוי אַלץ...

פון אויבען אָבגעטאָקט, אָבגעשניצט און ריין, ווי שענער קריסטאָל... אָבער אינעווייניג?

אינעווייניג איז געלעגען די קרעטשמע מיט'ן געזאַנג און טאַנץ און געשפּילעריי... אין האַרץ האָט צווישען איהר און דער וועלט אַרומגעשוועבט דער פאָרטרעט פון יונגען פריץ... קוים פערמאַכט זי די אויגען, צי אין שוהל בײַ דער קראַטע, צי מוצאי שבת צו „גאָט פון אברהם", צי בײַ שבת-ליכט בענשען, צושפּילט זיך אין איהר דער כה-הדם, טאַנצט זי, רחמנא ליצלן, מיט'ן פריץ, און מיט'ן ראָד אין קרעטשמע נאָך שניט.... אָדער זי רייט מיט איהם צוזאַמען, און טרייבט, אויפ'ן ווײַסען פערד ווי אַ מילך, איבער וואַלד און טהאָל... און בפרט, אַז עס גענעהנט זיך צו איהר דער מאַן, אין דער רגע שליעסט זי די אויגען צו און האַלזט, און קושט — וועמען? דעם יונגען פריץ האַלזט זי און קושט...

בעט זיך בײַ איהר דער יונגער מאַן — איהרע שענע אויגען האָט ער ליעב געהאַט — בעט ער זיך: לעבען מיינס, עפען דיינע שענע

אויגען, דיינע טויערען פון גן־עדן אויף! — בשום אופן נישט! וויל ער אמאָל (א יונגער מאַן!) אויספיהרען, וויל ער זיך מכלומר'שט אָפּרוקען, האַלט זי איהם מיט די אָרימס, ווי מיט צוואַנגען... דערשרעקט ער זיך, פלוצלונג און וויל זיך אויסרייסען, בעט זי זיך מיט אַ פער'הלש'ט קול:

— פרייך מיינער, אָדלער מיינער!...

מיינט ער — אַזוי ליעב האָט זי איהם, אַז ער איז איהר פרייך, איהר אָדלער... „דאָרך־לשון" — טראַכט ער. און זאָל זי נישט עפענען די אויגען, אַז זי שעמט זיך!

## 6.

און אַזוי האָט מלכּה אָפּגעלעבט אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט און געלעבט האָט זי — נישט מיט'ן מאַן...

צו וואָס איז דאָס געגליכען?

צו איין עפעל, וואָס הענגט, דאַכט זיך, געזונד און פריש אויף אַ גרינער צווייג, אויף אַ גאָלדענעם עפּעל־בוים, און די הויט פון אויבען איז געררויטעלט, ווי דער מזרח איידער די זון בעוויזט זיך, און אַ פרישער הויך, ווי פון גן־עדן, ליעגט אויף איהם: אַזוי שמעקענדיג, אַזוי פער־בעמיש, אָבער אין אמת'ן אַריין איז געזונד און פריש נאָר די הויט, די שאָל פון אויבען, אינעווייניג אָבער האָט שוין אַלץ דער וואָרם אויס־געגעסען...

אָבער פונקט להיפך האָט זיך אויסגעשניטען דאָס מזל פון יחיאל־מיכל'ס עלטערער טאָכטער — נחמה. ביי יחיאל־מיכל'ען אַליין האָט זיך אַלץ איבערגעקעהרט, און, ווי עס טרעפט זיך, דוקא מיט דער פּוטער־בראָט...

אָפּגעשפּיעלט און אָפּגעטאַנצט אין פּראָג, איז יחיאל־מיכל אַהיים געפאָהרען פון פּראָג אין גאַנצען מיט עטליכע מטבעות אין קעשענע, און ווי ער קומט צו צו דער גרעניץ פון דאָרף, דערזעהט ער, ווי זיין גאַנץ פלי־בית מיט די בעטען, מיט די טישען און בענק פון קרעטשמע ליעגען אויפ'ן פרייען פעלד און אַ פויער פון פריצ'ס הויף שטעהט דערביי ווי אַ שומר.

און דער שומר לאָזט איהם שוין נישט אַריינפאָהרען אין דאָרף אַריין... עס ווייזט זיך אַרויס, אַז בשעת ווען ער האָט געטאַנצט אויף דער יונגערער

טאָכטערס התונה, האָט איהם דערוויילּ עמיץ אויסגעדונגען די קרעטשמע. אַ גרויסע הוספה געגעבען, און דער יונגער פּריץ האָט איבערגעדייבערט דעם אַלטען פּריץ, ער זאָל נעהמען די הוספה... און דער יוד זיצט שוין אין קרעטשמע!

הויבט אָן דאָס ווייב מיט דער טאָכטער צו וויינען, צו חלש'ען. בעט זיך יהיאל־מיכל ביים שומר, ער זאָל איהם האָטש אַריינלאָזען אַ וואָרט ריידען מיט'ן אַלטען פּריץ, נעהמט דער שומר אַראָב די ביקס, וואָס האָט איהם געהאַנגען אויף די פּלייצעס, און זאָגט: ער וועט שיסען! ער וועט מוזען שיסען, זאָגט ער.

אַ היימישער פויער געווען, טרעהרען אין די אויגען האָט ער געהאַט; נאָר אַז דער פּריץ האָט געהייסען, וואָלט ער אַוודאי געשאָסען! זעהט יהיאל־מיכל, אַז עס איז פערפאַלען, און צוריק אַריינפאָהרען קיין פּראָג האָט ער נישט מיט וואָס, נאָך דער התונה איז איהם קוים עטליכע רענדלעך געבליבען: און מיט זיין אָרימקייט דער אויסגעגעבענער טאָכטער די אויגען פערשוואַרצען, וויל ער אויך נישט — נעהמט ער דאָס ווייב און נחמה'ן, די טאָכטער, און פאָהרט מיט זיי אַריבער צו איין אַנדערן פּריץ אין אַ דאָרף אַריין, נאָך ווייטער פון פּראָג, און בעט ביים פּריץ רשות, אוין עפענט זיך אַ געוועלבעל מיט זאַליץ, בעקער־ברויט און אַנדערע קליינע סחורות, אין דאָרף, און לאָזט איבער דאָס געוועלבעל אויפ'ן ווייב מיט דער טאָכטערס בעראָט, ער אַליין אָבער לאָזט זיך אויף דער וועלט, צו פּראָצעסירען מיט יענעם פּריץ, ווייל דער קאָנטראַקט איז נאָך נִיט געווען אויסגעגאַנגען, און אויך צו האָבען דין־תורה'ס מיט'ן יודען, וואָס האָט איהם משיג־גבול געווען... נאָר עס געהט נישט אַזוי געשווינד, ווי עס רעדט זיך, בפרט מיט ליידיגע הענד. געדויערט אַ פּאָר יאָהר; פערשפּיעלט ער דעם פּראָצעס מיט'ן פּריץ און זיצט אָב אַ צייט אין תפיסה פאַר די הוצאות פון פּראָצעס; דעם דין־תורה געגען משיג־גבול, געווינט ער סוף כל סוף, נאָר דער משיג־גבול וויל בשום אופן וצד דעם פּסק נישט האַלטען; און דער פּראָגער צדיק, וואָס האָט כח געהאַט צו נויטען, איז דערוויילּ נסתלק געוואָרען, און פּראָג זוכט און זוכט אַ רב, און קען דערוויילּ נישט צוקלויבען זיך, און לית דין ולית דיין. קומט ער, יהיאל־מיכל, אַהיים נאָך אַ פּאָר יאָהר, איין אויסגעמאַטערטער, אַיין אויסגעהונגערטער און לעגט זיך קראַנק אין בעט אַריין, און ליעגט אָב אַ פּאָר וואָכען און שטאַרבט; לעבט איהם דאָס ווייב זיינס לאַנג נישט איבער.

און נחמה ווערט אַ יתומה, אײנע אַלײן אין דאָרף, ווי אַ שטײן, און לײַזען לײזט מען נישט... עס איז נישט דאָ פאַר וואָס צו לײזען... און די יונגע פויערן, זײט זי איז אַלײן געבליבען, לאָזען זי נישט רוהען, טרײבען קאַטאָוועסלעך, בײזערן זיך, פאַר וואָס זי לאָזט זיך נישט אָנריהרען, די יודישע קבצנ׳טע...

שרײבט זי אײן בריעף און אַ צווײטען צו דער שוועסטער קײן פראָג, לעבט אָבער די שוועסטער אין פראָג, ווי מיר ווײסען, אין אַ עולם התוהו און לײענט נישט קײן בריעף... בעקומט די פערלאָזטע יתומה קײן תשובה נישט; הויבט זי זיך אויף בײ נאַכט און פערמאַכט דאָס לײדיגע קרעמיל און גנב׳עט זיך פון דאָרף אַרויס צו פוס; זי לאָזט זיך געהן אויף גאָט׳ס בעראָט, אַז זי וועט טרעפען צו דער שוועסטער קײן פראָג, אַ שוועסטער איז דאָך קײן שטײן נישט...

## 7.

געהט זי אַזוי מיט אַ שטיקעל ברויט אין דער האַנד פון דאָרף אַרויס, קומט זי צו צום וואַלד, האָט זי מורא פאַר חיות רעות. געהט זי נישט טיעף אין וואַלד אַרײן, גראַבעלט זי זיך אַרויף אויפ׳ן ערשטען בעסטען בוים, און וויל איבערוואַרטען, ביז עס וועט טאָג ווערען, צווישען די צווײגען אויפ׳ן בוים. ליעגט זי אַזוי אַ ווײלע; דערהערט זי, אין מיטען קריאת־שמע לײנען, ווי הינד בילען און לויפען. און דאָס געלויפערײ און געבילערײ קומט אַלע מאָל נעהנטער; פערשטעהט זי, אַז עס איז אַ געיעג פון פריצים אויף חיות אין וואַלד. פערשטופּט זי זיך נאָך טיעפער צווישען די צווײגען. און דאָס געיעג קומט אַליץ נעהנטער און נעהנטער, און אַ גאַנצע מחנה הינד שפּרינגט צו צום בוים, און הויבט אָן שטאַרק צו בילען; און צווײ רײטער קומען געשווינד אָן צורײטען, כדי צו זעהען, וואָס די הינד בילען אַזוי און לויפען אַזוי אַרום בוים. און די צווײ רײטער זענען צווײ יונגע פריצים געווען, און זײ האָבען אַרויפגעקלעטערט אויפ׳ן בוים, און האָבען זי אַראָפּגענומען איבער־געוואַלט, און פײער געמאַכט, און בעטראַכט, ווער דאָס איז; האָבען זײ געזעהן, אַז עס איז אַ יודיש קינד, און זעהר אַ שען מײדעל, נאָר אײן אויסגעהונגערטס. זאָגען זײ איהר, אַז זײ וועלען איהר, חס ושלום, קײן שלעכטס נישט טהון, וואָרום זי לײכט אין דער פינסטער ווי אַ מאָרגענשטערן... אַז מען דאַרף זי נאָר איבער-

טהון, וועט זי שיינען ווי אַ מלכּה, און שמעקען ווי אַ רויז... ווערט איהר, פערשטעהט זיך, אַ לאָך אין האַרץ. דערווייל, הערט זי, צוקריעגען זיך די יונגע פּריצים: יעדער וויל זי נעהמען צו זיך, יעדער טענה'ט, אַז זי איז זיין, אַז דאָס האָט זי זיין הונד צום אַלעם ערשטען דערשפּירט... בּלייבּט, זיי זאָלען זיך שיסען, און ווער עס וועט לעבּען בּלייבּען, דער זאָל זי נעהמען. שטעלען זיי זיך איינער קעגען צווייטען און ווילען שוין אָנהייבּען צו שיסען. האָבּען זיי אין מיטען אַ ישוב, זיי ווילען בּעסער ציהען קניפּלעך. ציהען זיי קניפּלעך, און איינער, וואָס האָט אַרויסגעצויגען דאָס קניפּעל, האָט זי אַרויפגעצויגען צו זיך אויפ'ן פּערד און איז מיט איהר גאַלאָפּ אַוועקגעריטען צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין... הלש'ט זי...

און אַז זי האָט זיך צו מאָרגענס אויפגעכאַפּט בּיים פּריץ אין פּאַ־לאַץ — — — — — — — —

— — — — — — — —

8.

און אַז זי איז בּיים פּריץ אין פּאַלאַץ צו זיך געקומען, און דערזעהן, אַז ער האַלט זי אויף דעם שויס, און האָט דערפיהלט, אַז ער קושט זי און האַלזט זי... האָט זי פערשטאַנען, אַז עס איז פערפאַלען, אַז זי וועט זיך שוין נישט ראַטעווען, האָט זי זיך נאָר געבּעטען:

— פּריץ־לעבּ, איך בּין בּיי דיר אין די הענד... און דו בּיזט צו שטאַרק, איך זאָל מיך וועהרען קעגען דיר, און איך האָבּ שוין נישט מיט וואָס זיך צו וועהרען... בּעט איך בּיי דיר נאָר איינס: האָבּ אויף מיר רחמנות, און זאָג מיר נאָר די איינציגע זאַך צו: האָסט מיר פערזינדיגט דעם גוף, פערפאַלען! פערזינדיג מיר האָטש נישט די נשמה, לאָז מיך בּיי מיין אמונה... און בּיי מיינע מחשבות... לאָז מיך טראַכטען און קלערען, וואָס איך וויל...

דער פּריץ האָט אפילו נישט רעכט פערשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט, נאָר בּאמת ליעבּ געקריגען האָט ער זי, האָט ער איהר צוגע־זאָגט... געמיינט האָט ער: און וואָס שאַדט עס איהם? התונה האָבּען מיט איהר וועט ער סיי־ווי־סיי נישט. איינמאָל האָט ער איהר אפילו גע־קויפט בּיי אַ יודען אין פּראָג אַ סדור, און האָט איהר געבּראַכט אַ מתנה. זי האָט גענומען דעם סדור מיט פריד, נאָר בּאַלד פון דער האַנד אַרויסגע־

באַלקסטימליכע געשיכטען.

לאָזט אויפ'ן טיש... „מיינע הענד — האָט זי געזאָגט — וועגען נישט וועדט די ריינקייט צו טראָגען"...

וואונדערט זיך דער פּריץ און שווייגט.

---

און ביים פּריץ אין הויף האָט נחמה געפיהרט אַלעבען, וואָס איז געווען גאָר דער היפך פון לעבען, וואָס די שוועסטער האָט געפיהרט אין פּראָג... ביידע האָבען פערמאַכטע אויגען געהאַט, אַרומגעגאַנגען פרעמד און פערחלומ'ט. נאָר בשעת ווען מלכה האָט געזינדיגט מיט דער נשמה אין אַ ריינעם גוף, האָט נחמה, פערקעהרט: אָבגעלאָזט דעם גאַנצען גוף און ריין געהאַלטען די נשמה...

עס געהט צו איהר צו דער פּריץ, — פערמאַכט זי די אויגען און טראַכט: „די מאַמע קושט מיך"... עס האַלט זי און עס קושט זי די מוטער און לערנט זי ברכה זאָגען, און „גאָט פון אַברהם" זאָגען...

ער וויל, זי זאָל איהם ליעב האָבען...

זי האָט ליעב, שטאַרק ליעב — די מוטער! זי געהמט אַרום די מוטער... „נאָך אַמאָל, מאַמישי: תורה צוה לנו"... שעפּציעט זי... און מיט די זינדיגע ליפּען רעדט זי אפילו די ווערטער נישט אַרויס... אין דער נשמה ווימלען זיי ביי איהר, דאָרט ליכטען זיי טיעף, טיעף אינווייניג...

## 9.

לעבען לעבט מען נישט אייביג, און ביידע שוועסטער איז קיין לעבען נישט בעשערט געווען...

און אַז די נשמות האָבען זיך אָבגעטהיילט פון גוף, איז דער יונגערע'ס, מלכה'ס, נשמה, וואָס איז געווען דורכגעפלעקט פון זינד, אַרויס, ווי אַ שוואַרצע קראָה, פון ווייסען גוף, און איז באַלד ערגעץ פערפאַלען געוואָרען אין כף הקלע... דער עלטערע'ס, נחמה'ס, ווייסע, קלאָרע נשמה אָבער, קוים האָט זי זיך בעפרייט פון זינדיגען גוף, האָט זי זיך ליכט און שטיל ווי אַ טויב אויפגעהויבען אין דער הייך צום הויכען הימעל. פאַר'ן טויער איז זי אפילו געבליבען שטעהן פערציטערט, נאָר גאָט'ס רחמנות האָט זיך צו איהר בעוויזען, און האָט איהר געעפענט דעם טויער, און האָט זי געטרייסט, און אויסגעווישט די טרעהרען פון די אויגען.

פון דעם אַלעם אָבער האָבען מענשען אויף דער ערד נישט גע־
װאוסט... די פּראַגער גבירה האָט געהאַט אַ גרױסע לויה. מען האָט איהר
אויך אַ גרויסען הספּד געמאַכט, עס האָט אַ מטמון געקאָסט! און מען
האָט זי אויבען־אָן אויפ'ן בית־החיים, צווישען אַלע צנועות, געלעגט, און
צום יאָהר האָט מען איהר אַ גרױסע מצבה מיט אַלערליי אויסגעקריצטע
שבחים געשטעלט...

אָבער אַז דער פּריץ האָט דער עלטערער'ס גוף קיין פּראָג גע־
שיקט... האָט קיין חברה־מאַן נישט געוואָלט זיך צורירען צום זינדיגען
גוף, האָט מען צו דער טהרה פּראָסטע טרעגער געדונגען, און מען האָט
די איינגעהילט אין איין אַלט'ן זאַק און אַריינגעוואָרפען אין אַ גרוב ערגעץ
אונטער'ן פּלויט...

אַ מענש װעדט נאָר פון אױבען...

## 10.

און אין אַ צייט אַרום, אַז מען האָט צוגענומען אַ שטיק פון אַלטען
פּראַגער בית־עלמין צו דער שטאָדט, בּרייטער צו מאַכען אַ גאַס, און מען
האָט אויסגעגראָבען די קברים, איבערצופיהרען די איבערגעבליבענע ביינער,
האָט אַ קברן געעפענט נחמה'ס קבר ביים פּלויט, און נישט מעהר געפונען,
ווי אַ שאַרבען, — פון לייב און דעם רעשט ביינער איז קיין שריד ופליט
נישט געבליבען... און ווען ער האָט נישט ווילענדיג מיט'ן פוס אַוועקגע־
שטופּט דעם שאַרבען, איז ער אָבגעשפּרונגען און איז ערגעץ פערוואַל־
גערט געוואָרען... און איז שוין צו קבורה נישט געקומען.

דער קברן אָבער, וואָס האָט געעפענט מלכּה'ס קבר, האָט זי גע־
פונען איינגאַנצען גאַנץ און פריש, כּמעט מיט אַ פרישען שמייכעל אויפ'ן
ווייסען פּנים...

— דאָס הייסט אַ צדקת! — האָבען מענשען געזאָגט. — די ווערים
האָבען אויף איהר קיין שליטה נישט געהאַט...

וואָרום אַזוי טראַכטען און זאָגען מענשען, וואָס זעהען נאָר מיט די
אויגען פון אויבען־אויף, און ווייסען קיינמאָל נישט, וואָס אין האַרץ טהוט
זיך, וואָס ביי עמיצען אויף דער נשמה איז...

# לא תחמוד.

# לאֹ תחמוד.

ווי עס איז בעקאַנט, מוז יעדער יוד מקיים זיין די גאַנצע תורה. און וואָס עס גערעאָט איהם נישט מקיים צו זיין אין איין גלגול, מוז ער מקיים זיין אין צווייטען; און דאָס וואָס ער איז פוגם אין איין גלגול, מוז ער אין צווייטען פערריכטען. ווארום די נשמה צום כסא הכבוד מוז צוריקקומען אַ גאַנצע, אָהן אַ פעהלער, און אַ ריינע, אָהן אַ פלעק. און דעריבער ווערען די, וואָס זענען מקיים די גאַנצע תורה, נתעלה פאַר דער צייט, און אָהן צער פון יציאת־נשמה, אָהן חבוט־הקבר, גרויסע צדיקים זענען יוצא מיט איין גלגול, מיט צוויי גלגולים; אַ פראָסטער בשר ודם קען, נישט פאַר אַייך גערעאַכט, מגולגל ווערען מאה פעמים ואחת, און נישט איין בר־נש וועט מגולגל ווערען עד סוף כל הדורות, ביז „בלע המות לנצח״, ווען די פערפלעקטע נשמה וועט געמשפט ווערען אין טהאָל יהושפט אָדער יזרעאל...

נאָר נישט אין דעם בין איך אצונד אויסען. איך וויל אייך דערצעהלען, ווי מען קומט אַמאָל צו אַיין איבריגען גלגול דורך אַ קלייניגקייט, דורך אַ גאָר נישט און, ווי דער שטייגער איז, אַז מען פאַלט, פאַלט מען שוין טיעפער און טיעפער.

ויהי היום, און אַ גרויסער צדיק האָט געדאַרפט משלים זיין זיינע גלגולים אויף דער וועלט. די נשמה האָט שוין געזאָלט אַרויספליהען צו איהר היים, צום כסא הכבוד, פון וואַנען זי איז אויסגעהאַקט געוואָרען, — ריין ווי אַ ריינקייט, ווי אַ גאָלד... און מען מאַכט שוין אויבען אַ וואַרע, און מען לויפט צו די טויערן פון הימעל, מקבל פנים זיין די ריינע נשמה, — ווערט אָבער אין דער לעצטער רגע די שמחה געשטערט.

אין לעצטען גלגול איז דער צדיק געווען אַ „גם־זו״, אַ מסתפק במועט; אַ יוד, וואָס האָט נישט טועם טעם געווען פון עולם הזה. געזעסען אין תעניתים און געלערנט; און כל ימיו — אַ פרוש! איז דעריבער, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יוד גערעכט, זעהר אַ שווערע פטירה געווען, וואָרום דער גוף האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסלאָזען פון זיך די נשמה און געהן אין פינסטערן קבר אַריין. דער גוף האָט גע'טענה'ט: איך האָב דאָך נאָך גאָר נישט געלעבט! איך האָב מיין חלק לעבען נישט געהאַט! און יעדעס אבר האָט זיך געראַנגעלט מיט'ן מלאך־המות. דאָס האַרץ האָט געזאָגט: איך האָב נאָך גאָר נישט געפיהלט! די אויגען: מיר האָבען נאָך גאָר נישט געזעהן! די הענד: וואָס האָבען מיר געהאַט? די פיס: וואו זענען מיר געגאַנגען? פון ד' אַמות נישט אַרויס! און אַזוי אַלע... און דער מלאך, וואָס איז געשיקט געוואָרען נאָכ'ן צדיק'ס נשמה, האָט זיך געמוזט ראַנגלען מיט יעדען אֵבר, מיד יעדער אָדער, מיט יעדען טראָפּען בלוט פון דעם פלייש; ווייל אַלץ האָט געהאַלטען די נשמה ווי מיט צוואַנגען, און ער האָט זי געמוזט אַרויסציהען, ווי אַיין אֵיידעלע רויז פון צווישען שאַרפע דערנער... און דעריבער איז דער צער פון יציאת נשמה געווען אַזוי גרויס, און די יסורים ביים אָבשיידען די נשמה פון גוף אַזוי שטאַרק, אַז דער צדיק האָט אין דער לעצטער רגע נישט אויסגעהאַלטען און שוין נאָך ודוי האָט ער מיט'ן לעצטען אָטהעם אַ קרעכץ געטהון. און דער קרעכץ איז געווען פון קנאה; ער האָט מקנא געווען די, וואָס האָבען אַ לייכטע פטירה, עס האָט זיך איהם פערגלוסט צו האָבען אַ גרינגען טויט! און קיין צייט, תשובה צו טהון אויף די פערגלוסטונג, איז שוין נישט געווען! און ווייל ער האָט פוגם געווען אין „לא תחמוד״, — וואָרום אַ יוד טאָר זיך אפילו אַ גרינגען טויט ניט פערגלוסטען, — זענען זיך אויבען צוגאַנגען די וואַרעס און מען האָט צוריק פערשלאָסען די טויערן פון הימעל. און ער האָט געמוזט נאָך אַמאָל מגולגל ווערען, ער זאָל קענען פערריכטען, וואָס ער האָט פוגם געווען אין „לא תחמוד״.

---

איז אָבער געווען אויף איהם אַ גרויס רחמנות אין די עולמות העליונים. מהייל פון דער פמליא של מעלה האָבען אפילו פעראיבעל געהאַט אויף דעם מלאך־המות, וואָס ער האָט זיך נישט פערהאַלטען אַ רגע; דעם צדיק קיין צייט נישט געגעבען תשובה צו טהון. בלייבט, לכל הפחות, מען זאָל דעם צדיק גרינגער מאַכען דעם נסיון, מען זאָל איהם געבען אַזאַ לעבען,

אַזאַ מזל־ברכה, ער זאָל נישט דאַרפען און נישט קענען קיינעם מקנא זיין; עס זאָל זיך איהם גאָר נישט האָבען וואָס צו פערגלוסטען. און א גרינגען טויט האָט מען איהם אויך צוגעזאָגט.

הערט עס דער בעל־דבר און שמייכעלט... נישט אַזוי לייכט וועט ער איהם אַרויסלאָזען פון דער האַנד!

ווערט דער צדיק נאָך אַמאָל מגולגל, און פון גלגול, איז אַרויס ר׳ זיינוואַלע פוריסאָווער! ווער איז ר׳ זיינוועלע פוריסאָווער?

אַ יוד — אויף אַלע יודען געזאָגט! אַ פער! און וואָס פעהלט איהם? לערנען קען ער בעסער פאַר׳ן רב; זינגען זינגט ער שענער פאַר׳ן חזן, אַ בעל־קריאה איז ער אַסך אַ בעסערער פאַר׳ן ליטווישען מלמד. און אַיין אשת־חיל אַ יודענע, און קינדער — געראָטענע, און אַ פרנסה אַ היי־מישע — האָט ער! און דערצו — דאָס שענסטע הויז אין שטאָדט; און פון הויז געהט אַרויס די שענסטע נדבה, און אין הויז איז פערהאַן די שענסטע סוכּה, אויסגעהאנגען מיט אתרוגים און אַלערליי אַנדערע פירות פון ארץ־ישראל. און וועמעס איז דער שענסטער הדר אין דער טייערסטער זילבערנער פושקע? ר׳ זיינוואַלעס! און ווער איז דער עהר־ליכסטער בורר און דער קלוגסטער בעל־יועץ? ר׳ זיינוואַלע! זאָל זיך איהם פערגלוסטען זיין גבאי? אַלע גבאים טהוען אָהן זיין עצה קיין האַנד אין קאַלט וואַסער נישט אַריין! אָהן זיין ווינק ריהרט זיך קיין שמש נישט!

זיצט זיך ר׳ זיינוואַלע על התּורה ועל העבודה. און די אויגען לייכטען ביי איהם אונטערן גרויסען שטערן, ווי ביי איין אמת׳ן, פער־צייטישען חכם. און עפענט ער דאָס מויל, שיטען זיך פערל! און אַ שענער מענש איז ער — אַ קייזער! אַ ווייסע געקרייזעלטע באָרד, אַ מאַר־דערן שטריימעל מיט זילבערנע האָהר, אַ סאַמעטענער קאַפּטאַן מיט סטראָ־קעס און זילבערנע האָקלען! מיט איין וואָרט — תּורה וגדולה במקום אחד...

דאַכט זיך, שוין זיכער דער לעצטער גלגול?! נאַ, עס וואָלט אַזוי געווען, ווען נישט דער בעל־דבר.

---

געדיט ער אַמאָל, דער בעל־דבר, און פערשטעלט זיך פאַר אַיין אורח; אַזוי אַ יונגערמאַן פון ערגיץ, אַפילו אַ הויקערהל, גאָר נישט אָנזעהעוודיג. קומט ער ווינטער ביי נאַכט צו מנחה ומעריב אין בית־המדרש אַריין און זעצט זיך ביים אויווען. מן הסתם פערבעט איהם ר׳ זיינוואַלע אויף ווע־

טשערע. ער זוכט שטענדיג אורחים! געהט ער, דאָס הויקעריל, צו ר׳ זיינאַוולען אויף וועטשערע. עסט מען. צווישען איין מאכל און דעם צוויי־טען רעדט מען, פערשטעהט זיך, תורה. אַ זוהן ר׳ זיינוואַלעס, צי אַיין איידים, הויבט אָן, שלאָגט זיך ערגיץ אָן אָן אַ שווערע סוגיא, הענדען זיך אַלע אויגען צו ר׳ זיינוואַלען, ער וועט שוין אַלץ צורעכט מאַכען. ר׳ זיינוואַלע שמייכעלט, איז דערוויל מכבד דעם אורח מיט׳ן בענשען; דער אורח בענשט אָב, און ר׳ זיינוואַלע הויבט אָן זאָגען, און זאָגען זאָגט ער אַזוי קלאָר, אַזוי ריין, אַז עס דאַכט זיך, אַז עס בעט זיך אויס אַ ווייטער, גלייכער און ברייטער שליטוועגס, אַ וויים, קלאָר רהבות, און גלאַט ווי דער טיש; שפּאַן אַ שליטען און פאָהר! זיצען די זיהן מיט די איידימס מיט די נשמות אין די אויערען און זאַפּען איין דעם גאַנצען נחת. און דאָס הויקעריל זיצט און קוקט מיט אַ בייז אויג פון אַ זייט, און שמייכעלט מיט די דינע ליפּעליך. דערזעהט עס ר׳ זיינוואַלע און פרעגט איהם: איהר זענט נישט מסכים? ענטפערט מיט אַ חוצפּה דער הויקער: אָבער גאָר נישט! פרעגט ר׳ זיינוואַלע: פאַר וואָס?

הויבט ער אָן, דער הויקער, צו זאָגען, פאַר וואָס, און עס הויבט זיך אָן אַ וכּוח!

נעהמט ער, דער הויקער, און גיט מיט אַמאָל אַ מיש דורך ש״ס ופּוסקים, וואַרפט מיט סברות, ווי מיט ברענענדיגע קוילען, ווי מיט שפּי־ציגע שפּיזען, און שיט מיט ראיות פון דאָ און פון דאָרט, ווי אַ האָגעל, און ריידענדיג, וואַקסט ער, דער הויקער, און די אויגען ביי איהם וואַק־סען, און דאָס רשעות אין די אויגען וואַקסט! און די ווערטער ווערען וואָס אַמאָל ברענענדיגער, שפּיציגער, און ער נעהמט אַרום ר׳ זיינוואַלען, ווי מיט אַ צוים פון ברענענדיגע דערנער, און ר׳ זיינוואַלע פיהלט, אַז עס ווערט איהם אַלץ ענגער און ענגער; נישט אַרויס, נישט אַריין; נישט דעם אָטהעם צו כאַפּען... און די זיהן מיט די איידימס ווערען אויך אָבהענדיג; עס קומט ר׳ זיינוועלען קיינער נישט צו הילף. און די צוים אַרום איהם רוקט זיך אַריין, אַלץ נעהנטער און נעהנטער צום לייב. און ר׳ זיינוואַלע הויבט אָן פיהלען אַ מין חולשת־הדעת, אַ האַרץ־וועהטאָג, און עס ווערט איהם דער אָטהעם שווער. און ער הויבט זיך אויף, געהט אַרויס פאַר דער טהיר, אַ ביסעל דעם אָטהעם צו כאַפּען, צו בעקומען אַ ביסעל ישוב־הדעת; וואָרום פיהלען פיהלט ער, אַז גערעכט איז ער, ר׳ זיינוואַלע; אַז דער הויקער איז נאָר עפּעס אַ מין קונצען־מאַכער; אַז ער קלאַפּט נאָר ווי מיט

אַ האָגעל, אַז דער האָגעל דאַרף צוגעהן, עס זאָל ווערען פון איהם גאָר נישט — וואַסער; ער מוז זיך נאָר מישב זיין!

---

און, ווי געזאָגט, אַ ווינטער נאַכט איז עס געווען. און אַז ר׳ זיינוועלע איז אַרויסגעקומען פאַר דער טהיר, איז געווען אויסגעבעט דער מאַרק מיט אַ פריש-געפאַלענעם, פונקעלדיגען שניי, און אויבען אין הימעל האָבען געפונקעלט מילי-מיליאַסען שטערענדליך. און ר׳ זיינוואַלע האָט אָבגעעטעמט פריי. און עס איז איהם פרייער און קלאָרער געוואָרען אין מח. און פלוצלונג דערזעהט ער בחוש, ממש מיט די אייגענע אויגען, ווי די צוים פון דערנער, מיט וועלכער דאָס הויקעריל האָט איהם אַרומגענומען, וואַקעלט זיך און שאָקעלט זיך אַרום איהם אין מאַרק אויפ׳ן שניי; און ער קוקט זיך צו און דערזעהט, אַז די צוים איז נישט קיין גאַנצע צוים, אַז זי איז איבערגעהאַקט אין אַ סך ערטער, אַז זי האָט דאָ און דאָרט אָפענע פורטקעס. און ווייטער דאַכט זיך איהם, און ער זעהט בחוש, ווי עס שטעהען ביי די פורטקעס: דאָ אַ גאון, דאָרט אַ פוסק, דאָרט ווייטער אַ מפרש, וכדומה, און זיי ווינקען צו איהם גאָר פריינדליך, זיי רופען איהם צו: זיינוואַלע, ס׳איז אַ פאַלשע צוים, אַ פערבלענדעניש, קום נאָר אַהער, איך וועל דיך דורכפיהרען, עס בעט זיך אַ וועג, אַ רחבות...

און ר׳ זיינוועלע שמייכעלט אין דער מחשבה צו דעם פורטקעלע און זעהט, אַז אומעטום איז אָפען, אַ רחבות, אַ וועלט, אַיין אָפענע! און ער דערמאָנט זיך: דער גאון האָט אַזוי געזאָגט, יענער פוסק האָט דאָס און דאָס פערהיטען. היינט — אַ בפירוש אָרט אין פירוש רש״י, וכדומה. און ער האָט משונה הנאה דערפון. און שפאַציערט אַזוי נאָך אַמאָל דורך גאַנץ ש״ס ופוסקים — אומעטום אַ פרייע וועלט... ער וועט איהם שוין ווייזען דעם אורח!... עס איז איהם אַליץ אַזוי קלאָר, ווי דער קלאָרער שניי, אַליץ אַזוי בלאַנק, ווי די בלאַנקע שטערענדליך אין הימעל! און ער פיהלט נישט, אַז אַזוי, ווי ער געהט אַרום אין דער מחשבה אין די עולמות התורה, אַזוי טראָגען איהם די פיס אַהין און צוריק איבערן מאַרק און אויסען מאַרק, אַליץ ווייטער און ווייטער איבערן שניי, און ער איז שוין לאַנג פון מאַרק, פון שטאָדט אַרויס, מען זעהט שוין קיין צייכען פון קיין הויז, פון קיין דאַך נישט, פון גאָר נישט, ער טרעט אַרום אין שניי אויפ׳ן פרייען פעלד, אָהן אַ צוים, אָהן אַ גרעניץ, אויף אַיין אמת קלאָר, ווייס און פינקעלדיג רחבות, ווי ביי ר׳ זיינוואַלען אין מח.

מיט אַמאָל אָבער האָט ער זיך אָבגעשטעלט פערציטערט.

אַ שווערער וואָלקען האָט זיך פלוצלונג פערצויגען אונטערן הימעל; מיט אַמאָל אויסגעלאָשען זענען געוואָרען די פינקעלדיגע שטערענדליך. און אַ ברייטער שאָטען האָט זיך געלעגט און פערפינסטערט דעם גלאַנ־צענדיגען שניי. און אויך פלוצלונג, צוזאַמען מיט הימעל און ערד, איז פונקעל געוואָרען ביי ר׳ זיינוועלע׳ן אין מה און — ער בלאָנדזשעט, דער־זעהט ער, אינ׳ם שניי, ער בלאָנדזשעט שוין אויך אין דער סוגיא; עס הייסט שוין נישט ווי אויס און ווי איין — — —

דערזעהט ער, ר׳ זיינוועלע, פון וויטען, ווי אַביסעל צורונענער רויך שלענגעלט זיך אונטער׳ן הימעל. פערשטעהט ער, אַז עס איז אַ סימן פון אַ שטיקעל לעבעדיגען ישוב. דערפרווירען, פערמאַטערט און טיעף ביז׳ן תוך פון דער נשמה אָבגעפאַלען ביי זיך, געהט ער נאָך דעם רויך און קומט־צו צו איין אָרימער, אָבגעריסענער קרעטשמע. קומט ער אריין אין אַ פעררויכערטע שטוב און שטעלט זיך אָב ביי דער טהיר און קיינער בעמערקט איהם נישט; שטעהט ער אַזוי און זעהט, ווי ביי דעם שענק־טיש, איבער געטראַנק און פערבייסעכטס, דרעמעלט איין אַלטע ערלית, און דורך די פענסטער מיט אויסגעשלאָגענע שויבען יאָגט איין און אויס אַ נאַסער, קאַלטער ווינד. נאָר אָן אַ זייט שטעהט איין אויוון און אין אויוון ברענען, און קנאַקען, און פלאַקערן טרוקענע דרענגלעך. מיעד און געפרווירען, ווי ער איז געווען, וויל ער צוגעהן, זיך אָנוואַרימען. דער־זעהט ער אָבער, אַז אַלע ערטער אַרום אויוון זענען פערנומען. אַרום און אַרום זיצען האַלב־שכור׳ע פויערן, מיט בלעכלעך בראַנפען אין איין האַנד, און גיזאַלצענע הערינג אָדער אוגערקעס אין דער צווייטער. און זיי טרינ־קען צו זיך, די פויערן, און די פנימ׳ער זייערע פלאַמען, און די אויגען ביי זיי לייכטען פאַר ליעבשאַפט און נחת, און אַלע מאָל בייגט זיך צו איינער צום צווייטען, און מען קושט זיך, און מען וויינט פאַר גרויס ליעבשאַפט, און מען טרינקט ווייטער, און מען פערבייסט ווייטער...

און דעמאָלט האָט ר׳ זיינוועלע, וואָס האָט גקאָנט בעסער לערנען פאַר׳ן רב, שענער זינגען פאַר׳ן חזן; וואָס איז געווען אַ בעסערער בעל־קריאה פאַר׳ן ליטווישען מלמד; וואָס האָט געהאַט דאָס שענסטע הויז, אַ ידענע איין אשת־חיל, די גראָטענסטע קינדער, די שענסטע סוכה, דעם הדר׳סטען הדר; דער ר׳ זיינוועלע, וואָס פלעגט זיין דער בעסטער יועץ, דער עהרליכסטער בורר, און געבען בעין־יפה די שענסטע נדבה, —

דעמאָלט האָט דער ר׳ זיינוועלע זיך נישט איינגעהאַלטען, און שטעהענדיג אין מיטען קרעטשמע, אין טיזליק, וואָס האָט געשטאַרט אויף איהם ווי אַ בלעך, בשעת דער ווינד האָט זיך אַלע רגע אַרונטערגע׳גנב׳עט און איינגעפּריהרט איהם דעם שוויס אויס׳ן לייב,— דעמאָלט האָט ר׳ זיינוועלע אין טיעפען האַרץ מקנא געווען יעדען פון די פויערן, וואָס איז געזעסען ביי׳ם וואַרימען אויווען, וואָס האָט געטרונקען יי״ש פון בלעכעל, פערביסען מיט אַ שטיק געזאַלצענעם הערינג אָדער אַ זיסער אוגערקע און גערעדט — גנול פה...

---

אין עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע שורה פון גלגולים.

# ימים אויפ'ן ים.

# נסים אויפ'ן ים.

אין דער מדינה האָלאַנד, אין אַ האַלב אײַנגעזונקען הײזעל בײַ'ם ברעג פון ים, האָט געוואָהנט אויך אַ שטומע נשמה — אַ יודישער פי־שער מיט'ן נאָמען „סאַטיע". אפשר נאָך אַיין עלטער־זיידען סעדיה; נאָר פון דעם האָט ער נישט געוואוסט, ער האָט בכלל זעהר וועניג געוואוסט פון יודישקייט. פון אבות אבותיו אַ פישער, פערברענגט טעג און יאָהרען אויפ'ן ים, געלעבט — איין איינציגע יודישע משפחה צווישען נישט־יודען, וואָס זאָל ער וויסען? סאַטיע האַפּט פיש, דאָס ווײַב זײַנס שטריקט נע־צען און פיהרט די שטוב, די קלײנע קינדערלעך וואַלגערן זיך אין זאַנד און זוכען בורשטין... און אַז סאַטיע געהט אויפ'ן ים און עס מאַכט זיך אַ שטורם־ווינד, עס ווערט סכנת נפשות, האָט — נישט ער אויפ'ן ים, נישט דאָס הויזגעזינד אין שטוב, נישט געקאָנט אפילו קיין שמע ישראל מתפלל זיין... האָט סאַטיע געקוקט שטום אין הימעל אַרײַן; דאָס ווײַב זײַנס שלאָגט זיך אין קאָפּ אַרײַן, אָדער שלײדערט נאָך אפשר אַ בײזען בליק צום בײזען, פינסטערן הימעל אַרויף, און די קינדער וואַרפען זיך אויפ'ן זאַנד און רופען גלײַך מיט אַנדערע קינדער: סאַנטא מאַריא, סאַנטא מאַריאָ!

און פון וואַנען האָבען זיי געזאָלט וויסען מעהר? צופּים געהן אין קהלה אַרײַן — איז ווייט, פאָהרען האָט די אָרימע פאַמיליע, וואָס האָט קים פרנסה געהאַט, נישט געקאָנט, און, אַ חוץ דעם, לאָזט דער ים נישט אַוועק. סאַטיע'ס פאָטער, סאַטיע'ס זיידע און עלטער־זיידע זענען אומגעקומען אויפ'ן ים, נאָר אַזאַ כּח האָט ער שוין, דער ים: ער איז דעם מענשענס געפעהרליכסטער שונא, און גאַנץ אָפט אַ פאַלשער שונא,

און — ליעב האָט מען איהם, און ציהען ווערט מען צוגעצויגען צו איהם די מיט צוואַנגען... און מען קאָן זיך פון איהם נישט אָברייסען, וויל מען לעבען אויף איהם און אונטערגעהן אין איהם...

---

נאָר איין יודישער מנהג איז אין דער משפחה געבליבען — יום־כפור!

ערב יום־כפור אין דערפריה האָט מען אויסגעקליבען דעם גרעסטען פיש, און די גאַנצע משפחה איז געגאַנגען מיט'ן פיש אין שטאָדט אַריין, און אָבגעגעבען האָט מען דעם פיש דעם קהל'ישען שוחט, ביי וועלכען מען פלעגט פערפאַסטען און עסען נאָכ'ן תענית.

איבער'ן מעת־לעת פלעגט די משפחה זיצען אין האָלענדישען מקום־קדוש, צוהערען זיך ווי דער כאָר זינגט, ווי דער אָרגעל שפיעלט, ווי דער חזן זאָגט אויף זיין אופן און שטייגער... פערשטאַנען א וואָרט האָט מען נ י ש ט. געקוקט האָט מען נאָר צום אָרון־קודש, צום פרעדיגער אין דער גאָלדענער יאַרמולקע. האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אויפגעהויבען, האָט מען זיך אויך אויפגעשטעלט; האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אַראָבגעלאָזט, האָט מען זיך צוריק געזעצט. טיילמאָל פלעגט סאַטיע פאַר מיעדקייט איינדרימלען, האָט איהם א שכן מיט איין עלענבויגען צום אויפשטעהן געוועקט...

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער יום־כפור. אז עס איז א יום־הדין, אז א פיש אין וואַסער ציטערט, און וואָס אין הימעל טהוט זיך — פון דעם האָט סאַטיע נישט געוואוסט. עס איז ביי איהם א מנהג געווען, יום־כפור צו הערען כאָר און אָרגעל א ו מ ג ע ג ע ס ע ן, און אז נאָך „נעילה" (ער האָט אפילו נישט געוואוסט, אז עס הייסט „נעילה") געהט מען צום שוחט אויף וועטשערע... א סך מעהר האָט דער שוחט אַליין אפשר אויך נישט געוואוסט — האָלאַנד!

און באַלד נאָכ'ן שוואַרצען קאַפע, פלעגט סאַטיע מיט'ן ווייב און מיט די קינדערלעך זיך אויפהויבען, געזעגענען זיך מיט'ן שוחט און זיין הויזגעזינד, און אָנווינשעווען זיך, און אַוועקגעהן און וואַנדערן א גאַנצע נאַכט צום ים. נישט „אַהיים" פלעגט מען זאָגען, נאָר — „צום ים".

און אויפהאַלטען לאָזט מען זיך נישט.

— סטייטש, — טענה'ט דער שוחט מיט דער שוחט'קע: — איהר האָט דאָך אפילו די שטאָדט נישט געזעהן.

פערקרימט זיך סאַטיע:

— די שטאָדט!

קיין בעל־דבֿרן איז סאַטיע נישט; דער ים לערנט שווייגען. נאָר די שטאָדט האָט ער פיינד. ענג, אָהן לופט און אָהן הימעל. אַ פּאַסיקעל צווישען דאַך און דאַך... אויפ׳ן ים אָבער — אַ רחבֿות... עס עטעמט זיך...

— עס איז דאָך אייער שונא.... אייער טויט! — טענה׳ט מען צו איהם

— אָבער אַ גוטער טויט!

ער וויל האָבען זיין פאָטער׳ס און זיין ווייבעס סוף — איינגעשלונגען ווערען געזונדערהייד פון ים, נישט קרענקען און גוסס׳ען אַ צייט לאַנג אויף אַ בעט.... הערען ווי מען וויינט... און דערנאָך בעגראָבען ווערען.. אין דער האַרטער ערד... בררר!

קאַלט ווערט איהם, אַז ער דערמאַנט זיך פון אַזאַ קבֿורה...———

און מען געהט צו־פוס אַהיים, צו׳ם ים...

און אַז מען געהט צו־פוס איבער נאַכט, און עס הויבט אָן גרויען דער טאָג, און מען דערזעהט דעם גאָלדענעם אָבגלאַנץ פון זאַמדיגען ברעג, און דערנאָך בליצט־אויף דער שפּיגעל פון ים, דערפרעהט מען זיך, פּאַטשט מען מיט די הענד...

אַ חתן מיט אַ כלה פרעהט זיך נישט אַזוי...

און אַזוי געהט עס פון יאָהר צו יאָהר....

עס בייט זיך דער פישער, זעלטענער — דער שוחט; מנהג בלייבט מנהג.

זון דער מנהג איז אַ כּכום הכּולל פון פאַסטען, כּאַר און אָרגעל, שוחט, מיט׳ן געזעגענען און אָנווינשען זיך...

דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער איינציגער פאָדים, וואָס בינדט־צו סאַמ־יען צו׳ם כּלל ישׂראל...

---

ויהי היום, איינמאָל פאַרטאָג, קוים געגרייטעלט האָט זיך דער מזרח, שטיל וועקט זיך אויף דער ים, קוים ער עטהעמט, קוים עס הערט זיך זיין ברומען, ער ציהט זיך פויל און גאָך פער׳חלומ׳ט אויס, און ציהט זיך איין.... וואו־נישט־וואו פלאַטערט אין דער בלאָהער לופט אַ ווייסע פּאָר פליגעל, שרייט־אויף אַ־יין עוף... און ווייטער שטיל... שטילע גלאַנצען פליהען איבער׳ן ים, גאָלדענע פלעקען גליטשען זיך איבער׳ן געלען זאַמד,

פערמאַכט זענען די שיפער־שטיבלעך איבער'ן ברעג, נאָר איין טהיר בקרי־פעט, — סאַטיע געהט אַרויס...

ערב־יום־כפור איז היינט. פרום און ערנסט איז זיין פנים, שטיל לויכטען איהם די אויגען: ער געהט טהון אַ מצוה, האפען אַ פיש אויף יום־כפור!

און ער געהט צו'ם שיפעל צו און נעהמט אָן די קייט, מיט וועלכער עס איז געווען צוגעבונדען צו'ם בּאָרט. די קייט קלינגט, און קולות דערהערען זיך רעכטס און לינקס:

— ניט'ע, ניט'ע!

דאָס רופען צו איהם די שכנים, וואָס האָבען אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די קליינע פענסטערלעך.

רוהיג און שטיל ליעגט וויים און ברייט אויסגעגאָסען דער ים, צו־זאַמענגעגאָסען מיט'ן זוים פון פריש־מארגענדיג לאַכענדיגען, פרעהליכען הימעל.... קוים ער עטהעמט, דער ים, קוים ער רונצעלט זיך ביי'ם ברעג, און ווי ביי אַ גוטער באָבע'ן, טאַנצען ליכטיג־גלאַנצענדיגע שמייכלען צווישען די רונצלען... און עפּיס מורמעלט ער, אַ באָבע־מעשה דער־צעהלט דער ים די צעוואָרפענע, מיט לאַנגע וואַסער־פלאַנצען, ווי מיט האָהר בּעוואַקסענע ושטיקער פעלזען, און ער גלעט זיי איבער די האָהר, שמייכלענדיג, שפּיעלענדיג — דער פישער אָבער קען בעסער דעם ים, און ער גלויבט איהם נישט.

— ניט'ע...

דער ים וויעגט זיך און וועט זיך צעוויעגען, און פלאַצען וועט דער ליכטיגער שפּיגעל, און פון שפּיעל וועט ווערען אַיין ערנסט, פון שטילען ברומען — געשריי און געפּילדער, און פון רונצלען וועלען אויפשטעהן וואַלען, וואָס וועלען שלינגען שיפלעך און שיפען, ווי קליינע פישלעך דער לויתן...

— ניט'ע...

און אַ באָרוויסער אַלטער־מאַן, מיט אַ פלאַטערדיגען גרויען קאָפּ אָהן אַ היטעל, מיט אַיין אַיינגעשרומפּטען פנים, ווי דער ים, נאָר אָהן זיין פאַלשען, זיסען שמייכעל, — קומט אַרויס פון אַ שטיבעל, געהט צו סאַ־טיע'ן צו און לעגט איהם אַרויף די האַנד אויפ'ן אַקסעל:

— זעה!

און ער ווייזט איהם אַ קליין שוואַרץ פּינטעלע, וואָס נאָר אַ פישער־

אויג קאָן דערזעהן, אויפ'ן זוים פון הימעל.

— פון דעם וואַקסט אַרויס אַ וואָלקען...

— כ'וועל פריהער צוריק אין דערהיים זיין, — ענטפערט סאַטיע: — איין פיש וויל איך נאָר האַפּען.

און ערנסטער ווערט דאָס פּנים בּיי זיין אַלטען שכן:

— האָסט וויב און קינד, סאַטיע!

— און אַ גאָט אין הימעל! — ענטפערט סאַטיע מיט בּטחון: ער געהט זיין מצוה טהון... און ער שטופּט אָב דאָס שיפעל און שפּרינגט אַריין...

און לייכט ווי אַ פעדער טראָגט זיך סאַטיע'ס שיפעל איבּער'ן ים, און דער ים וויעגט עס אַרום, זים-בּרומענדיג, אַזוי ליעבּליך, און זיימט עס און וויקעלט עס אַרום מיט די שענסטע פּערל, וואָס ער פערמאָגט — און דער אַלטער פישער שטעהט אויפ'ן בּרעג און מורמעלט:

— סאַנטאַ מאַריא, סאַנטאַ מאַריא!

---

לייכט טראָגט זיך סאַטיע'ס שיפעל איבּער'ן ים — געשיקט וואַרפט סאַטיע אַראָב זיין נעץ, און שווער און שווערער ווערט די נעץ, און מיט אַלע כּחות ציהט ער זי קוים-קוים אַרויס און געפינט אין איהר וואַסער-פלאַנצען, ים-שטערן, — נאָר נישט קיין איינציגען פיש...

דער אַלטער פישער אויפ'ן בּרעג האָט דאָס שיפעל שוין פערלוירען פון אויג. סאַטיע ציהט שוין צום דריטען מאָל און צום פיערטען מאָל אַרויס די נעץ: נישט לייכט איז זי אַרויסצוציהען, אַלערליי וואַסער-פלאַנצען האָבּען זיך אין איהרע אויגען פערפלאָכטען — נאָר קיין איינציגער פיש...

און דער ים וויעגט און צעוויעגט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, און אויפ'ן הימעל איז שוין אַרויסגעשוואומען די זון, נאָר פייכט איז איהר גלאַנץ — אַ פערוויינטע זון; און דאָס שוואַרצע פינטעלע אין עק הימעל האָט זיך אויסגעצויגען אונטערוויילעכץ אונטער דער זון, ווי אַ בּרויגע שלאַנג, און ווערט טונקעלער און טונקעלער, און הקט זיך צו דער זון...

עס איז שוין האַלבּער טאָג, און סאַטיע שווימט און שווימט, פּרובּט און פּרובּט דאָס מזל —

— גאָט, טראַכט ער, וויל נישט, איך זאָל דאָס יאָהר מקיים זיין

די מצוה, מען מוז צוריק! און טרויעריג ווערט איהם אויפ'ן הארצען: ער האט געמוזט עפעס זינדיגען געגען גאט, וועלכער בעוויליגט נישט היי־יאהר זיין קרבן. און ער נעהמט דעם רודער פעסט אין דער האנד אריין און וויל שוין אויסדרעהען דאס שיפעל צוריק. נאר אין דער זעלבער רגע בעקומט ער א שפריץ אין פנים אריין, און ער דרעהט זיך אים און דערזעהט, ווי א גרויסער גאלדענער פיש ווארפט זיך, שפיעלענדיג, איבער'ן ים און שפריצט מיט'ן ווידעל איבער'ן וואסער.

עה! דעם פיש מוז ער האפען, דעם פיש האט איהם גאט בעשערט, גאט, וואס האט זיין עגמת־נפש געזעהן, זיין בענקען, מקיים צו זיין די מצוה. — און ער דרעהט צוריק אוים, און יאגט נאך דעם פיש...

און דער ים איז שוין צעוויעגט, הוואליעס הייבען זיך העכער און העכער... א האלבע זון איז שוין מיט א וואלקען בעדעקט, בונטען ווייסע שטראהלען רייסען זיך קווער אהער פון אונטער'ן וואלקען, און דער פיש שווימט איבער די פלייצעס פון די הוואליעס, און סאטיע'ס שיפעל נאך, נאך... און פערשוואונדען ווערט פלוצלונג דער פיש, צווישען איהם און סאטיע'ס שיפעל הייבט זיך אויף א וואל, אויפגעבלאזען, אויפגעיאגט פון ווינד...

— עס נארט מיך, עס בלענדט מיר די אויגען! — טראכט סאטיע און וויל ווייטער אויסדרעהען דאס שיפעל און שווימען צוריק. אין דער זעלבער רגע לעגט זיך אבער די הוואליע, ווי זי וואלט מיטאמאל איינגעזונקען געווארען; כמעט צום שיפעל צו שווימט צו דער פיש און קוקט אויף איהם מיט גרויסע אויגען, גלייך ער בעט זיך: נעהם מיך, נעהם מיך... זיי מקיים מיט מיר די מצוה, זיי מיך מזכה מיט איהר...

דרעהט סאטיע צוריק אוים, — פערלוירען ווערט דער פיש! א נייע הוואליע שווימט אויף צווישען איהם און דעם שיפעל, און עס הייבט זיך ווידער אן דער „רגזון” פון ים! נישט קיין ליעבליך ליעדעל זינגט ער, דער ים, ער כעס'ט זיך: א העזה, אצונד אויף איהם צו שווימען! אויף זיינע הוואליעס צו טרעטען! און גלייך זי וואלט זיך פאר'ן ים דערשראקען, בעהאלט זיך אונטער'ן וואלקען די זון... אויף דעם, זעהט אוים, האט נאר געווארט דער ווינד — ער איז בעפרייט געווארען, און צעיאגט זיך מיט איין אויסגעלאסענעם צארן, און ער שמייסט, און פאטשט ווי מיט ריטער, און רייצט נאך מעהר אויף דעם ים, און דער ים ברויזט און קנאקט, גלייך טויזענדער באסען שפיעלען אין זיינע געדערם, קעסעל-

פיקען — אין זיינע הוואַליעס...

— אַהיים, אַהיים! — קלאַפּט בײַ סאַטיע'ן דאָס האַרץ, און ער נעהמט צוזאַמען די נעצען אין שיפעל אַריין, און האַפּט שטאַרקער אָן דעם רודער, און אַרבייט מיט אַלע קרעפטען. די אָדערן אין דער האַנד ווילען פּלאַצען. ווי אַ הײַלע נוס וואַרפט זיך דאָס שיפעל אויף און אָב איבער די הוואַליעס, פערשוואַרצט איז דער הימעל, ברוין-צאָרניג דער צובראָכענער ים — און ער אַרבייט אַלץ — אַהיים, אַהיים...

פלוצלונג דערזעהט ער, עפּעס שווימט צו איהם צו פון דער זייט — אַ מענשליכער קערפּער שווימט, אַ דערטרונקענער — אַ פרוי איז עס — פאַר איהר שווימען די האָר, שוואַרצע האָר — זיין ווייב האָט אַזוינע האָר... פון אונטער די האָר בעווייזען זיך ווייסע הענד — זיין ווייב האָט אַזוינע הענד... און אַ קול רופט: ראַטעווע! — זיין ווייב'ס קול... די מוטער פון זיינע קינדער... זי האָט איהם געמוזט נאָכשווימען אויפ'ן צווייטען שיפעל. זי טרונקט, זי רופט נאָך זיין הילף...

און ער דרעהט דאָס שיפעל אויס רעכטס און וויל צו צום קערפער, — דער ים לאָזט נישט! הוואַליעס הייבען זיך אין דער מיט, דער שטורם רייסט און וואָיעט — נאָר אין דעם שטורם הערט ער איהר קול: העלף! העלף! סאַטיע, העלף!...

און ער שטרענגט אָן די לעצטע קרעפטען צוצושווימען, און אָט איז ער שוין נישט ווייט פון ווייסען פלעק; די האָר זעהט ער שוין נישט, נאָר דאָס שווימענדיגע, זינקענדיגע קלייד... מיט'ן רודער צו דערלאַנגען... נאָר אין דער מיט, צווישען איהם און זיין ווייב, הייבט זיך אויף אַ וואַל, שטייסט זי אָב אין איין זייט, דאָס שיפעל — אין דער צווייטער — — —

— אַ פערבלענדעניש! — טראַכט ער, זיך דערמאַנענדיג, אַז דאָס זעלבע האָט ער געהאַט מיט'ן גאָלדענעם פיש: און נישט ווילענדיג וואַרפט ער אַיין אויג צום ברעג, זעהט ער, ווי עס לייכט זיך שוין אין די פישער-הייזלעך די פענסטער!

— יום-כפור! — דערמאַנט ער זיך, און לאָזט פלוצלונג אַרויס דעם רודער פון דער האַנד.

— טהו מיט מיר, — שרייט ער צום הימעל אַרויף, — וואָס דו ווילסט, יום-כפור רודער איך נישט!...

און דער ווינד רייסט, אין כף-הקלע וואַרפען די הוואַליעס דאָס שי-

פעל; און סאַטיע, ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם רודער פון דער האַנד, אַזוי זיצט ער רוהיג, און קוקט מיט אָפענע אויגען אַמאָל צום פערשלאָ־סענעם הימעל אַרויף, אַמאָל צום קאָכענדיג־שיימענדיגען ים אַראָב.

— טהו מיט מיר, גאָט, וואָס דו ווילסט! זאָל דיין רצון גע־שעהען...

פלוצים דערמאָנט ער זיך אַ ניגון פון כאָר, אונטערגעהאַלטען פון אָרגעל, און ער הייבט אָן נאָכצוזינגען דעם ניגון. די דאָזיגע שטומע נשמה האָט נאָר דאָס איינציגע לשון צו רעדען מיט גאָט — און ער זינגט. דער הימעל ווערט שוואַרצער און שוואַרצער, די וואַליעס הייבען זיך העכער און העכער, שאַרפער נאָך בלאָזט דער ווינד... דאָס שיפעל וואַרפט זיך באַרג־אַרויף, באַרג־אָב, איין וואַליע וואַרפט עס צו דער צווייטער... אַ איינע רייסט איהם אַרויס און שליידערט איהם אַוועק דעם רודער, אַ צווייטע קומט אָן פון הינטען און יאָגט זיך נאָכ'ן שיפעל מיט איין אָפען מויל... דער ווינד רייסט ווי טויזענדער וועלף — און אין דעם גערודער אַריין זינגט סאַטיע דעם ניגון פון „מי ינוח ומי ינוע"... ווי דער כאָר, אונטערגעהאַלטען פון אָרגעל...

די וואַליע שלאָגט אין שיפעל אַריין. סאַטיע וויל שטאַרבען זינ־גענדיג, נאָר דאָס שיפעל קעהרט זיך איבער... אָבער סאַטיע'ן איז נאָך דער טויט נישט בעשערט...

צוויי ווייסע געשטאַלטען, חי פון נעבעל געוועבטע, געהען, האַל־טענדיג זיך ביי די הענד, בּאָרוועס, מיט צופלאָכטענע האָר און לייכטענ־דיגע אויגען, איבער'ן ים, און ווי סאַטיע דרעהט זיך איבער מיט'ן שי־פעל, קומען זיי צו, הייבען איהם אויף, נעהמען איהם צווישען זיך, און געהען מיט איהם אונטער די אָרעם, און טרעטען מיט איהם איבער די וואַליעס, ווי איבער בייטען און בערגלעך, און פיהרען איהם אַזוי גע־אָרעמט צווישען ווינד און געטומעל. ער קוקט און וויל רעדען, עפּעס פרעגען וויל ער — נאָר זיי זאָגען איהם:

— זינג בעסער, סאַטיע, זינג! דיין געזאַנג וועט גובר זיין דעם צאָרן פון ים...

---

זיי געהען מיט איהם, און סאַטיע הערט, ווי דאָס שיפעל זיינס געהט איהם נאָך... ער דרעהט זיך אום — דאָס שיפעל מיט דער נעץ, און אין דער נעץ איז פערוויקעלט דער גאָלדענער פיש...

און אַז זיי האָבען איהם צוגעפיהרט צום ברעג און געלאָזט איהם אַהיים, האָט ער געטראָפען ביי זיך דעם שוחט מיט דער שוחט'קע...

אין שטאָדט איז אַ שרפה געווען, זענען זיי געקומען צו איהם צו גאַסט...

האָט מען געקוילעט דעם פיש, און — מנהג איז געבליבען מנהג...

# דער קונצען מאכער.

# דער קונצען־מאכער.

אין אַ האָהלינער שטעדטיל אַריין איז אַמאָל געקומען אַ קונצען־מאַכער.

און האָטש עס איז געווען אין דער פֿערדאגה'טער פֿאַר־פּסח־צייט, ווען אַ יוד האָט מעהר זאָרג, ווי האָר אויפ'ן קאָפּ, האָט דאָך זיין אָנקומען אַ גרויסען רושם געמאַכט: אַ רעטעניש פֿון אַ מענש! קרוע־בלוא, מיט אַ צילינדער, אַפילו אַ צעקנייטשטען, אויפ'ן קאָפּ, אַ יודיש פּנים — דער צלם־אלקים פֿליהט איהם איבער דער נאָז, און — אַ געגאָלטע באָרד; און קיין פּאַספּאָרט האָט ער נישט געהאַט, און עסען האָט'ן קיינער נישט געזעהן, נישט קיין כשר'ס, נישט קיין טרפֿה'ס. גיה ווייס, וואָס ער איז! מען פֿרעגט'ן: פֿון וואַנען? זאָגט ער: „פֿון פּאַריז"; וואוהין? — „קיין לאָנדאָן!" ווי קומט אידר אַהער? זאָגט ער: „פֿערבלאָנדזעט!" אַ פּנים, צו־פֿיס געגאַנגען! און ווייזט זיך ביי קיין מנין נישט, אפילו שבת־הגדול נישט! און שטעהט מען צו איהם צו, מאַכט מען אַרום איהם אַ רעדעל, ווערט ער פֿלוצים נעלם, גלייך די ערד וואָלט'ן איינגעשלונגען, און שווימט אַרויס אויף יענער זייט מאַרק.

דערווייל האָט ער זיך געדונגען אַ סאַליע און אָנגעהויבען צו מאַכען קונצען.

אָבער קונצען! בפני קהל ועדה האָט ער געשלונגען ברענענדיגע קוילען, ווי סערפיל; און פֿון מויל אַרויסגעצויגען האָט ער אַלערליי בענדער, רויטע, גרינע, וואָס פֿאַר אַ קאָליער מען האָט נאָר געוואָלט, און לאַנגע — ווי'ס גלות. פֿון אַ האָליוע פֿון שטיוועל וואַרפֿט ער אַרויס זעכּצעהן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי בערען, און לעבעדיגע, און די צוּלויפֿען זיך איבער דער סצענע; דערנאָך הייבט ער אויף אַ כּוּם

און קראַצט אָפּ פון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך, אַ גאַנצע שי-
סעל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ“, גיט ער אַ פייף, לוי-
פען זיך אין דער לופטן צוזאַמען הלות און קוילעטשען, ווי די פייגעל,
און הייבן אָן טאַנצען אַ ראָד צי אַ ברוגז-טאַנץ אונטער דער סטעליע.
און גיט ער דעם צווייטען פייף, ווערט דאָס אַלץ כדרך ניין פערשוואונדען,
כלא היה! אוים קוילעטשען, אוים בענדער, אוים אינדיקעס — גאָר נישט!

מילא, ווייסט מען דאָך, אַז „יענער צד“ קאָן אויך עפּעס בעווי-
זען! די הרטומים פון מצרים האָבען מן הסתם גרעסערע קונצען בע-
וויזען! איז אָבער די שאלה: פאַרוואָס איז ער אַליין אַזאַ גרויסער קבצן?
אַ מענש שאַרט רענדלעך פון פּאָדעשווע, און האָט נישט מיט וואָס צו
בעצאָהלען פאַר דער אכסניה. מיט אַ פייף באַקט ער אָן מעהר קוילי-
טשען און הלות, ווי דער גרעסטער בעקער, אינדיקעס ציהט ער אַרויס
פון האָליווע, און אַ פּנים האָט ער — איין אויסגעצויגענס, אַז שענערע
לעגט מען אין דער ערד אַריין, און דער הונגער בריענט איהם אין די
אויגען ווי אַ בלאַקער! ווערטעלט מען זיך: די פינפטע קשיא צו „מה
נשתנה!“...

נאָר איידער עס קומט צו „מה נשתנה“, ווילען מיר איבערלאָזען
דעם קונצען-מאַכער, און איבערגעהן צו חיים-יונה'ן און זיין ווייב רבקה-
ביילע. חיים-יונה איז אַמאָל אַ וואַלד-סוחר געווען, האָט ער איינמאָל גע-
קויפט אַ וואַלד אין „גלייכען געלד“, האָט מען דעם וואַלד פערמאַכט,
איז ער אַרויס „אָן איין העמד“. איז ער געוואָרען „וואַלד-שרייבער“,
האָט ער די שטעל פערלוירען; זיצט ער שוין אַ שענע פּאָר חדשים
אָהן פרנסה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שונאי-ציון גע-
זאָגט; נאָך ווינטער געהט אָבער פּסח! און פערזעצט איז שוין פון הענגעל-
לייכטער ביז'ן לעצטען קישען. זאָגט רבקה-ביילע: געה אַריבער צו קהל
און נעהם מעות-חטין. זאָגט חיים-יונה, אַז ער האָט בטחון, אַז נאָך העט
העלפען, און דאָס פּנים פערשוואַרצען וועט ער זיך נישט. געהט רבקה-
ביילע און זוכט נאָך אַמאָל אין אַלע ווינקעלעך, און געפינט איין אַלי-
טען אָבגעריבענעם זילבערנעם לעפעל — ממש אַ נס מן השמים, יאָה-
רען זייט דער לעפעל איז פערלוירען געוואָרען! געהט חיים-יונה, נעמט
דעם לעפעל, פערקויפט'ן, און טראָגט אַריין די פּאָר גראָשען אויף מעות-
חטין פאַר אָרימע לייט. אָרימע לייט! זאָגט ער, זענען בילכער. די
צייט דערווייל רוקט זיך. שוין אינגאַנצען נישט מעהר ווי אַ פּאָר וואָכען

צו פּסח, — ער האָט בטחון! גאָט, זאָגט ער, פערלאָזט נישט! מילא, רבקה-ביילע שווייגט; איין אשה מוז פאָלגען אַ מאַן. עס גערט אָבער אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, רבקה-ביילע ווייסט נישט פון קיין שלאָף, בראָבט דאָס פּנים אין שעניק אַריין און וויינט שטילערהייד, חיים-יונה זאָל נישט הערען, און אויף פּסח איז קיין צייכען נישט דאָ. און טעג האָט זי ערגערע ווי נעכט, — ביינאַכט וויינט זיך אַ מענש האָטש אָב דאָס האַרץ, ביטאָג אָבער מוז מען קנייפּען די באַקען, די פאַרב זאָל שטעהן; שכנות קוקען איהר נאָך און גאַפען, און קוקען זיך די אויגען אויס, און שטעכען זי מיט רחמנות-בליקען, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פרע-גען: ווען באַקט איהר מצות? ווי האַלט איהר מיט בוראַקעס? די נעהנ-טערע זאָגען:

— סטייטש, וואָס טהוט זיך מיט אייך, רבקה-ביילע?! פעהלט אייך, וועלען מיר אייך באָרגען, וכדומה...

חיים-יונה וויל אָבער נישט קיין „מתנת בשר ודם“, און רבקה-ביילע קען קענען איהר מאַן נישט גערען — זוכט זי זיך אויס תּרוצים פון אונטער דער ערד, און דאָס פּנים פלאַמט און פלאַמט...

זעהען די שכנים, אַז עס איז נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, נעה-מען זיי און לויפען צום רב — סטייטש? דער רב, נעביך, הערט אויס, קרעכצט אָב און פערקלערט זיך, און סוף כּל סוף ענטפערט ער, אַז חיים-יונה איז אַ בן-תּורה און אַ ירא-שמים, און אויב ער האָט בטחון, האָט ער!...

רבקה-ביילע איז אפילו אָהן בענש-ליכט געבליבען...

און — שוין פּסח!

חיים-יונה געהט פון בית-המדרש אַהיים, זעהט ער, אַז אַלע פענ-סטער אין מאַרק שיינען אַרויס מיט שמחת-יום-טוב, און נאָר זיין דירה שטעהט, ווי איין אָבל צווישען מחותנים, ווי אַ בלינדע צווישען זעהענ-דיגע. ער פאַלט אָבער ביי זיך נישט אָב: „אַז גאָט וועט וועלען, וועט באָך זיין פּסח!“ — טראַכט ער. ער געהט אַריין און זאָגט פרעהליך: „גוט יום-טוב“, און איז נאָך אַמאָל מטעים: „גוט יום-טוב דיר, רבקה-ביילע!“ און רבקה-ביילע'ס קול ענטפערט איהם, אָנגעזאַפּט מיט טרעה-רען, פון אַ פינסטער ווינקעל אַרויס: „גוט יום-טוב, גוט יאָהר!“ און איהרע אויגען ברענען אַרויס פון פינסטערן ווינקעלע, ווי צוויי ברענענ-דיגע קוילען. געהט ער צו איהר צו און זאָגט איהר: „רבקה-ביילע, —

זאָגט ער, — היינט איז יום-טוב, יציאת מצרים, פערשטעהסט? טהיערן טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרויערן? אויב דער רבונו של עולם האָט נישט געוואָלט, מיר זאָלען האָבען אונזער פסח, מוז מען אננעהמען פאַר ליעב און זיין ביי'ן אַ פרעמדען סדר. וועלען מיר געהן ערגעץ-אנדערש צום סדר! מען וועט אונז אריינלאָזען אומעטום... טהיר און טויער שטעהען אָפען... יודען זאָגען: „כל דכפין ייתי וייכול”, דאָס איז טייטש: ווער עס איז הונגעריג, זאָל אריינקומען עסען. קום, נעהם איך דיר די שאַל, וועלען מיר געהן צום ערשטען בעסטען יוד”...

און רבקה-ביילע, וואָס פּהוט שטענדיג דעם רצון פון איהר מאַן, האַלט-איין מיט אַלע כּהות דאָס געהיין, וואָס רייסט זיך איהר צום האַלז, נעהמט אויף זיך אַ צעריסענע שאַל און וויל שוין געהן, — אין דער זעלבער רגע עפענט זיך אָבער די טהיר, און עמיץ קומט אַריין און זאָגט:

— גוט יום-טוב!

ענטפערן זיי: גוט יאָהר, נישט זעהענדיג, ווער עס איז צו זיי אריינגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַריינגעקומען: איך וויל זיין אייער גאַסט צום סדר!

ענטפערט חיים-יונה: מיר האָבען אַליין קיין סדר נישט...

ענטפערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך:

— אין דער פינסטער? — האַלט זיך שוין רבקה-ביילע נישט איין און שלאָגט.

— חלילה! — ענטפערט דער אורח — עס וועט זיין ליכט. און ער גיט אַ מאַך: האָקוס-פּאָקוס! און עס בעוויזען זיך צווי פּאָר זילבערנע לייכטער מיט אָנגעצונדענע סטעאַרין-ליכט, אין מיטען שטוב, אין דער לופט! עס ווערט ליכטיג. חיים-יונה און רבקה-ביילע דערזעהען, אַז דאָס איז דער קונצען-מאַכער, און זיי גאַפען און קאָנען פאַר וואונדער און שרעק קיין איינציג וואָרט פון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי האַפּען זיך איינס דאָס צווייטע אָן ביי די הענד און שטעהען מיט אויפגעריסענע אויגען און אָפענע מיילער. דער קונצען-מאַכער ווענדט זיך דערווייל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פערשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו איהם: „נו, בחור'ל, בעדעק דיך און קום אַהער!” און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פאַלט פון סטעליע אויפ'ן טיש אַראָב אַ שניי-ווייס טישטוך און

בעדעקט איהם, און דער בעדעקטער טיש הייבט זיך אָן ריהרען, און געדהט און קומט אין מיטען שטוב אַריין, און פערהאַלט זיך פונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לייכטער לאָזען זיך נידריגער אַראָב און שטעלען זיך אַנידער אויפ'ן טיש. „אַצונד — זאָגט דער קונצען-מאַכער — פעדהלען נאָר הס'בעטען, — זאָלען זיין הס'בעטען!" געהען דריי בענקלעך, פון דריי עקען פון שטוב, און גערהען צו צום טיש און שטעלען זיך אויף זיינע דריי זייטען. הייסט ער, דער קונצען-מאַכער, זיי זאָלען ברייטער ווערען, ציהען זיי זיך אויס אין דער ברייט, און עס ווערט פון זיי פאטער-שטוהלען. רופט ער אויס: „וויכער!" — בעדעקען זיי זיך מיט רויטען סאַמעט, און תוך כדי דבור פאַלען אויף זיי פון סטעליע אַראָב ווייסע, שניי-ווייסע קישען, און לעגען זיך, אויפ'ן קונצען-מאַכער'ס געבאָט, אויף די פאטער-שטוהלען און — עס ווערען הס'בעטען! אויף זיין געבאָט בעווייזט זיך אויך אַ קערה מיט מינים און שטעלט זיך אויפ'ן טיש, עס בעווייזען זיך אויך רויטע כוסות מיט פלעשער ווין, און מצות, און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ כשר'ן און פרעהליכען סדר, אפילו „הגדות" מיט אַ גאָלדענעם שניט.

— און וואַסער צו וואַשען האָט איהר? — פרעגט דער קונצען-מאַכער — איך קאָן ברענגען וואַסער אויך!

דעמאָלט האָבען זיי זיך ערשט אויסגעהאַפט פון גאַפען. און רבקה-ביילע פרעגט חיים-יונה'ן אויפ'ן אויער: מעג מען? וואָס? און חיים-יונה ווייסט איהר נישט, וואָס צו ענטפערן. ראָטה זי איהם: געה, מיין מאַן, און פרעג דעם רב. ענטפערט ער, אַז ער קאָן זי מיט'ן קונצען-מאַכער אַליין נישט איבערלאָזען. וויל ער, זי זאָל געהן. זאָגט זי, אַז אַ נאַרישער יודענע וועט דער רב נישט גלייבען, ער וועט מיינען, אַז זי איז פון זינען אַראָב. געהען זיי ביידע צום רב און לאָזען איבער דעם קונצען-מאַכער מיט'ן סדר.

האָט דער רב געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ווע'ט געמאַכט מיט כשוף, האָט קיין ממשות נישט, ווארום כשוף איז נאָר אַ פערבלענדעניש פאַר די אויגען. הייסט ער זיי אַהיים געהן, און אויב די מצה וועט זיך לאָזען אָבברעכען, דער ווין — גיסען אין די כוסות אַריין, און די קישען פון הס'בעט — אָנטאַפען, וכדומה, איז גוט... איז עס מן השמים, מעגען זיי געניסען.

אַזוי האָט דער רב גע'פסק'ענט. געהען זיי מיט דאַרץ-קלאַפעניש

י. ל. פרץ.

אַהיים. קומען זיי אַריין, איז דער קונצען-מאַכער שוין נישט דאָ, און דער „סדר" שטעהט, ווי ער איז געשטאַנען. די קישען לאָזען זיך אָנ־ריהרען, דער ווין גיסט זיך, די מצות ברעכען זיך... האָבען זיי ערשט פערשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא, און האָבען געהאַט אַ פרעהליכען יום-טוב!

# ס'אי גוט.

# ס'אי' גוט.

— איהר פרעגט, אין וואָס פאַר אַ זכות איך בין אַ יוד געבליבען?

נאָר אין מיין זכות, נישט אין זכות פון מיינע אָבות. איך בין אַ זעקס־יעהריג לערנ־יוננגעל געווען; מיין טאַטע — אַ ישובֿ'ניק אונטער ווילנא. אַזוי — אַ בעל־הבית'ישער מענש.

אַז איך בין אַ יוד געבליבען — האָב איך עס דעם שפּאָלער זיידען צו פערדאַנקען.

ווי איך קום צום שפּאָלער זיידען? — פרעגט איהר.

דער שפּאָלער זיידע איז נאָך דעמאָלט קיין שפּאָלער זיידע נישט געווען. אַ יונגער מאַן איז ער געווען, געליטען האָט ער דעמאָלט גלות. ארומגעגאַנגען איז ער אַ צייט מיט די קבצנים פון קהלה צו קהלה, פון אורחים־הויז צו אורחים־הויז — אַ קבצן, ווי אַלע קבצנים. קרוע־בלוא ווי אַלע. וואָס אינעווייניג, אין האַר'ץ, האָט געשטעקט — נעה וויס!

און נאָכ'ן אָבליידען גלות, איז נאָך אויך די צייט נישט געקומען נתגלה צו ווערען. שטעלט ער זיך פאַר'ן בית־דין־צדק אין ווילנא, נעהמט אַרויס אַ היתר־שחיטה און ווערט שוחט אויפ'ן דאָרף. ער געהט שוין נישט אַרום אויף דער וועלט, און האַלט זיך אין דער ווילנער סביבה. מתנגדים האָבען אָבער אַ הוש־הריה, האָבען זיי עפּעס דערפיהלט. הייבען זיי איהם אָן צו רודפ'ן, בלבולים צו מאַכען. מסר'ט מען איהם פאַר'ן בית־דין־צדק, וויס איך? — אַז ער איז עובר אויף כל התורה כולה! וואָס מתנגדים קאָנען!

ווי געזאָגט, בין איך דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר זעקס. ער פלעג צו אונז אַריינצוקומען שעכטען אַ דקה, אָדער אַזוי איבערנעכטיגען, און איך האָב איהם זעהר ליעב געהאַט. ווֶעמען דען האָב איך געזאָלט, אַ היץ טאַטע־מאַמע, ליעב האָבען? אַ מלמד האָב איך געהאַט אַ קפּדן, ממש אַ הורג נפשות; און דאָס אָבער איז געווען אַ גוטע, האַרציגע נשמה, מיט'ן קוק האָט ער מחיה נפשות געווען! די בלבולים האָבען זייערס געטהון — מען האָט'ן מעביר געווען פון שחיטה. מיין מלמד האָט געמוזט דערינגען אַ חלק האָבען, וואָרום ער האָט באַלד אַ ידיעה בעקומען דערפון, און ווי דער שוחט איז געקומען, האָט ער אַ געשריי געטהון: „עוכר ישראל! משומד!“ און אָנגעהאַפּט איהם בייִ'ם פּאָדקאָלנער און אַרויסגעוואָרפען פון שטוב. עס האָט מיר אַ שניט געטהון בייִ'ם האַרץ, ווי אַ מעסער. פאַר'ן מלמד האָב איך אָבער געציטערט אימת־מות, און ערשט שפּעטער, אַז ער האָט זיך פערקוקט, האָב איך מיך אַרויסגעהאַפּט פון שטוב און אָנגעהויבען נאָכלויפען דעם שוחט איבער'ן טראַקט. וואָס האָט זיך, נישט הייט פון שטוב, אַריינגעלאָזט אין אַ וואַלד, וואָס האָט זיך שוין געצויגען ביז ווילנא. וואָס איך האָב געוואָלט דערמיט פועל־יוצא זיין, ווייס איך נישט, נאָר עס האָט מיך עפּעס געטריבען צום אָרימען שוחט'ל. איך האָב מיך געוואָלט מיט איהם האָטש געזעגענען, האָטש נאָך איינמאָל אַריינקוקען איהם אין די גוט־האַרציגע אויגען אַריין...

אָבער איך לויף און לויף, און האַק מיר אָב די פיס אָן די שטיינער פון וועג, און זעה קיינעם נישט פאַר די אויגען. נעהם איך מיך רעכטס, אַראָב אין וואַלד אַריין, און קלער, מיך אַביסעל אָבצורוהען אויף דער ווייכער וואַלד־ערד. איך וויל מיך שוין זעצען, הער איך אַ קול. דאַכט זיך, זיין קול, פון מיטען וואַלד אַרויס, — אַ האַלב־זינגענדיג קול. געה איך שטילערהייד נאָך דעם קול. דערזעה איך איהם פון וויטען, ווי ער שטעהט און שאָקעלט זיך אונטער אַ בוים. איך הער מיך צו — ער זאָגט שיר־השירים! איך קוק מיך בעסער צו, זעה איך, אַז דער בוים אונטער וועלכען ער זאָגט שיר־השירים, איז אַנדערש ווי אַלע ביימער. אַלע ביימער שטעהען נאָך נאַקעט און בלויס, און דער גרינט זיך, און בליהט, און שיינט ווי די זון, און שטעקט אויס די בליהענדע צווייגען איבער'ן שוחט'ס קאָפּ, ווי אַ סכך. און מחנות פייגעל טאַנצען אַרום צווישען די צווייגען, און זינגען־מיט „שיר־השירים“! איך ווער נבהל ונשתומם, און שטעה

ענדיגט ער זיין שיר-השירים, ווערט אויסגעלאָשען דער בוים, ווע-רען נעלם די פייגעלעך, און ער דרעהט זיך אוים צו מיר און זאָגט מיר מיט ליעבשאַפט:

— הער, יודעלע („יודעל" הייס איך), איך האָב צו דיר אַ בקשה.

— אַדרבה,— ענטפער איך מיט פרייד, און טראַכט מיר, ער וועט אַוודאי וועלען, איך זאָל איהם אַרויסברענגען עסען, און בין שוין בדעה צו לױפען און בדיל-הדל שטעלען דער מאַמע׳ס שבת. ער זאָגט אָבער:

— הער, וואָס דו האָסט געזעהן, זאָל בלייבען ביי דיר!

די שמחה ווערט ביי מיר אויסגעלאָשען, און איך זאָג-צו ערנסט און געטריי, אַז איך וועל שווייגען.

— הער נאָך עפּעס, יודעלע. דו וועסט געהן — זאָגט ער — אין אַ חייטען, זעהר אַ ווייטען וועג און אַ לאַנגען וועג.

וואונדער איך מיך: ווי קום איך צו׳ן אַ ווייטען, לאַנגען וועג? און ער זאָגט ווייטער:

— דיין רבי׳נס תורה וועט מען דיר אַרויסשלאָגען פון קאָפּ, וועסט טאַטע-מאַמע פערגעסען, — זעה אָבער, בלייב ביי דיין נאָמען! דו הייסט „יודעלע", בלייב אַ יוד!

דערשרעק איך מיך, נאָר פון האַרץ שרייט פון מיר אַרויס:

— זיכער! כ׳זאָל אַזוי לעבען!

און מיר ליעגט נאָך מיינס אין זינען!

— אָבער, — זאָג איך, — עסען ווילט איהר?

נאָר איידער איך האָב עס אַרויסגעזאָגט, איז ער מיר נעלם גע-וואָרען...

און אויף דער צווייטער וואָך איז מען אונז בעפאַלען, און מען האָט מיך אַוועקגעפיהרט, אַלס קאַנטאָניסט...

---

און עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט, און איך האָב טאַקי אַלץ פער-געסען... מען האָט מיר אַלץ פון קאָפּ אַרויסגעשלאָגען.

אין טיעף רוסלאַנד האָב איך געדיענט, צווישען שנייען און מורא׳-דיגע פרעסט, קיין יוד פאַר די אויגען נישט געזעהן... אפשר האָבען דאָרט בעהאַלטענע יודען געוואָהנט, נאָר איך האָב פון זיי נישט גע-וואוסט. פון שבת און יום-טוב נישט געוואוסט, פון קיין תענית נישט. איך האָב אַלץ פערגעסען...

נאָר דאָס רענדעל אויסגעטוישט האָב איך נ י ש ט!

וואָס מעהר איך האָב פערגעסען, מעהר יצר־הרע האָב איך גע־
האַט פטור צו ווערען די פיין, די יסורים — איין עק! אָבער ווען עס
איז מיר געקומען דער שלעכטער געדאַנק אויפ'ן קאָפּ, האָט ע ר זיך בע־
וויזען בעשיינפערליך, און איך האָב בעשיינפערליך געהערט זיין קול:
„בלייב ביי דיין נאָמען, זיי אַ יוד!"

און אַז עס איז קיין ווייסטער חלום נישט געווען, האָב איך גע־
וואוסט אויף זיכער... איך האָב'ן וואָס אַמאָל עלטער און עלטער
געזעהן... די באָרד און פאות — וואָס אַמאָל הייסער, דאָס פנים —
בלאַסער... נאָר די אויגען זענען געבליבען די אייגענע, די זעלבע גוט־
האַרציגע אויגען, און דאָס קול דאָס אייגענע, גלייך אַ פידעלע שפּיעלט...

איינמאָל האָט מען מיך געשמיסען, איז ער געשטאַנען נעבען מיר
און האָט מיר געווישט דעם קאַלטען שווייס פון שטערן, און איבער'ן
פּנים געגלעט, און שטילערהייד געזאָגט: „שריי נישט, כדאי צו ליידען,
בלייב אַ יוד!" און איך האָב אויסגעהאַלטען אָהן אַ געשריי, אָהן אַ
זיפץ, גלייך מען שלאָגט נישט מ י ך...

---

איינמאָל, שוין דאָס לעצטע יאָהר, האָב איך געדאַרפט אַרויסגעהן
אַלס משאַסאָוואָי צום צעכהויז הינטער דער שטאָדט. עס איז געווען
פאַרנאַכט, און עס האָט זיך געטראָגען אַ זאַווירוכע פון שניי. דער ווינד
האָט אויפגעהויבען גאַנצע ברילעס שניי און האָט זיי צעריבען אויף נאָד־
לען, צעשטויבט אויף שטויב, און דער שנייאיגער שטויב מיט די שניי־
איגע נאָדלען האָבען זיך אַרומגעיאָגט אין דער לופט, געפּאַטשט אין פּנים
אַריין, געשטאָכען... קיין אויג אָפען צו האַלטען! קיין אָטהעם צו האַ־
פּען! פּלוצלונג דערהער איך, מענשען געהען נישט ווייט פאַרביי, און
עמיץ זאָגט אויף יודיש: היינט איז די ערשטע נאַכט סדר! צי איז'ס אַ
בת־קול געווען, צי זענען ווירקליך מענשען פאַרבייגעגאַנגען, — ווייס איך
נישט עד היום... נאָר די ווערטער פאַלען מיר, ווי אַ בליי אויפ'ן האַרץ.
און קוים איך בין צוגעקומען צום צעכהויז און האָב אָנגעהויבען אויף און
אָב צו געהן, בעפאַלט מיך אַ מין בענקעניש, אַ מין האַרץ־ווענטאָג, אַז
עס איז גאָר נישט צו בעשרייבען. עס ווילט זיך מיר דוקא „הגדה" זאָ־
גען, און — איך זאָל עס געדענקען אַ וואָרט! איך פיהל, אַז ערגעץ
גאָר טיעף ביי מיר אין האַרץ ליעגט זי, די הגדה, כ'האָב זי אַמאָל

אויסענווענינ געקאָנט; איך פיהל, אַז ווען איך זאָל מיך נאָר אֵיין וואָרט, אֵיין-איינציג וואָרט דערמאַנען, וואָלט שוין די רעשט זיך אויך בעוויזען און אַרויסגעצויגען פון מיר, ווי אַ שנור פערשלאָפענע פייגעל פון אונ-טערן שניי. איך קאָן מיך אָבער דאָס ערשטע וואָרט בשום אופן נישט דערמאַנען! „רבונו-של-עולם! — האָב איך אויסגעשריגען מיט הארץ: — אֵיין וואָרט, האָטש אֵ י י ן וואָרט!" און אויסגעשריגען, אַ פּנים, האָב איך אין אַ גוטער שעה. איך האָב מיך דערמאַנט: „עבדים היינו", — גלייך מען האָט עס מיר פון הימעל אַראָבגעוואָרפען. ווער איך פול און פול מיט פרייד; איך פיהל, אַז איך בין איבערגעפילט מיט פרייד, אַז זי גיסט זיך פון מיר אַרויס, די פרייד, אַז זי שטראַהלט מיר אַרויס פון דער נשמה, און איך געה אויף און אָב מיט דער ביקס אויף די אַקסעל, און זאָג, און זינג אַרויס דער וויס-פערשנייטער, פער'חלומ'טער וועלט די הגדה... און זי האָט זיך פון מיר אַרויסגעצויגען, די הגדה, געצויגען און געצויגען, ווי אַ גאָלדענע שנור, ווי אַ שנור פון פערל — אח! דאָס קאָנט איהר גאָר נישט פערשטעהן, דאָס קאָנט איהר גאָר נישט משיג זיין... מען דאַרף אַיך פריהער אַהין שיקען!

און דער ווינד האָט זיך דערוויל געלעגט, די זאַווירוכע האָט אויפ-געהערט, און עס בעווייזט זיך אַ קלאָרער, פינקעלדיגער הימעל, אַ ווייסע, מיט בריליאַנטען אויסגעשטראַהלטע וועלט... שטיל איז אַרום און אַרום, און וויס, אָהן אַ שיעור ווייט און אָהן אַ שיעור ווייס... אַ שטי-לע, רוהיגע, זיסע, ווייטע ווייסקייט...

און איבער דער שטילער, ווייטער ווייסקייט בעווייזט זיך פּלוצלונג נאָך עפּעס ווייסערס, נאָך עפּעס העלערס, שטראַהלענדיגערס... און עס געהט, און עס קומט פון ווייטען... אין קיטעל און טלית געקליידט... דער טלית אויף די אַקסעל, איבער'ן טלית, פון פאָרענט, אַ ציטערדיגע, ווייסע, זילבערנע באָרד, העכער — צוויי שטראַהלענדיגע אויגען, איבער די אַ ברענענדיגע קרוין — אַ קאַפּעל מיט זילבערנע און גאָלדענע שפּאַ-ניעס, און עס קומט צו נעהנטער און נעהנטער... און עס געהט פאַר מיר פאַרביי, און אַז עס גלייכט זיך אויס מיט מיר, זאָגט עס:

— ס'איז גוט!

ווי אַ פידעלע האָט עס אויסגעשפּיעלט, און עס ווערט פער-שוואונדען...

נאָר די אייגענע אויגען, דאָס אייגענע קול...

י. ל. פּרץ.

צוריק-צו-װעגס, בין איך געגאַנגען איבער שפּאָלע. געה איך אַריין צום „אַלטען"...

איך האָב איהם דערקענט. ער האָט מיך דערקענט...

# דער הינדטישער סדר.

# דער הינדטישער סדר.

צום בעל-שם פלעגט כאָהרען איין אויפגעקומענער עושר, איזן טאַקי נישט געווען אויסצוהאַלטען. איך וועל'ן אפילו אָגרופען ביי'ם נאָמען, און זאָל ער מיך קומען ווערגען! יאָקיל קאָנסקיוואָליער האָט ער געהייסען. דער בעל-שם אַליין איז דאָך געווען בטבע אַ דימענט, פלעגט ער אויך ביי זיין אַריינקומען, אַיינקנייטשען דעם שטערן. דער עולם איז פון דער הויט געשפרונגען. ראשית, איז עס נישט געוען קיין ערנסטע זאַך. איין אויפגעקומענער עושר, מיט אַ קופה של שרצים, מן הסתם, אויף די פלייצעס. האָט ער זיך אַמאָל צוקריעגט מיט קהל-און-רב ביי'ן אַ קלפי וועגען כבוד, איז ער, זיי להכעיס, געלאָפען צום בעל-שם. אַ פראָסטער בשר-ודם וואָלט אין אַזאַ מתנגדיש שטעדטיל נישט אונטערגעשטאַנען אַזוינס צו טהון, מען וואָלט'ן גע'דורס'ט, עוקר מן השורש געווען; האָט ער דאָך אָבער די קלינגערס, איז ער אַ גבר אַלים, טהוט ער להכעיס. שנית, איז עס געווען אַ גראָבע זאַך, אַ גשמיות, שאין לשער, און דערצו — אַ בעל-העזה מיט אַ בעריהמער צוזאַמען, ווי אַלע אויפגעקומענע עשירים. שטעלט מען זיך דאַווענען, רייסט ער זיך צום עמוד: עברי קאָן ער! וויל מען בענשען, האַפט ער אויס די ברכה. אין מיטען מען רעדט וועגען איין ענין, פאַלט ער אַריין: „האָב איך, רבותים, געקויפט אַ פערדעל!" און גיט אַ סמאָטשקע מיט די ליפען, אַז עס הילכט. איינמאָל האָט ער מבלבל געווען דעם גאַנצען טיש וועגען אַ בייטש מיט אַ גאָלדענער סקופקע, וואָס ער האָט בעקומען פון הראַביע פאָטאָצקי'ס אַ לאָקיי!... צו די אַלע מעלות טובות איז ער נאָך געווען אַ קמצן שבקמצנים; איך בעריהמעניש נעהמט ער אַלע ווילע אַרויס אַ גאָלדען

טאַביק-שקעטעלע, „ויאכלו״ — און מאַכט שמעקען! צו דער נאָז נעהמט ער נישט; הלילה, אַ שאָד דער טאַביק! און שטעקט עמ׳ץ פון אַ זייט אַריין אַ פינגער, פערמאַכט ער דאָס שקעטעלע מיט אַ שטיק פרעמדען פינגער. עס איז גאָר נישט אויסצודערצעהלען פון זיין קמצנות...

איינמאָל קומט ער חול-המועד-פסח; בלייבט אויף שבת-חול-המועד, און זיצט ביי׳ם טיש. דער בעל-שם לאָזט איהם נישט מבייש זיין — זיצט ער. רעדט דער בעל-שם וועגען אַ הויך ענין, ווי אַזוי די תפלות קומען אַרויף צום כסא-הכבוד, און זאָגט, אַז נישט אַלע תפלות קומען אַרויף אין איין צייט, אַז אַמאָל איז אַ בר-נש מתפלל שפּעטער, און זיין תפלה קומט אָן פריהער! עס ווענדט זיך דערינען, ווי ריין די תפלה איז! די תפלה, האָט ער פערטייטשט, איז אַ גוף מיט אַ נשמה. די ווערטער זענען דער גוף, די כונה — די נשמה. וואָס מעהר כונה, מעהר רוחניות, אַלץ געשווינדער קומט די תפלה אַרויף, אַלץ מעהר איז זי מתמר ועולה, ווי דער רויך פון מזבח... איז אָבער די תפלה מיט ווייניג כונה, קאָן זי נישט גלייך אַרויף, שלעפּט זי זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אין רחבות, האַפּט זי אויף אַ הינד אויפ׳ן וועג, צי אַ המאַרע, פערטראָגט זי אָן אַ זייט, און וואַרפט זי אין כף-הקלע... טיילמאָל גיסט זיך אַ תפלה, וואָס האָט זיך פערציעפּעט אין אַ וואָלקען, מיט׳ן רעגען אַראָב... אויף ימים ומדבריות... קומען קומט זי דאָך אַמאָל אַרויף: די אותיות-הקודש אַליין הייבען זיך אין דער הייך. יעדע זאַך ציהט זיך צו איהר שורש... און סוף כל סוף קומט אַמאָל די צייט, דער אַויר ווערט ריין, עס הערען אויף די מניעות פון וואָלקען און ווינטען, הייבען זיך אויף די אותיות פון דער תפלה אַרויף, און פאַלען אותיות-ווייז פאַר׳ן כסא-הכבוד... פריהער צי שפּעטער — אַבי זי קומט! און שטענדיג קומען דעריבער תפלות! און דאָס איז דער סוד פון „כי הנה לא ינום ולא יישן״ — שטענדיג פאַלען תפלות פאַר׳ן כסא-הכבוד! מתנגדים האָבען אָבגעדאַווענט, דאַווענען חסידים... דערנאָך קומען פערשפּעטיגטע... און טאָג און נאַכט געהען זיי, און מדת-הרחמים קאָן קיין אויג נישט צומאַכען... זי שטעהט אויף דער וואַכט!

עס טרעפט זיך אָבער, — זאָגט ער ווייטער, — אַ יוד שרייט שמונה-עשרה, און האָט אין זינען קאָרן און ווייץ! די תפלה, רחמנא ליצלן, ווערט שוין בעשווערט מיט גשמיות, מיט זעקער תבואה, מיט גראָבע עסקים... און אַזאַ תפלה קאָן שוין, רחמנא ליצלן, קומען שפּעט;

איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר! אַ נפש קומט אַרויף אויף יענער וועלט, שטעלט זיך פאַר׳ן בית־דין־של־מעלה, דער קטיגור לעגט אַרויף אויף דער לינקער וואָגשאָל עבירות און עבירות, — גאַנצע פודען עבירות. און דער מליץ־יושר שטעהט מיט ליידיגע הענד און האָט נישט וואָס אָהיפצולעגען. שרייט דער יוד: „רבונו־של־עולם, על כל פנים געדאַוונט האָב איך דאָך!" איז אָבער נאָך זיין תפלה נישט אָנגעקומען! און כדי ער זאָל זעהן, אַז דאָס בית־דין איז אַ בית־דין־צדק, עפענט זיך איהם אַ פענסטערל פון הימעל, און מען הייסט איהם אַראָבקוקען... קוקט ער און זעהט, ווי זיינע תפלות וואַלגערען זיך, רחמנא ליצלן, אַרום ערגעץ אין אַ מושב...

און אַז אַ יוד האָט גאָר, רחמנא ליצלן, הרהורי עבירה ביים דאַווענען! און יעדע זאַך ציהט צו איהר שורש... נעהמען די הרהורי עבירה און שלעפען אַראָב די תפלות אין שאול־תחתית אַריין...

בעפאַלט אונז אַלעמען אַ מרה שחורה. וויל ער אונז משמח זיין, זאָגט ער:

— איך קאָן אייך אָנזאָגען אַ בשורה טובה! איך האָב אַ ידיעה, אַז אונזער סדר האָט זיך אין ערגעץ נישט פערהאַלטען, ער איז גלייך אַרויף, און מען האָט׳ן דאָרט אָנגענומען מיט אַיין אמת׳ן סבר פנים יפות! דער חד־גדיא מיט׳ן נייעם ניגון איז גאָר שטאַרק געפעלען געוואָרען!

פאַלט ער אַריין, דער מגושם, און גיט אַ פרעג:

— און מיין סדר, רבי?

בערקנייטשט ער, דער בעל־שם, דעם שטערן און ענטפערט:

— דיין סדר איז נאָך נישט אָנגעקומען! ער טראָגט זיך נאָך אַרום מיין שטוב, ער וויל אַריין צו מיר אויף תיקון.

פרעגט ער, דער שוטה: ווען וועט איהר איהם אַריינלאָזען? — ער גלויבט דאָך נישט.

ענטפערט ער איהם געלאַסען:

— נאָך הבדלה!

---

פון דער אייגענער מתנגדישער שטאָדט איז געקומען אויף פסח אַ מלמד׳ל. געזאָגט האָט ער דאָרטען: ער פאָהרט אַהיים צו דער פלונית־טע. אַז דער קאָנסקיוואָלער עושר איז געקומען, האָט ער זיך פאַר׳ן בעהאַלטען אין צום טיש נישט געקומען. אַ מגושם׳ער מענש, וועט ער

אַהיים קומען און דערצעהלען — וועט מען איהם דאָס הדר צונעהמען און באָרד און פאות אויסרייסען. קומט ער, דאָס מלמדל, נישט צום טיש, און זיצט אויף דער סטאַנציע, ביז דער קאָנסקיוואָלער וועט אָפּ־פאָהרען. האָבען מיר אויף איהם רחמנות, נעהמט מען פאַר איהם שיריים, און מען טראָגט איהם אויף דער סטאַנציע שיריים מיט אַ פלעשעל יי״ש... פרעגען מיר דאָס מלמדל, ווי אַזוי דער אויפגעקומענער עושר איז זיך נוהג ביי׳ם סדר. איז ער דאָך אויף איהם בייז, זאָגט ער: דער שוואַרץ־יאָהר וויסט׳ן! אַ מענש — דערצעהלט ער — וואָהנט אונטער דער שטאָדט, עס זאָל איהם נאָהענט זיין צו די פריצים, ער זאָל פריהער אַרויסקומען פאַר אַלע סוחרים — די וועלט וויל ער אַיינשלינגען! איז ער מגדל־כלבים, מען זאָל׳ן נישט בע׳גנב׳ענען, קומט צו איהם קיין יוד נישט אַריין! אַ טבע האָט ער, אַז שבת און יום־טוב נאָך מעריב זאָגט ער אָן דעם שמש, ער זאָל איהם אַהיים שיקען צוויי—דריי אורחים. וואַרטען אויף זיי קאָן ער נישט, דער קאָלדאַן טראָגט׳ן! ענטלויפט ער אין מיטען „עלינו“. אין דער התחלה האָט מען איהם געשיקט. זענען די אורחים צוריק געקומען מיט צעריסענע מלבושים און צעביסענע; אַזוינע כלבים האָט ער. און שריי „חי וקים“ — אַז טהיר און לאָדען זענען פערמאַכט! האָט מען איהם טאַקי אויפגעהערט [illegible] שיקען. און ער [illegible] זיך זיינס: שיקט, זאָגט ער, וויפיעל איהר ווילט!

פאַר פסח זאָגט ער נאָך: „כל דכפין יתי ויכול“! עברי קאָן ער!

הערען מיר אוים, וואָס דאָס מלמד׳ל דערצעהלט, און וואַרטען, וואָס דאָ וועט זיין נאָך הבדלה, ווייל דער בעל־שם האָט אונז געהייסען קו־מען הערען די „הגדה“ פון קאָנסקיוואָלער עושר.

און מיר האָבען זיך דערוואַרט. עס איז נאָך הבדלה, דער עולם איז דאָ, דער אויפגעקומענער עושר זיצט. ער וואַרט. עס פערדריסט׳ן אַביסעל, וואָס זיין „הגדה“ מוז זיך טליקען אַרום פרעמדע שטיבער; אַבי־סעל אָבער גלויבט ער אין דער גאַנצער מעשה נישט. זיצט ער און שפּיעלט זיך מיט׳ן גאָלדענעם שקעטעלע, און פויקט אַריין דערינען, און וואָר־טשעט: וועל׳מיר זעהן, וועל׳מיר זעהן...

מען האָט שוין אָפּגעזונגען זמירות. שטעהט אויף דער בעל־שם און הייסט פערמאַכען די לאָדען און פערשליסען [illegible] טהיר. ווערט דעם בעל־דבר אַביסעל נישט היימליך! הייבט ער זיך [illegible] און האָט חשק צו מאַ־בען פיס. לאָזט מען איהם נישט! נעהמט [illegible] יהם עמיץ אָן פון הינטען

און זעצט'ן צוריק אַראָב אויף דער באַנק, פאַלט ער אַראָב אויף דער באַנק, ווי אַ סנאָפּ תבואה. זיצט ער. הייסט נאָך דער בעל־שם אויס־לעשען די ליכט. לעשט מען אויס די ליכט, און עס ווערט פינסטער. זיצט מען אַזוי אַ רגע אין דער פינסטער. זיץ איך נעבען דעם קאָנסקי־וואָלער עושר, פיהל איך, ווי ער ציטערט מיט'ן גאַנצען לייב. רופט־אויס דער גבאי (אַ פנים, דער בעל־שם האָט איהם געהייסען):

— יאָקיל קאָנסקיוואָלערס „הגדה”, קום אַריין און לאָז דיך הערען!

און — זי לאָזט זיך הערען! מען דערקענט באַלד יאָקיל קאָנסקי־וואָלער'ס קול, נאָר עס איז אויסגעמישט מיט נאָך קולות! מיט קולות פון כלבים!

„עבדים היינו — האַאו, האַאו! לפרעה במצרים — האַאו, האַאו! — און אַזוי ווייטער... כל דכפין — האַאו, האַאו! ייתי ויכול — האַאו, האַאו!”

---

ווי מען האָט צוריק אָנגעצונדען די ליכט, איז שוין יאָקיל קאָנסקי־וואָלער אין שטוב נישט געווען. און מעהר האָט ער זיך נישט געזעהן.

# צוויי וועגען צוויי משלים.

# שטומע נשמות.

## צוויי וועגען; צוויי משלים.

---

שני דרכים — צוויי וועגען פיהרען צו זיין ליעבען נאָמען, וואָס גיט די נשמה פון דער וועלט און דער תוך פון דער וועלט.

איז איינער פון זיי דער וועג פון שכל, אויב דער בשר ודם שאַרפט זיין מוח אין דער תורה הקדושה; און דער צווייטער — דער וועג פון האַרץ פון א בשר ודם, אויב ער רייניגט עס און היילינט עס לעבודת הבורא.

נתעלה — על פי דרך הטבע ווערט געדיכט און געהויבען א מענש נאָר דורך דעם שכל; דורך דעם שכל לערנט ער די תורה הקדושה, וואָס איז דער חוק ומשפט — דאָס געזעץ פון דער וועלט, און ער דערקענט דורך איהר דעם פלאַן, לויט וועלכען דער בורא עולם האָט זי, די וועלט, אַרויסגעפיהרט פון תהו ובהו. און ער ווייסט, אויף וואָס זי שטעהט, און וואָס עס קאָן זי חרוב מאַכען. און אַז ער קומט צו דער השגה, קריגט ער אַליין אויך שוין אַ שטיקעל דעה אין דער הנהגה פון דער וועלט, און ווערט, כביכול, אַ שטיקעל שותף צום הקדוש ברוך הוא אין מעשי-בראשית. . . .

צו אַ גאַנץ הויכער מדרגה קאָן אָבער אויך קומען אַ מענש דורכ'ן האַרץ; אויב די כונה איז גוט און דאָס האַרץ איז גוט. און עס ברענט

אין דעם האַרץ דאָס פייער פון גרויס ליעבשאַפט צום בורא עולם, און עס רייכערן זיך דערויף מצוות און מעשים טובים ווי קרבנות אויפ'ן מזבח...

און אַשרי — וואויל איז טאַקע דעם מענש, וואָס געהט אויף ביידע דרכים, וואָס עפענט זיך דעם הימעל מיט ביידע שליסלען, וואָרום ער איז זוכה: אי צו דער גרויסער השגה, אי צו דער גרויסער ליעבשאַפט, — דאָס איז אָבער — לאו כל אדם זוכה...

על פי רוב זענען די תלמידי-חכמים סאַמע דין, ווייל זיי געהען נאָר מיט'ן וועג פון שכל; און דער שכל איז דין. זענען זיי טאַקע „נוקם ונוטר כנחש", און וואָלטען בהבל פיהם די וועלט פערברענט. וואָרום — מי יעמוד? על פי שלחן ערוך קאָן די זינדיגע וועלט קיין רגע קיין קיום נישט האָבען; די זינדיגע וועלט דאַרף דעריבער רחמים.

און פון דער צווייטער זייט זענען די ל"ו צדיקים פון יעדען דור, האָטש עס וואַרטען אויף זיי גאָלדענע שטוהלען און קרוינען אין גן עדן און די וועלט וואָלט אָהן זיי קיין קיום נישט געהאַט — דוקא נישט קיין גרויסע למדנים... זיי זענען יוצא מיט אַ פרק משניות, מיט אַ קאַפּיטעל תהלים, אפילו מיט תפלה בכונה...

דער עיקר איז ביי זיי דאָס האַרץ. וואָ'ען פון אמת'ן צדיק'ס האַרץ שטראַהלט און פליעסט אַרויס דאָס גרויסע, האַרציגע רחמנות אויף דער וועלט...

אַל יאמר — זאָל דעריבער נישט זאָגען דער עם הארץ: „הן אני עץ יבש" — איך בין אַ טרוקען שטיקעל האָלץ; אויף מיר קאָנען נישט בליהען נישט בליהטען, נישט קיין מצוות, נישט קיין מעשים טובים — —

„נסתרה דרכי מה'" — מיין וועג איז פערוואָגעלט פון גאָט... זיין אויג, כביכול, זעהט מיך נישט, ווייל איך געה אַרום אין השך און מיין נשמה איז איינגעהילט זיך איינגעוויקעלט אין אַ פינסטערן וואָלקען — —

און איך קאָן אפילו נישט נצול ווערען פון גיהנם. ווייל, ווי אין פרק אבות שטעהט: „ולא עם הארץ חסיד", דער, וואָס לערנט נישט די היילינע תורה, קאָן נישט זיין קיין אָבגעהיטענער יוד, ווייל ער ווייסט נישט, וואָס אַ מצוה איז, ער זאָל זי מקיים זיין, און וואָס אַן עבירה איז, ער זאָל פאַר איהר אַנטלויפען, וואו דער פעפער וואַקסט, און ער איז גאָר נישט מבחין — ער קאָן נישט אונטערשיידען בין טוב לרע — צווישען גוטס און שלעכטס.

דאָס זענען גאָר קיין טענות און קיין דבורים נישט.

וואָרום סוף כל סוף קוקט גאָט, ברוך הוא, אויפ'ן האַרץ. און „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא": סיי די וואויל-לערנער, סיי די נישט וואויל-לערנער, וואָס קאָנען נאָר „שמע ישראל". און „שערי תפלה אינן ננעלין"—די טויערן פון תפלה ווערען נישט פערשלאָסען אפילו פאַר שטומע נשמות, וואָס פערשטעהען נישט אפילו די טייטש-ווערטער פון די תפלות און קאָנען זיך נישט אויסרעדען דאָס האַרץ פאַר גאָט...

וואָרום גאָט איז אַ בעל-רחמים, און אַזוי ווי אַ באַרמהערציגע מאַמע שטעקט אַריין דעם וואָרצעל פון דער ברוסט דעם הונגעריגען קינד אין מויל אַריין ביי'ם ערשטען קרעכץ, און וואַרט נישט, ביז דאָס קינד וועט שאַרף אַרויסזאָגען: מילך, אַזוי ווייסט דער רבונו של עולם, וואָס אַ מענש וואָלט געבעטען, ער זאָל קאָנען, און טהוט מיט גרויס רחמים זיין רצון...

און ער פערהאַלט נישט דעם שכר פון קיין שום בריה, וואָס מיינט, אַז ער טהוט אַ מצוה און האָט אַ טעות, עס איז קיין מצוה נישט. ועל אחת כמה וכמה, אַז זיין ליעבער נאָמען שטראָפט נישט פאַר איין עברה, וואָס אַ זינדיגער מענש טהוט בשוגג, האָבענדיג אין זינען אַ מצוה...

און אין דעם ענין געפינען מיר צוויי טייערע משלים ביי'ם של"ה הקדוש.

דאָס ערשטע משל איז: משל למלך—צו אַ מלך, וואָס איז געוועזען אַ מושל איבער אַ ווייטער מדינה, וואָס איז געוועזען אָבגעשלאָסען, און תרפ"ט אלפים מיילען אָבגעלעגען פון אַנדערע מדינות, און האָט געהאַט גאָר אַנדערע געזעצען ווי אַלע מדינות. איז איינמאָל צו דעם מלך אַריינגעקומען דער ערשטער מיניסטער מיט אַ פּאַפּיער אין דער האַנד, און ער האָט, זיך בוקענדיג, דערלאַנגט דעם מלך דאָס פּאַפּיער; דער מלך זאָל עס התמ'ענען מיט זיין אייגענער האַנד אָדער צולעגען דעם טבעת המלכות. נעהמט איהם דער מלך אַרויס דאָס פּאַפּיער פון דער האַנד, און לעגט עס פאַר זיך אויפ'ן טיש, און זעצט זיך אויפ'ן כסא המלכות, און נעהמט אין דער האַנד אַריין די פעדער און וויל אונטערשרייבען דאָס פּאַפּיער. חייל דער מלך האָט, ווי דער סדר עולם איז, אמונה צו זיינע שרי מלכות, בפרט צו'ם ערשטען מיניסטער, און ווייסט, אַז מען וועט איהם קיין עולה צו'ם אונטערשרייבען נישט דערלאַנגען.

האָט אָבער דער מלך געהאַט אַ שאַרפע ראיה, און ווי ער וויל שוין מאַכען דעם צוק, וואָס איז דער אָנהויב פון מלך'ס חתימה, דערזעהט ער, אַז עס שטעהט אין כתב: „חיב מיתה"—„מורד במלכות", נעהמט

ער תיכף ומיד און לעגט אַרויס די פעדער פון דער האַנד, און פרעגט:

— ווער מען און פאַר וואָס האָט עס מיין בית-דין-צדק אַזוי שאַרף פאַר'משפט?

זאָגט איהם דער ערשטער מיניסטער:

— אדוני קעניג, עס איז אַ מורד במלכות, וואָס האָט זיך נישט געבוקט און נישט געבויגען פאַר דיינע שרי מלכות. און איז אַרומגעגאַנגען אויף אַזוינע מקומות, אויף וועלכע מען טאָר קיין פוס נישט שטעלען — אויף די וואַלען פון דיין פעסטונג. און פאַר'ן צעכהויז, וואו עס ליעגט דאָס פולווער צו'ם שיעסען, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט פייער, האָטש עס שטעהט אויפגעשריעבען שוואַרץ אויף ווייס איבער'ן טויער, מען זאָל זיך היטען פאַר פייער — — איז אַ סימן, אַז ער האָט קיין דרך ארץ נישט פאַר'ן מלך, וואָרום ער גיט נישט אָב כבוד די שרי מלכות; און אַז ער האָט געוואָלט אויסזעהן די שאַנד פון דיין מלוכה'ס פעסטונג און איבערגעבען דיין שונא; און האָט נאָך בדעה געהאַט אונטערצוצינדען דעם מלך'ס אוצרות מיט פולווער...

— און דאָס אַלץ — גיט צו דער מיניסטער — האָט ער געטהון אין שיינעם העלען טאָג, פאַר אַלע אין די אויגען, גלייך ווי די וועלט וואָלט געווען הפקר, און עס וואָלט קיין מלך און קיין מלוכה נישט געווען. און אפשר נאָך גאָר — להכעיס.

טראַכט דער מלך: ווער ווייסט, צי עס איז קיין משוגע'נער נישט? און ער פרעגט:

— און וואָס האָט דער פערזינדיגטער געטענה'ט פאַר'ן בית-דין? האָט ער גערעדט צו דער זאַך?

ענטפערט דער מיניסטער, אַז דאָס קאָן מען נישט וויסען; ווייל דער פערזינדיגטער איז פון אַ ווייטער מדינה, און דאָס בית-דין האָט זיין לשון נישט פערשטאַנען, אַזוי ווי ער האָט נישט פערשטאַנען דאָס לשון פון בית-דין.

זאָגט דער מלך צו'ם ערשטען מיניסטער:

— דער מענש, וועלכען איהר האָט גע'פסק'עט מיתה, איז קיין שולדיגער נישט... צו וואָס זאָל ער מיר טהון להכעיס?

— ער איז נאָר אַ פרעמדער, וואָס האָט נאָך אונזערע מונדירען נישט געזעהן און ווייסט נישט, ווי אונזערע שרי-מלכות זעהען אויס, און דערקענט זיי נישט.

— און ער ווייסט נישט דעם פּלאַן, לויט וועלכען אונזער שטאָדט איז געבּויט, און וואו די פעסטונג איז און וואו די וואַלען זענען; און ער האָט געוואָלט מאַכען חשבון הנפש און האָבּען התבודדות, איז ער אַהין געגאַנגען, וואו מען טאָר נישט, ווי איינער, וואָס געהט אונטער דער שטאָדט...

— און ער קאָן די שוואַרצע אותיות אויף דער ווייסער שילד פון צעכהויז נישט לייענען, און היט זיך דעריבּער פאַר'ן פייער נישט!...

פערשעמט זיך דער ערשטער מיניסטער און לאָזט די אויגען אַראָבּ; און דער מלך נעהמט און צוּרייסט דאָס פּאַפּיער און גיט אַ בּעפעהל:

— לויף, ערשטער מיניסטער, געשווינד אין תּפיסה אַריין, און נעהם אַראָבּ די קייטען פונ'ם אַרעסטירטען, און היים איהם אָבּגאָלען און אָבּ־האַשען, און אויסשמירען מיט'ן פיינסטען בּוימאייל, און אָנטהון די טייערסטע מלבּושים, און בּעצאָהל איהם פון אוצר המלכות צער און רפוא, און שבת, און בּשת, און לאָז איהם פריי.... און טאָמער וויל ער דאָ אין דער מדינה בּלייבּען, שיק איהם צו מיר, וועל איך איהם אַליין מוסר זיין די סימנים פון אונזער לשון און די דינים פון אונזער מלכות...

און אַז מען האָט די זאַך הוקר ודורש געווען, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער מלך איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, עס איז נאָר אַ פרעמדער געווען. און אויבּ בּיי אַ מלך בּשר ודם איז אַזוי, על אחת כּמה וכמה בּיי'ם מלך מלכי המלכים הקדוש, בּרוך הוא, וואָס דאַרף נישט הוקר ודורש זיין און שטויסען זיך. וואָרום פאַר איהם איז אָפען דאָס האַרץ פון אַ בּשר ודם און ער לייענט דערינען, ווי אין איין אויפגעווי־קעלטער מגילה...

נאָך מעהר, דער רבּונו של עולם לעגט צו די עבירות, וואָס איין עם הארץ טהוט צוליעבּ אַ מצוה, צו דעם השבּון המצוות. און אויף דעם האָט דער של"ה הקדוש אויך אַ משל למלך, נאָך אַ שענער משל.

— אַמאָל איז געווען — דערצעהלט דער של"ה הקדוש — אַ מלך, נאָר נישט, ווי דאָס רוב מלכים, אַ בּייזער מלך, נאָר אַ גוטער מלך — אַ מלך הסד.

האָט דער מלך הסד — דער גוטער מלך — אַמאָל גענאַרפט פייער. ער האָט, מאָלט איך, געוואָלט זיך פערדרויכערן די ליולקע. גיט ער אַ זאָג: פייער! דאָס הייסט, ער בּעפעהלט, מען זאָל איהם בּרענגען פייער. איז איינער אָבּער פון זיינע שרים־משרתים, מרואי פני המלך, —

פון די, וואָס שטעהען פאַר'ן מלך, געווען, צי פון געבוירענהייט אָן, צי, רחמנא ליצלן, מחמת אַ קרענק, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלען, אביסעל טויבליך, האָט ער נישט רעכט דערהערט. און ווייל עס איז גע־ חען אין מיטען וואַלד, וואו דער מלך האָט זיך געיאָגט נאָך חיות־רעות, זיי צו פערטיליגען, און עס איז געווען אין מיטען זומער, און די היץ צווישען די בוימער איז געווען זעהר גרויס, און ער אַליין איז געווען דורשטיג, — האָט ער געטראַכט, אַז דער מלך וויל אויך אַ ודאי אַ פרישען טרונק וואַסער! איז ער תיכף ומיד אַרויסגעלאָפען פון מלך'ס געצעלט נאָך פריש וואַסער.

איז אָבער גראָד אין דעם אָרט, וואו דער מלך האָט זיך געיאָגט נאָך די חיות רעות, און וואו זיין געצעלט איז געשטאַנען, קיין וואַסער נישט געווען, — איז דער שר געלאָפען, נישט געשלאָפען, נישט געגעסען, נישט געטרונקען, דריי טעג און דריי נעכט, ביז ער האָט זוכה געווען צו קומען צו אַ קוואַל וואַסער.

איז אָבער אַרום קוואַל געשטאַנען אַ חברה גזלנים מיט כלי זיין. און די גזלנים זענען נאָך געווען גרויסע מכשפים דאַצו, זענען איבער זייערע קעפּ אַרומגעפלויגען רוחות רעות זיי צו העלפען; האָבען זיי, די גזלנים, נישט צוגעלאָזט דעם שר צו'ם קוואַל. האָט אָבער דער שר געהאַט גרויס אמונה און בטחון אין מלך, האָט ער קודם כל מיט'ן כח פון זיין אמונה און בטחון פערטריעבען די רוחות רעות, און דערנאָך האָט ער געגען די גזלנים אַרויסגעצויגען זיין שווערד און איז אויף זיי אַרויסגעפאַלען מיט אַ גרויסען אימפעט, און מיט התלהבות פון דער ליעבשאַפט צום מלך. און ער האָט מלחמה געהאַלטען שעה'ן־לאַנג מיט די גזלנים, און האָט זיי סוף כל סוף, נאָך גרויס מיה און מאַטער און סכנת נפשות, גובר געווען, און האָט זיי פעריאָגט פון קוואַל! און ער האָט זיך נישט אָבגע־שטעלט צו היילען אָדער האָטש אַרומצובינדען זיינע וואונדען, וואָס ער האָט פון די גזלנים בעקומען. און האָט תיכף ומיד אָנגעשעפּט אַ קריגעל פריש וואַסער פון קוואַל, און אַליין נישט געטרונקען, האָטש עס האָט איהם געברענט פאַר דורשט. און איז געלאָפען אַ פערבלוטיגטער צו'ם מלך אין געצעלט אַריין, און האָט מיט שמחה און מיט גרויס התלהבות אַ געשריי געטהון: נאַ דיר, גרויסער קעניג, וואַסער!

האָבען דאָך אָבער די אַנדערע שרי־מלכות געהערט, ווי דער מלך האָט בפירוש געזאָגט „פייער", נישט קיין וואַסער; האָבען זיי אָנגעהויבען

צו לאַכען און חוזק צו מאַכען פון טויבען שר. און איינער פון די שרים איז געווען אַ רשע בטבע, האָט ער געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג, איז דער שר גאָר חיב מיתה, וואָרען ער האָט מורד געווען אין מלכות...

וואָס אָבער האָט דער מלך, וואָס איז געווען אַ מלך הסד, געטהון? קודם כל האָט ער אָבגעריסען די עפּאָלעטען פונ'ם שר, וואָס האָט מקטרג געווען און געמאַכט דעם טויבען משרת פאַר אַ מורד במלכות. און ער האָט איהם אָבגעריסען די גאָלדענע קייט פון האַלז, און אַלע אָרדען און מעדאַלען, וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן האַרץ, און אַרויסגעטריבען פון שטאָדט און פון לאַנד אַרויס. —

און אַ בעפעהל האָט ער געגעבען, דער מלך, מען זאָל תיכף ומיד חפּען זיינע בעסטע דאָקטורים, זיי זאָלען אויסהיילען דעם געטרייען משרת'ס וואונדען. און דער מלך אַליין איז בכבודו ובעצמו אויפגעשטאַנען פון זיין כסא המלכות, און איז צוגעגאַנגען צו'ם געטרייען משרת, וואָס איז איהם געפאַלען צו די פיס, און האָט איהם אויפגעהויבען, און אַ קוש געגעבען אין שטערן אַריין.

און צו זיינע איבריגע שרים האָט ער אַזוי געזאָגט: כדי דעם מלך'ס געטרייער דיענער זאָל מעהר קיין טעות נישט האָבען, און אַנדערע שרים זאָלען פון איהם נישט לאַכען, הייב איך פון היינט אָן זיין שטוהל איבער די שטוהלען פון אַלע שרי־מלכות, ער זאָל זיצען נעהנטער פאַר אַלע שרים צו'ם מלך, און הערען פון מויל אין אויער זיין געבאָט.

ועל אחת כמה וכמה — גיט צו דער של"ה הקדוש, — דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואָס דאַרף בעצם נישט קיין פייער, נישט קיין וואַסער, און האָט געגעבען די תרי"ג מצוות נישט, חלילה, פאַר זיין אייגענע טובה וועגען, נאָר מזכה צו זיין ישראל, זיי זאָלען נעהמען שכר, נישט קיין מתנת חנם; איז טאַקע אַ קל־וחומר, אַז ער איז גומל־חסד פאַר אונזערע טעותים...

און איהר זאָלט קלאָרער זעהן דעם אמת דערפון, וועל איך אייך דערצעהלען עטליכע מעשיות פון שטומע נשמות. איהר זאָלט זעהן, צו וועלכע מדרגות זיי זענען געקומען.

# א קאַפּיטעל תהלים.

# א) א קאפיטעל תהלים.

אדער

## יוחנן וואסער־טרעגער און דער „אורח־חיים".

---

און די ערשטע מעשה, וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילען, האָב איך בקבלה פון מיין זיידען, עליו השלום, וואָס האָט די זכיה געהאַט צו זיין איין איינגעהער ביי'ם „אורח חיים" אין שטוב, און האָט עס, במעמד פון נאָך בעלי־בתים השובים, געהערט מפיו הקדוש — פון „אורח חיים'ס" הייליגע לעפצען.

און אָנגעהויבען האָט זיך די מעשה אַזוי:

אין דער־פריה, באַלד נאָך שחרית, זיצט זיך דער „אורח־חיים", כמנהגו, אין קליינעם בית־המדרש'ל פאַר'ן אָנבייסען, און קוקט אין אַ ספר אַריין. נישט ווייט פון איהם זיצען און רעדען צווישען זיך שטיל די דיינים; עס איז גראָד קיין דין תורה נישט געווען. און נאָך אַביסעל ווייטער — די תלמידים, דעם „אורח־חיים'ס": איינער הזר'ט זיך איבער די נעכטיגע סוגיא, איין אַנדערער קוקט זיך דורך דעם מהרש"א צו דער היינטיגער, אַ דריטער זאָגט זיך אַ לייענען.

אין מיטען דערהערט זיך פון גאַס אַ קול: „צדקה תציל ממות" און אַ קלונג מיט דער פושקע. זאָגט מען „ברוך דין אמת". מען ווייסט, וואָס עס בעטייט: נאָך פאַר שחרית האָט מען געגעבען צוויי קלעפּ אין טויער און געזאָגט, אַז יוחנן וואסער־טרעגער איז נפטר געוואָרען אין הקדש.

ווערט אָבער דער „אורח־חיים" פערענדערט אויפ'ן פנים, הייסט זיך דערלאַנגען דעם שטעקען מיט'ן ספאָדיק, און זאָגט, — ער געהט צו דער לויה.

מילא, אַז דער „אורח־חיים״ גערט, געהען די דיינים אויך מיט; נעהמען די תּלמידים רשות און געהען אויך. און אַזוי — אַנדערע, וואָס זענען גראָד געווען אין קליינעם בית המדרש׳ל. קומט מען אין גאַס אַריין. זעהען די גאַס־מענשען, ווער עס געהט, געהט מען מיט; פערמאַכט מען די קלייטען און מען געהט. קוקט עמיץ פון בית־המדרש דורך אַ פענ־סטער אַרוים און זעהט די לויה, איז ער מודיע דעם בית המדרש־עולם, פערמאַכט מען די גמרות און מען לויפט אַראָב צו דער לויה. הכלל — די שטאָדט געהט, קינד און געהט!

מען געהט און מען הדוש׳ט זיך: וואָס איז?

— דער נפטר איז געווען, ער זאָל אונז מוהל זיין, אַ פשוט׳ער יוד... אמת, געדאַווענט ותיקין; מנחה ומעריב — אין גרויסען בית־המדרש; דער־נאָך אַרומגעטראָגען קאַלט וואַסער פאַר די לומדים. אָבער אַזאַ לויה?

געווען נאָך אַ תהלים־זאָגער, אָבער די עברי זיינע! מען פלעגט זיך קוים איינהאַלטען פאַר געלעכטער... איינמאָל האָט איהם דער „והלקלקות״ בשום אופן נישט געקאָנט פון מויל אַרויס; האָט מען זיך געקייקעלט... אמת, דער „אורח חיים״ איז געווען דערביי, ער איז אין כעס געוואָרען און אָנגעשריען...

און וואָס נאָך? אַ נהנה מיגיע כפו; ביז אין דער לעצטער רגע קיין מתּנת בשר ודם נישט גענומען — נו הכלל?

און דער „אורח־חיים״ געהט... איין גאַס, נאָך אַ גאַס... אַ ווינד און אַ גליטש, עס קיהלט אין אַלע אברים, און ער געהט אַרויס פון שטאָדט, לעגט די האַנד אויף אַ מטה־שטאַנג און פיהרט די מטה אויס׳ן בית החיים, געהט אַריין צו דער טהרה... נעהמט ביים קבר אָן ביי׳ם לייליך און העלפט אַראָבלאָזען... נעהמט אַרויס די לאָפּעטע פון אַ קברן׳ס האַנד און שיט אַ שאָל ערד, הערט אוים קדיש, זאָגט הויך „אמן״ ——

פערשטעהט מען, אַז עס איז נישט פשוט!

און געווען איז דאָס דאָנערשטאָג. פרייטאָג איז פרייטאָג; דער עולם איז פערנומען, מען גרייט זיך צו לכבוד שבת; מען געהט אין מרחץ אַריין; נאָכ׳ן מרחץ געהען נאָך לייטישע בעלי־בתּים אויף אַ גלעזיל מעד. שבת איז שבת... געלויבט איז גאָט — מוצאי שבת, קוים דערלעבט, מאַכט דער זיידע, עליו השלום, געשווינד אָב הבדלה, זאָגט אָב „ויתּן לך״ און לויפט צו׳ם „אורח־חיים״. און קומען קומט ער צו׳ם „אורח־חיים״ נישט אַליין; אויפ׳ן וועג האָבען זיך צו איהם מצרף געווען נאָך

עטליכע בעלי־בתּים, און לומדים.... קומען זיי צום „אורח־חיים" אין שטוב אַריין, זאָגט ער נאָך „ויתּן לך", וואַרט מען. דערנאָך: „גוט וואָך, רבי׳ן!" „גוט יאָהר, בעלי בתּים!" די רביצין איז מיט עפּיס וואָס מכבּד. זעצט מען זיך צום טיש; די רבּי׳צין געהט זיך צו זיך אין שטוב אַריין, — מילא, מען וועט דאָך נישט אַרויס פון דער העלער הויט מיט׳ן עצם־ענין — מאַכט מען פריהער אַ שמועס מכּה דער קהלה. צי עס איז נישט אַ חשש אויפ׳ן ערוב, דערפון איז מען אַרויף אויף אַיין עגונה, איבער וועלכע אַ וועלט מיט רבנים האָבען זיך דעמאָלט געהאַמפּערט, וכדומה. און אַזוי ווי אַלע שמועסען ענדיגען זיך סוף כּל סוף מיט׳ן טויט, האָט מען שוין געקערעוועט צו דער זאַך.

איז דאָך דער אורח־חיים אַ קלוגער יוד געווען, שמייכעלט ער: ער האָט בּאַלד געוואוסט נאָך וואָס זיי זענען געקומען...

זענען זיי זיך מודה: אמת — זאָגען זיי — אַזאַ מעשה נורא...

זאָגט זיי דער אורח־חיים:

— דיט וויסען, רבותי, אַז עס איז נפטר געוואָרען אַ יוד, וואָס זאָגט געהאַט אַ חוש הריח צו דערקענען לומדי תּורה, וואָס אַיין אורח־חיים האָט עס נ י ש ט. און דאַצו אַ יוד, וואָס האָט מעהר גע׳פּועל׳ט מיט דער האַק אין דער גראָבּער האַנד, ווי דער אורח־חיים מיט די כּונות אין מח...

גאַפט מען: מען האָט פון קיין פּתרון, פון קיין חלום נישט גע־וואוסט... דער אורח־חיים האָט גאָר קיינמאָל דערפון קיין וואָרט נישט גערעדט...

— עס איז געוועזן אַ סוד, — זאָגט דער אורח־חיים.

דער יוד, זאָגט ער — האָט נישט געוואָלט נתגלה ווערען, און אַז עס איז געשעהן אַ מעשה, און ער האָט מיר געמוזט ענטפּלעקען, האָט ער גענומען בּיי מיר דאָס וואָרט, אַז בּחיי וועל איך שווייגען.

נאָך איינער איז געווען דערבּיי, אויך להבדיל בּין החיים והמתים, דער געוועזענער בּית־דין־שמש, האָטש ער איז געווען אין דרויסען און האָט וועניג וואָס געזעהן, האָט ער געגעבען אַ תּקיעת־כּף, אַז ער וועט שווייגען, און האָט געהאַלטען וואָרט.

אָבער אַצונד, זאָגט דער „אורח־חיים", איז אויס סוד, און אַז איהר ווילט, מהיכי תּיתא.

מילא — שטעלט מען אויף מויל און אויערן.

— עס איז שוין דערינען — הויבט אָן דער אורח־חיים צו דערצעהלען — אַ יאָהר פינף־און־צוואַנציג. ער איז דעמאָלט נאָר וואָס אָנגעקומען אין קהלה אַריין.

נאָר וואָס אָנגעקומען, איז ער זיך מישב, ער וועט געהן צו מעריב אין גרויסען בית־המדרש אַריין, זעהן ווי מען דאַווענט און לערנט אין גרויסען בית־המדרש.

קומט ער צו מעריב; געהט צו עפּיס אַ קרעמפּע יודעל צום עמוד.

פרעגט ער, ווער עס איז? זאָגט מען איהם: איינער יוסל דבשה׳ס — אַ גאַנץ עהרליכער יוד.

דאַווענט ער, דער יוסל דבשה׳ס, גאַלאָפּ — אַ מיהל מאָהלט...

אַרט עס איהם: אַ בעל־הבית, יאָגט ער זיך אַזוי צו דער וועטשערע... בן הסתם ווייסט ער, אַז מען קאָכט קליסקעליך מיט באָבעליך...

הייל ער שוין אָנקלאַפּען אין שטענדער: איז ער אָבער בטבע אַ רוהיגער, וואַרט ער; וואַרטענדיג דערהערט ער, אַז עס שטעקט עפּיס אין בעל־תפלה׳ס קול — ער האַפּט, און דאָס קול האַפּט אָן ביים האַרץ...

שווייגט ער.

צו שמגה עשרה, דרעהט ער זיך איבער צו דער מזרח־וואַנד, זעהט ער „הבחור יחיאל בן דבשה לרפואה שלמה", אויפגעשריבען מיט קרייד אויף דער וואַנד! פערשטעהט ער שוין, וואָס דער יוד, נעביך, יאָגט זיך: צום קראַנקען קינד.

איז ער זיך מחיה מיט זיין אָבגעהיטקייט, און האָט זיך זיין איינוועגס אַ הרהור תשובה אויף דברים שבלב. וואָרום אין האַרץ האָט ער דאָך דעם יוד, וואָס האָט זיך געאיילט צו׳ם קראַנקען קינד, הושד געווען, אַז ער איז איבערגעגעבען דער שיסעל... קומט ער, דער אורח־חיים, צו „רפאנו ה׳ ונרפא" — איז ער זיך טאַקי מתכון צו הבחור יחיאל בן דבשה... און האָט, ברוך השם, גע׳פּועל׳ט! אַ שעת רצון.... נאָך די איינענע נאַכט האָט דער בחור געשוויצט, איז אַריבער בשלום דעם קריזים; דעם שוחט׳ס אידעם איז ער היינט; קאָן לערנען...

נאָך דער הקדמה, געהט דער אורח חיים איבער צו׳ם עיקר המעשה.

---

מען האָט אָבגעדאַווענט מעריב, אָבגעזאָגט רבנן־קדיש און דער שמש איז צוגעגאַנגען צו׳ם אָרון טיילען ליכטלעך. טיילט ער און טיילט, און

קאָן זיך נים דערטיילען, אַזאַ עולם, קיין עין הרע!

און דער עולם צוגעהט זיך אויף זיינע ערטער, זיצט שוין יעדער בײַ זיין ליכטעל און פאַר זיין גמרא אויפ׳ן שטענדער. הינטען בײ׳ם שלחן — אַ חברה ש״ס! ספּאָדיק בײַ ספּאָדיק!

טהוט איהם, דעם אורח־חיים, טאַקי שטאַרק הנאה — ליכטלעך אַזן פלעמליך, ווי די שטערן אין די הימעל; אויף כל תפוצות ישראל געזאָגט! — ווען דער רבונו של עולם וואָלט אַראָבגעקוקט מיט נחת אויף אונזערע ליכטלעך אין די בתי מדרשים, ווי מיר קוקען צום הימעל אַרויף מיט נחת צו זיינע ליכטלעך, וואָלט גוט געווען.

און ווי ער זיצט און טראַכט אַזוי, קומט צו איהם צו דער שמש און פרעגט איהם, וואָס פאַר אַ ספר ער וויל. זאָגט דער אורח־חיים „מועד״; ער האָט דעמאָלט עוסק געווען אין איין ענין פון „מועד״; געווען עפּיס אַ שאלה פון אַ גדול הדור. שטעהען אין גרויסען בית־המדרש די ש״ס־גמרות הויך אויף דער שאַנק איבער׳ן שלחן פון דער חברה ש״ס. האָט דער אַלטער שמש געמוזט מבטל זיין זיי לומדים, און נעהמען און אַרויפקריכען אויף אַ לייטער... און דער שמש איז איין אַלטער יוד... אַ בחור האָט אפילו געוואָלט ממלא מקומו זיין, וויל ער אָבער נישט, דער אַלטער... האָט שוין דער אורח־חיים חרטה, נאָר פערפאַלען; ער האָט נישט געוואוסט, וואו די ש״ס גמרות שטעהען... דאָך קוקט ער זיך דערווייל אום איבער׳ן בית־המדרש און הערט זיך צו צו די קולות: עס זומט, און ברומט, און זינגט, אַז עס נעהמט דורך.

מיט אַמאָל דערזעהט ער, ווי אַ וואַסער־טרעגער (דערנאָך ערשט איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז ער הייסט יוחנן) געהט אַרום מיט אַ קאַן און טראָגט צו צו די שטענדערס קאַלט וואַסער. געפעהלט איהם זיין התנהגות: אַז ער קומט צו צו אַ שטענדער, שטעלט ער זיך אָב, וואַרט ביז דער לומד־תורה וועט דערזעהן, און אויסשטרעקען די האַנד צו דער קוואָרט; מבטל זיין פון תורה וויל ער נישט... און ווער עס נעהמט די קוואָרט, זעהט ער, שמייכעלט און מאַכט פאַר איהם הויך אַ ברכה. און יוחנן וואַסער־טרעגער ענטפערט מיט׳ן גאַנצען האַרץ: אָמן! זאָגט נאָך: אַ שענעם דאַנק! און קוקט אויפ׳ן לומד־תורה מיט גרויס ליעבשאַפט, און געהט ווייטער...

ווערט דער אורח־חיים אַביסעל נתפעל פון התנהגות פון אַ פּראָסטען יוד. פרעגט ער, ווער ער איז. זאָגט מען איהם, יוחנן וואַסער־טרעגער.

גוט. קוקט ער אַזוי ווייטער, דערזעהט ער פון דעם אייגענעם יוחנן וואַסער־טרעגער אַ משונה־ווילדע זאַך, וואָס קיינער האָט דאָס גאָר נישט בעמערקט. נישט ווייט פון אורה־היים'ס אָרט, אויף דער מזרח־וואַנד, איז געזעסען אָן אַ זייט איינער אַ בלאַסער יונגערמאַן, צי אַ בחור, — שפּעטער האָט זיך אויסגעוויזען — אַ פּרוש, — איבער אַ קבלה־ספר זיצט ער. דער אורה־היים האָט געהאַט זעהר אַ שאַרפע ראיה, און פון דער־ווייטענס האָט ער דערזעהן. אַז אויפ'ן אָפענעם בלאַט זענען אויסגעמאָלט ספירות, — עס איז אַודאי געווען דער „עץ־היים“. און צו דעם שטענדער, זעהט ער בעשיינפּערליך, ווי יוחנן וואַסער־טרעגער וויל צוגעהן מיט וואַסער, און קאָן נישט! וואָס ער גענעהנט זיך צו'ם שטענדער, פאַלט ער צוריק, גלייך עפּיס וואָלט איהם אָבגעשטויסען, יאָ אַ פּלא?! איז ער דאָך אָבער אַנ'אָבגעהיטענער, דער אורה־היים, וואַרט ער... ברענגט איהם דער שמש די גמרא „מועד“, פערהאַלט ער איהם, און פרעגט איהם אויפ'ן מקובל. זאָגט איהם דער שמש מיט אַ ביסעל גאוה: אַ, דאָס איז, רבי, אונזער פּרוש! אַ גרויסער מקובל, זיצט גאַנצע טעג אין תעניתים, לערנט שטענדיג ביחידות... און שטילער גיט ער צו: וואָהגען וואָהנט ער אין עק שטאָדט, אין אַ חורבה... גאַנצע נעכט הערט מען פון חורבה אַרוים משונה'דיגע קולות און זמירות... אַפּנים, מען קומט צו איהם לערנען און זמירות זינגען...

וואָס זאָל ער טראַכטען, דער אורה־היים?

טראַכט ער, אַז בשעת'ן למוד איז דער פּרוש אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז דער פּראָסטער וואַסער־טרעגער האָט די זכיה נישט צו שטעהן אין זיינע ד' אַמות, צו קומען אין זיין מהיצה אַריין; שטויסט עס איהם אָב.

איז ער דאָך אַ לב טוב, דער אורה־היים, קריגט ער רהמנות אויפ'ן אָרעמען יוד, וואָס וויל אַ מצוה טהון, און קאָן נישט. דאָס איז איינס; און צווייטענס, וויל זיך דער אורה־היים בעקענען מיט'ן פּרוש, איבעררעדען דערפון. איז ער דאָך אָבער מרא דאתרא, וויל ער אָנזאָגען דעם פּרוש דורכ'ן שמש, אַז ער וויל מיט איהם רעדען... אָבער ווי ער האָט דאָס נאָר אַ טראַכט געטהון, דערזעהט ער עפּיס בייעם: יוחנן וואַסער־טרעגער גערעט פאַרביי דעם פּרוש'ס שטענדער, דער פּרוש דערזעהט איהם, און שטרעקט אויס די האַנד נאָך דער קוואָרט, און הייבט די אויגען אויף מיט אַ בקשה צו אַ טרונק... און יוחנן וואַסער־טרעגער דערשפּירט

עס, דרעהט ער זיך צו איהם צוריק אויס, וויל דערלאַנגען די קוואָרט, און הערט נאָך אַמאָל ווי אַבגעשטויסען, גיט אַמאַך אַוועק מיט דער האַנד, געהט זיך זיין וועגס, און דער פרוש בלייבט זיצען ווי דערשראָקען.

דערווייל קומט אונטער איין אַנדער וואַסער-טרעגער, נאָך אַ פשוט'ער יוד, וואָס הערט נישט אויס קיין ברכה, ענטפערט נישט אָמן, קוקט אויף די לומדי-תורה גאָר אָהן ליעבשאַפט — אַ מענש מיט אַ מגושם פנים, טהוט אַ מצוה אין פשטות אַריין... און דער מגושמ'ער וואַסער-טרעגער האָט יאָ שליטה צו'ם פרוש, עס שטויסט איהם נישט אָב; פערקעהרט, ער שטעל'ט זיך אָב, שטעלט אַוועק די קאַן, שפאַרט אָן די האַנד אויפ'ן שטענדער, רעדט עפּיס צו'ם פרוש, קענטיג, ער פרעגט איהם, צי ער וויל טרונק וואַסער, און דערלאַנגט איהם. און דער פרוש איז דאָרשטיג, לויפט מיט'ן מויל אַקעגען דער קוואָרט. דער אורח-חיים דערזעהט אפילו נישט, ווי ער מאַכט די ברכה...

וואָס, נאָך מעהר וואונדער?

טראַכט דער אורח-חיים, אַז יוחנן וואַסער-טרעגער מוז האָבען עפּיס אַ שנאה צו'ם פרוש; האַלט די שנאה צו'ם פרוש מלחמה מיט'ן חשק צו טהון אַ מצוה, און די שנאה פון עם-הארץ צו'ם תלמיד חכם איז גובר... און דאָס שטויסט איהם צוריק, דאַרף מען עס אַמאָל חוקר ודורש זיין...

האָט אָבער איין אורח-חיים וויכטיגערע ענינים אויפ'ן קאָפּ, פערגעסט ער... איבער דער צייט מאַכט זיך אָבער ווידער אַ מעשה:

---

איינמאָל ערב ראש-חודש, קומט דער אורח-חיים אַ ביסעל צו-פריה צו יום-כפור-קטן אין שוהל אַריין, איז די שוהל נאָך ליידיג. אין דער הייך, אין אָפענעם פענסטער, פישטשען פייגעלעך; אַ מחנה שוואַלבען פליהט אַרויס, איין אַנדערע מחנה שוואַלבען קומט אָן, און אונטען אין שוהל, אין אַ ווינקעל ביי'ם בעלעמער, שטעהט יוחנן וואַסער-טרעגער און זאָגט תהלים. געהט דער אורח-חיים פאָרביי — לא קם ולא זע — אַזוי פערטיעפט איז ער אין תהלים. שטעלט ער זיך, דער „אורח-חיים", אָב נישט ווייט, הערט ער זיין עברי... וויל ער שוין שמייכלען... פלוצלונג, דאַכט זיך איהם, אַז די ווערטער, וואָס קומען מיט די גרייזען פון יוחנן וואַסער-טרעגערס מויל אַרויס, זענען נישט קיין פשוט'ע ווערטער, נאָר לעבעדיגע ווערטער, עס פיהלט זיך אין זיי אַ חיות... ווייטער דאַכט זיך איהם, אַז די ווערטער פליהען איהם פון מויל צו'ם באַלקען אַרויף, און ריהרען

זיך אָן אָן די אויסגעמאָלטע כּלי־זמר פון דוד המלך'ס „הללויה"... און די כּלים, גלייך די ווערטער קלאַפּען אָן זיי, ציטערן; דאָ רופט זיך אָן אַ פּייקיל, דאָרט אַ פליייט, אַמאָל אַ סטרונע פון אַ פידעל, אָבער אַזוי שטיל, אַז נאָר דאָס אויער פון דער נשמה הערט... און פון דאָרט ערשט פלי־הען די ווערטער מיט שטילע קולות צו צו'ם פענסטער, און אַ מחנה פויגעלעך פון דרויסען פליהען זיי אַקעגען מיט גרויס שמחה, און האַפּען זיי אויף, און פליהען מיט זיי אַרויס, און צו'ם הימעל אַרויף, און אַ נייע מחנה פויגעלעך קומט אָן אויף זייער אָרט נאָך אַנדערע ווערטער, נאָך אַנדערע קולות...

צי האָט ער נישט קיין טעות? זיין אויער הערט אָבער די קולות!

קומט ער, דער אורח־חיים, נאָך יום כּפּור־קטן אַהיים, פרעגט ער די רבּי'צין, ווער עס טראָגט צו איהר וואַס̇ר? ווייסט זי נישט. דאַרפסט דען וויסען? פרעגט זי.

זאָגט ער: אַוודאי! אַז איך פרעג, מן הסתם דאַרף איך וויסען.

לויפט די רבּי'צין אין קיך אַריין און קומט צוריק מיט אַ תשובה: איינער אַ יוהנן.

זאָגט דער אורח־חיים:

— אַז ער וועט קומען, זאָל מען איהם שיקען צו מיר אין חדר אַריין. ער האָט מיט אהם וואָס צו רעדען.

גאַפט זי, די רבּי'צין, נאָר איבערפרעגען וועט זי נישט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, דער אורח־חיים זיצט בּיי זיך אין שטוב, הערט ער: עמיץ הוסט. קוקט ער זיך אום: יוהנן וואַסער־טרעגער!

בעט ער איהם זיצען, וויל ער נישט.

זאָגט ער: איך היים! זעצט ער זיך אויף איין עק פון אַ בּענקיל.

— יוהנן — הויבּט אָן דער „אורח־חיים" — איך האָב געהערט דיין תהלים־זאָגען...

זיפצט יוהנן אָב.

— הלואי וואָלט איך עברי געקאָנט.

און ער זאָגט עס אַזוי ערנסט, אַזוי פראָסט, אַז דער אורח־חיים מיינט שוין זיכער, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. ווייסט ער שוין נישט, וואָס צו טהון מיט דעם יוהנן. דערמאָהנט ער זיך אָבער די מעשה מיט'ן פרוש, זאָגט ער:

— יוהנן, וואָס האָסט דו אַזוינס צו'ם פרוש, וואָס דו ווילסט איהם קיין וואַסער נישט געבּען?

ווערט יוחנן צעדודערט, דאָס פנים ווערט איהם ווייס ווי קאַלך, און שווייגט.

פרעגט דער אורח־חיים נאָך אַמאָל, ענטפערט יוחנן היזעריג:

— רבי, איך דאַרף נישט זאָגען... עס איז אַ סוד...

— און אַז איך וועל וויסען?

ענטפערט יוחנן:

— וועל איך קיין ברירה נישט האָבען!

זאָגט דער אורח חיים:

— בין איך אויף דיר גוזר...

— מוז איך!

— דיט וויסען, רבי, — הויבט יוחנן אָן צו דערצעהלען, — אַז זייט ליעבער נאָמען האָט מיך געלייטזעליגט מיט אַ הויש הריח, צו דערקענען אַ תלמיד חכם... איך אַליין לערנען — קאָן נישט, נאָר אַ הויש הריח האָב איך און איך דערפיהל פון וויטענס אַ תלמיד חכם, צי ער איז הוכו כברו...

— פון וואַנען קומט עס צו דיר?

— איך בין, דיט איך לעב, משמש תלמידי חכמים, דאָס איז מיין עבודת... האָב איך אָבער מורא געהאַט, איך זאָל נישט נכשל ווערען אין אַ פאַלשען תלמיד חכם, האָב איך מתפלל געווען דערויף צו גאָט, און עס איז געווען איין עת רצון, און מען האָט מיר געגעבען אַ הויש, צו דערפיהלען דעם ריח פון דער תורה... פון דעמאָלט אָן, אַז איך געה פאַרביי אַ תלמיד חכם, דערפיהל איך זיין מדרגה. פאַרהאַן אַ תלמיד חכם, וואָס די תורה זיינע שמעקט מיט'ן ריח פון פריש ברויט פון איהעון אַרוים — דער לערנט אין פשטות אַריין... איז ער גרעסער במעלה, פיהל איך זיין תורה, ווי פרישע עפעל... טיילמאָל ווי בלומען אויפ'ן פעלד, טיילמאָל אויך — ווי פרישע בשמים...

— און ביים פרוש, וואָס פילסט דו, יוחנן?

— סמאָלע! ברענענדיגע סמאָלע פון גיהינום...

גלויבט נישט דער אורח־חיים; שווייגט ער.

און יוחנן זאָגט:

— רבי, עס איז אפשר גלייכער, אַז איהר ווייסט, איהר זענט דאָך בריה דאתרא... און ווען איהר וועט מיך דאַרפען, וועל איך אַיך קומען צו הילף!

גאַפּט ער, דער „אורח־חיים”, און דער וואַסער־טרעגער נעהמט בּיי איהם רשות און געהט אַרויס.

„מען דאַרף הוקר ודורש זיין” — זאָגט זיך צו'ם צווייטען מאָל דער אורח־חיים און פערגעסט ווייטער.

---

איינמאָל דערמאַנט ער זיך דערינען, איז ער זיך מישב, ער וועט געהן אין גרויסען בּית־המדרש אַריין נאָך מעריב און אויספּרובּען. קומט ער, זיצט שוין דער עולם און לערנט, דער פּרוש, ווי געוועהנליך, אויף זיין אָרט. געהט ער, דער אורח־חיים, אומישנע האַרט פאַרבּיי פאַר'ן פּרוש, זעהט ער, ער איז עוסק אין קבּלה מעשית... ריהרט ער זיך אָן או־מישנע אפילו אָן שטענדער — גאָר נישט, ער פיהלט נישט...

בּעפאַלט איהם אַ ביסעל הולשות הדעת.

כטייטש? ער, דער „אורח־חיים” פיהלט נישט, און יוהנן וואַסער־טרעגער פיהלט? ווי אַזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין? קלערט ער ווייטער: עס מוז זיין אַ טעות...

זעצט ער זיך לערנען, לערנט זיך נישט. פערמאַכט ער דעם ספר, געהט אַהיים צו דער וועטשערע; עסט זיך נישט. וואַשט ער זיך, עסט אַ כּזית, פון בּרכה העגען, און בּענשט... נעהמט ער זיך אָנשרייבען אַ תשובה; פיהלט ער, אַז דער מה איז איהם נישט קלאָר, אַז ער איז נישט בּקו הבּריאה. גיט איהם די רביצין עפּיס אַ היימישע רפואה; לייענט ער אָב „קריאת־שמע” און לעגט זיך אין בּעט אַריין. קוים ער שלאָפט איין, אַזוי קעגען האַלבּער נאַכט, חלומ'ט זיך איהם אַ שרעקליכער חלום.

עמיץ וועקט איהם, עפענט ער די אויגען אויף, שטעהט פאַר איהם דער פאָטער, עליו השלום, און זאָגט איהם:

— דיין קהלה בּרענט און דו פערלעשסט נית דאָס פייער!

און ווערט נעלם.

שבּרינגט דער אורח־חיים פון בּעט אַרויס און לויפט צו צו'ם פענ־סטער, זעהט ער, אַז פון דער־ווייטענס, פון דער חורבה אונטער דער שטאָדט, וואו עס וואָהנט, לויט דער שמש האָט איהם געזאָגט, דער פּרוש, רייסט זיך אַרויס אַ פייער, אַ רויט־פלאַמענדיג פייער, און ציהט זיך אין שטאָדט אַריין. קוקט ער ווייטער, זעהט ער, ווי איין פייערדיגע צונג לעקט דעם דאַך פון שוהל און די צווייטע פון גרויסען בּית־המדרש, און אַרום איבּער די דעכער פון די בּעלי־בּתים פליהען פונקען און עס דויערט אַזוי אַ ווילע און ווערט פערשוואונדען.

הערט ער, דער אורח־חיים, פערציטערט.

פערשטעהט ער, אַז דאָס איז אַיין התראה. אַז אין דער הורבה מוז זיין אַ גרויסע זינד, אַז ער איז מחויב עפּיס צו טהון; ווייסט ער אָבער נישט וואָס. דערמאָהנט ער זיך, אַז יוחנן וואַסער־טרעגער האָט איהם געזאָגט, אַז ווען ער וועט איהם דאַרפען, וועט ער איהם קומען צו הילף. האַפּט ער, דער „אורח־חיים", שטילערהייט, די רבי'צין זאָל נישט הערען, אויף זיך די בגדים און גערהט אויף די נעגעל אין דער ערשטער שטוב אַריין, וואו דער בית־דין־שמש האָט גענעכטיגט, און וועקט איהם, און פרעגט איהם, צי ער ווייסט נישט, וואו יוחנן וואַסער־טרעגער וואָהנט? מוז ער איהם דריי מאָל איבער׳חזר׳ן, איידער דער בית־דין־שמש געטרויט זיינע אייגענע אויערן און אויגען... ער גלויבט נישט, דער „אורח־חיים" זאָל האַלבער נאַכט דאַרפען יוחנן וואַסער־טרעגער, און שטעהט און רייבט זיך אַלײן די אויגען. קוים מיט צרות איז ער צום גלויבען געקומען, און ער ווייסט, וואו ער וואָהנט — געהען זיי ביידע אַרויס אָהן אַ לאַמטערן, און אין גאַס איז השך, אַז איינער זעהט נישט דעם צווייטען, און קוים קוים זיי טרעפען, נאָך מיה און מאַטערניש, צו יוחנן וואַסער־טרעגער׳ס דירה. קומען זיי צו צום פענסטער און ווילען אָנקלאַפּען, עפענט זיך דערווייל די טהיר פון אינעווייניג און יוחנן קומט אַרויס...

איך האָב, זאָגט ער, געוואַרט אויף אַייך, רבי... שוין צייט צו פערלעשען דאָס פייער.

זעהט דער אורח־חיים, ער ווייסט...

תוך כדי דבור שפּאַלט זיך דער וואָלקען אין הימעל און עס בעווייזט זיך אַ שטראַהל־ליכט, דערזעהט דער אורח־חיים, אַז יוחנן געהט מיט אַ האַק. פרעגט ער, וואָס בעטייט די האַק? ענטפערט יוחנן, אַז זי וועט צו־ניץ קומען.

געהען זיי צו צו דער הורבה, וואו דער פרוש וואָהנט... קומען זיי צו גאָהענט, דערפילען אַלע דריי אַ ריח פון ברענענדיגער סמאָלע, וואָס רייסט זיך פון דער הורבה אַרויס. און וואָס נעהנטער צו דער הורבה, ווערט דער ריח געדיכטער, ביז עס פערהאַפּט דעם אָטהעם... קומען זיי צו נאָך נעהנטער, רייסען זיך אַרויס פון דער הורבה משונה׳דיגע קולות, קולות פון נשים, וואָס זינגען, און פון כלי־זמר, וואָס שפּיעלען, און אַ טופען מיט די פיס פון טענץ, און אַז מען קומט נאָך נעהנטער צו — זעהט מען ווי פעדים פון ליכט שפּאַרען זיך אַרויס פון די שפּאַלטען...

הױבט אָן דער בית־דין־שמש צו ציטערן אױפ'ן גאַנצען לײב פאַר שרעק. װיל איהם דער אורח־חײם מאַכען אַ לב. זאָגט ער איהם, האַלט זיך אָן בײ מײן גאַרטעל, ציטערן אָבער אונטער'ן שמש די קניה; פאַלט ער אַנידער אין מיטען גאַס.

זאָגט יוחנן צום „אורח־חײם": רבי, לאָזט איהם ליגען און קומט אין חורבה אַרײן, מיר זאָלען, חס ושלום, נישט פערשפּעטיגען...

פרעגט דער „אורח־חײם", צי ער װײסט, װאו די טהיר איז?

ענטפערט יוחנן: מײן הױש דריה װעט מיך פיהרען.

געהען זײ.

— און װאָס װעל איך דאָרט טהון? — פרעגט דער אורח־חײם שטיל.

זאָגט יוחנן: יעדערער זאָל טהון זײנס. איהר, רבי, װעט מלחמה האַלטען מיט אײערע כונות אין מח, איך — מיט דער האַק! האַלט איהר נאָר די חברה פון דער־װײטענס מיט השבעות; די רעשט פערלאָזט אײך אױף מיר...

און באותו הרגע עפענט ער די טהיר אױף.

און זײ דערזעהען אַ חתונה.

די חורבה איז באַלײכטעט.

אין דער הײך, און אַרום אױף אַלע װענד, הענגען שאַרבענס פון מתים, און אין די לעכער פון מױל און אױגען ברענען פלעמליך פון רױט פײער... אָן אַ זײט שטעהען שװאַרצע כלי־זמר און שפּיעלען אױף שװאַרצע כלים; און פון די שװאַרצע כלים פליהען אַרױס די קולות מיט פײערדיגע צונגען צװאַמען... און נאַקעטע נקבות, מיט קרענץ פון רױטען מאָן אױף די שװאַרצע קעפּ, און פײערדיגע גאַרטלען אױף די לענדען, טאַנצען אַרום און אַרום אַראָד, און פון אונטער די באָרװעסע פיס, ציגענע פיס מיט פּאָדקאָװעס — שפּריצען פײערדיגע פונקען... און אַ מהומה פון פלאַמען שלאָגט זײ פון די אױגען, און פון די פײערדיגע גאַרטלען, און פון די מײלער צװאַמען מיט'ן געזאַנג...

אַ בדחן שטעהט אױף און רופט: שבת! שבת! אַז עס הילכט...

און אין מיטען ראָד גערדט אַ כלה־טאַנץ...

אױף אַ װײט טיכעל טאַנצט דער פרוש מיט לילית דער כלה —

ער דינגט: באי כלה, באי כלה, און ציהט אײן צו זיך דאָס טיכעל.

לילית לאַכט און זײ טאַנצען שױן האַנד אין האַנד — —

— שבת! שבת! רײסט זיך דער בדחן. שטאַרקער הילכען די כלים,

ווילדער דרעהט זיך דאָס ראָד, שרעקליכער לויפען און וויקלען זיך די פלאַמען, און לילית וויל שוין פאַלען דעם פרוש אויפ'ן האַרץ אַרויף, באותו הרגע אָבער האָט מען דערשפירט די געסט, די נישט־געבעטענע פרעמדע געסט, און מען איז פערציטערט געוואָרען.

עס ווערט אַלאַרם, אַגעשריי, אַגערויש, אַגעקריצעריי מיט די ציינער, דאָס ראָד צולאָזט זיך, אַלע מאַכען פויסטען און ווילען צולויפען צו די נישט־געבעטענע געסט...

נאָר דער אורח־חיים מיט זיינע כונות האַלט זיי פון ווייטען, מיט אויסגעהויבענע אייניציגע פיס אין דער לופטען שטעהען זיי אויף דער גרעניץ פון זיינע ד' אמות, און איבערטרעטען זיי קאָנען זיי נישט — זיי ווערען אַזוי ווי פערשטאַרט, ווי פערשטיינערט, נאָר אויסגעצויגען זענען די הענד, די ציינער קריצען און אין די אויגען פלאַמט די שנאה — —

— צו הילף, צו הילף! — שרייט לילית אַרויס פון דער מיט.

און באותו הרגע הערט זיך אַרעש, אַגעטומעל פון דרויסען... אַשטורם־ווינד האָט זיך פון ערגיץ אויסגעריסען און לויפט אַרום דער חורבה און זוכט, ווי אַרום זיך אַריינצורייסען אין איהר, און קאָן נישט... די גאַנצע חורבה ציטערט, אין שטורם־ווינד הערען זיך טויזענדער געשרייען, — אַריינרייסען קאָן מען זיך אָבער נישט. דער „אורח־חיים" האַלט אָב מיט זיינע כונות, מיט זיינע השבעות... און פול ווערט די חורבה מיט כונות און השבעות און דער שוואַרצער עולם שטיקט זיך אין דער לופט, מיילער עפענען זיך ברייט, רויטע צונגען שטעקען זיך אַרויס... און זיי טרעטען אָב, און רוקען זיך אין די ווינקעלעך אַריין, ווערען איינגעשרומפען.

און באותו הרגע האַפט יהנן די האַק און ציעלט מיט איהר, און וואַרפט און טרעפט לילית'ן אין מיטען קאָפ אַריין, און די האַק שפּאַלט די איבער פון קאָפ ביז אַראָב צו די פיס — —

און באותו הרגע פאַלט דער פרוש מיט'ן פנים צו דער ערד... די ווינטען הערען אויף, די געשטאַלטען פערשווינדען, די כלים פלאַצען, די לעמפליך לעשען זיך אויס, די שאַרבענס פאַלען אַראָב פון וואַנד און באַלקען און צופאַלען אויף שטויב — שטיל... און אַ שוואַרצע בריאה מיט שוואַרצע פליגעל האַפט דעם ליגענדיגען פרוש פון דער ערד, רייסט, פליהענדיג מיט איהם, אויף אַ פענסטער, און ווערט מיט איהם נעלם... דורך דעם פענסטער רייסט זיך אַריין אַ פרישער פאַרטאָג...

---

— אַזוי, אַזוי, רבותי! זיפצט אָב דער „אורח־חיים".

נעלם איז געוואָרען דער פּאַלשער פּרוש; װער װייסט, אויב ער איז געקומען לקבורת ישראל. אין שטאָדט האָט מען געמיינט: ער איז געגאַנגען אָפּריכטען גלות...

דעם בית־דין־שמש האָבען מיר, יוחנן און איך, קוים דערמינטערט און אַהיים געפֿירט — עס האָט קיין בן אדם נישט געזעהן...

די רביצין האָט פֿון גאָר נישט געוואוסט. זי האָט נישט געזעהן, ווי איך בין אַרויס און ווי איך בין געקומען... אין דער־פֿריה פֿרעגט זי מיך, וואָס בין איך אַזוי בלייך; מאַך איך מיך נישט הערענדיג... אַז יוחנן וויל, עס זאָל בלייבען בסוד...

אַצונד ווייסט איהר שוין, וואָס אַזאַ יוחנן קאָן בעטייטען?

אַזאַ פּראָסטער יוד האָט אַ חוש הריח און פֿיהלט, וואָס אַיין „אורח־חיים" פֿיהלט נישט...

און ווען אַיין „אורח־חיים" האָט מחשבות, כונות, השבעות, האָט דער פּראָסטער יוד אַ איד, און אַ האַק זיין דער יד, און קלערט נישט, און ווארפֿט וואו מען דאַרף, און טרעפֿט...

און דאָס אַלץ מיט'ן כח פֿון אַ קאַפּיטעל תהלים...

איהר פֿערשטעהט?

און אַז יוחנן וואַסער־טרעגער קומט אויף יענער וועלט, ווער, מיינט איהר, קומט איהם אַנטקעגען? דוד המלך מיט'ן פֿידעלע!

דאָס האָט מען מיר אין חלום געוויזען...

אַזוי האָט דער אורח־חיים פֿערצעהלט. —

# שמע ישראל.

# ב) „שמע ישראל".

אעדר

# דער באס.

אין טאָמאַשאָוו — אַ קליין פּויליש שטעדטיל, וואָס ליעגט אויף דער גאַליציישער גרעניץ, — האָט זיך אַמאָל, אין אַ שעֶנעם העלען טאָג, בעזיזען אַ בחור, אַיין ארימער בחור, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען ער איז געקומען, וואו ער טאָגט און וואו ער נעכטיגט, און וואָס פּלעגט זיך פון צייט צו צייט בעווייזען און בעטען עסען.

מילא „כל הפּורש יד" — ווער עס שטעלט אויס אַ האַנד, דעם גיט מען. בפרט אַז דער בחור נעהמט נישט, נישט קיין פּרוטות, נישט קיין מאכלים, נאָר אַ שטיקעל טרוקען ברויט, איז דאָך אַוודאי „אֵין בודקין למזונות" — פרעגט מען נישט, ווער און וואָס; עסען קומט יעדער לעבעדיגער נשמה. בעמערקט מען אָבער, אַז עס איז אַ משוגה'דיגער בחור. אויגען האָט ער, וואָס קוקען, דאַכט זיך, ווייט-ווייט, און וואָס אין די ד' אמות טהוט זיך, זעהען זיי נישט; און מיט די לעפּלעך פון די אויערן רידערט ער שטענדיג, ווי אַנדערע מיט די ברעמען איבער די אויגען, גלייך ער וואָלט שטענדיג געהאַפּט קולות פון דער לופט; האָטש עס איז שטיל, ווי פאַר שופר-בלאָזען. און דעריבער, ווייל ער זעהט, מכלומר'שט, אַזוי ווייט און הערט אַזוי ווייט, איז ער שטענדיג פערחוש'ט. אַז מען גיט צו איהם אַ רייד, חערט ער פערציטערט, גלייך מען וואָלט איהם געוועקט פון יענער וועלט, און אַז ער ענטפערט, ענטפערט ער אָדער „יאָ" צי „ניין".

אַ ניט — פערפּלאָנטעט ער זיך אין די אייגענע רייד, ווי אין אַ נעץ; עס קומט איהם דער שווייס אויפ'ן שטערן אַרויס, און קאָן זיך נישט אַרויס־אַרבייטען...

און פלעגט אַמאָל אַ בעל־הבית, צי אַ בעל הבית'טע, וועלען זיך בענוצען מיט'ן בחור און שיקען איהם אַ גאַנג, פלעגט דער בחור פער־לוירען ווערען אויף עטליכע טעג און קומען צוריק מיט אַ תשובה קאַפּויער, נישט געפלויגען, נישט געשטויגען. און נישט הלילה, פאַר פוילקייט, נאָר פאַר פער'חוש'טקייט.

— האָסט געטראָפען דעם און דעם? (צו וועלכען מען האָט איהם געשיקט).

— ערשט היינט.

— און ביז אַהער?

ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אין שליחות, האָט ער אויפ'ן וועג געטראָפען אַ מייזעל, האָט דאָס מייזעל געפּישטשעט, עס האָט אַ ודאי נישט געקאָנט טרעפען אַהיים... דערנאָך האָט מען איהם צוגערופען פון דער הייך, עפּיס אַ פויגעל, — איז ער נאָכגעלאָפען, וכדומה, און ער איז ערשט היינט געקומען, וואו מען דאַרף; און מען האָט איהם געזאָגט — און דאָס וואָס מען האָט איהם געזאָגט, אָדער ער האָט פערגעסען, אָדער באַלד נישט פערשטאַנען. אַזוי קומט אַלץ אַרויס קאַפּויער, און ער שמייכעלט בתמימות, און שטרעקט אויס די דאַרע האַנד נאָך אַ שטיקעל ברויט — ער האָט איבער דער גאַנצער צייט אין מויל נישט געהאַט.

---

און איין אָרים שטעדטיל אָהן עסקים, זומער־צייט, גרויסע ליידיגע טעג, זיצען בעלי־בתים ביי די פענסטער און גענעצען, און קוקען אַרויס אין מאַרק אַריין, עס זאָל זיך עפּיס בעווייזען, עס זאָל זיין אָן וואָס זיך אַנצוהאַפּען. שטעהט אַזוי אַ בעל־הבית ביי'ן אַ פענסטער, דערזעהט ער דעם פרעמדען אָרים־בחור, רופט ער איהם צו. ער האָט נישט, וואָס צו טהון, שוין אַלע פליגען אויסגעהאַפּט, וועט ער איהם חוקר ודורש זיין.

— קום נאָר, בחור, אין שטוב אַריין.

שאָקעלט דער אָרים־בחור מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט; ער וויל נישט.

— פאַר וואָס?

— אַזוי! זאָגט ער.

לאַכט דער בעל־הבית און פוילט זיך נישט, און געהט אַרויס צום

בחור פאַר דער טהיר און זעצט זיך אויף דער שוועל, און הויבט אָן.

— ווי הייסטו, בחור?

— ווי איך הייס? — חזר'ט דער בחור איבער, — אברהם! דאַכט זיך מ'ה אברהם; יאָ — אברהם!

— דו ווייסט נישט אויף זיכער?

ער איז קיינמאָל נישט זיכער. ווי קאָן מען זיין זיכער? עס דאַכט זיך אַזוי פיעל.

קייכט דער בעל־הבית.

— און אוי'ף צונאָמען?

פון דעם ווייסט שוין דער בחור גאָר נישט. און ער פרעגט איבער בתמימות, צי מען דאַרף אַ צונאָמען.

זאָגט דער בעל־הבית:

— אַ ודאי. עס קאָן זיין אַ סך אברהם'ס, קאָנען זיי זיך אויסמישען...

— נו, וואָס איז?

— און וועמעס ביסט דו, בחור?

— דעם טאַטענ'ס.

— און ווי הייסט דיין טאַטע?

— טאַטע הייסט ער.

— און וואו וואָהנט דיין טאַטע?

— דאָ, וואו דיין טאַטע וואָהנט! און דער בחור הויבט־אויף אַ פינגער און ווייזט אין דער הייך אַרויף צום הימעל.

— אַ שענע פרי! — שמייכעלט דער בעל הבית, און פרעגט ווייטער:

— און קיין אַנדערן טאַטען האָסטו נישט?

— ניין!

— און אַ מאַמען?

— מען דאַרף דען?

קייקעלט זיך דער בעל־הבית פאַר געלעכטער, און דער בחור פרעגט:

— מעג איך שוין געהן?

— באַלד, באַלד! ענטפערט דער בעל־הבית, וואָס שמעלצט זיך פאַר נחת, — און פון וואַנען קומסט דו, חכם איינער?

— פון דאָרף!

ווי הייסט דאָס דאָרף? וואו ליעגט עס?

דאָס ווייס ער נישט, דער בחור.

— ווייט פון דאַנען?

עד איז געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען....

און דער בחור הור'ט אַזוי פיל מאָל איבער דאָס וואָרט „געגאַנגען" ביז די ליפּען ווערען איהם מיעד און ענדיגט: און נאָך געגאַנגען!

— וויפיעל טעג און וויפיעל געכט?

ער האָט נישט געצעהלט.

פאַלט איין דעם בעל־הבית צו פרעגען:

— און דאַוונען קאָנסטו?

דאַוונען? מוז איהם דער בעל־הבית פערטייטשען, וואָס מען מיינט „דאַוונען", און נאָך ניין מאָס פון בעלי־בתישע רייד, שטויסט זיך דער בחור, אַז ער מיינט: שריַיעסען מיט'ן טאַטען.

— יאָ, יאָ! זאָגט דער בעל־הבית, און עם דאַכט זיך איהם, אַז די געדערים דרעהען זיך איהם אום פאַר געלעכטער.

ער קאָן „שמע ישראל".

— ווער האָט דיך געלערנט?

דערצעהלט דער בחור, אַז געהענדיג, פון דאָרף דורכ'ן וואַלד, אין שטאָדט אַריין, האָט איהם געטראָפען זעדר איין אַלטער מאַן. האָט איהם דער אַלטער מאַן געזאָגט, ווער זיין טאַטע איז. און האָט איהם אויסגעלערנט רעדען מיט'ן טאַטען, זאָגען „שמע ישראל". און האָטש ער פערשטעהט נישט, וואָס ער רעדט צו'ם טאַטען; זאָגט אָבער דער אַלטער, אַז דער טאַטע פערשטעהט און האָט הנאה דערפון!

— און ווען רעדסטו מיט'ן טאַטען

— צוויי מאָל אין טאָג.

און דערביי שפּיעלט ער.

— דו שפּיעלסט? אויף וואָס?

אויף וואָס עס איז.

אין דאָרף פלעגט ער שפּיעלען אויף גרעזלעך, אויף שאַווער; דער־נאָך האָט מען איהם אויסגעלערנט מאַכען אַ הילצערן פייפעריל, האָט ער געשפּיעלט אויפ'ן הילצערנעם פייפעריל... אין שטאָדט האָט מען איהם געשענקט אַ ליימען פייפעריל, שפּיעלט ער דערויף...

— און מען זאָל דיר, למשל, געבען אַ פידעל?

פלאַמען אויף דעם בחור'ס אויגען: אַי, וואָלט ער געוואָלט אַ פידעל, ווי די שטאָדטיגע כלי־זמר האָבען. בפרט אַזאַ גרויסע, גרויסע כלי, וואָס מען טראָגט אויף אַ רימען... אַי, וואָלט ער געשפּיעלט — — —

— נאָר, טרייבט ווייטער קאַטאָוועס דער בעל־הבית׳ישער הוקר והדרש: אפשר וועט מען דיר קויפען אַזאַ כלי, ווייז נאָר פריהער, וואָס דו קאָנסט!

געהמט דער בחור אַרויס פון בוזעם אַ ליימען פייפעריל און פייפט.

ווי ער פייפט, ווערט אַ געדודער אונטערן הימעל, עס קומען זיך צולויפען מחנות פייגעל און פליהען אַרום אין דער הייך, און דער בחור קוקט אַרויף צו זיי און שמייכעלט און בעהאַלט צוריק דאָס פייפעריל.

דער בעל־הבית האָט אָבער דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבען און דאָס אַליין נישט געזעהן. צום קול פון פייפעריל איז אַרויס פון שטוב די בעל־הבית׳טע. הינטער איהר — די דיענסט, צום פענסטער זענען צוגע־קומען צוויי פאַר־פאָלק און קוקען אַרויס. וויל דער בעל־הבית וויזען זיין תריפות און פאָרשט ווייטער דעם בחור —

— און פון וואָס האָסט דו געלעבט אין וואַלד?

פון שוואָמען האָט ער געלעבט.

אַ, ער איז האָטש אַ מבין אויף שוואָמען!

— און פריהער אין דאָרף?

פון וואָס מען האָט איהם געגעבען!

— ווער האָט דיר געגעבען?

אַ פויער, אַ פויערטע, אפילו דער גלח און דער קרעצמער...

— און וואָס האָט מען דיר געגעבען?

און דער בעל־הבית האַלט איין דעם אָטהעם; דאָ דאַרף אַרויס די נאָל פון זאַק.

און דער בחור ענטפערט בתמימות, אַז מען האָט איהם געגעבען, אי קרויט, אי באָרשטש, אי פלייש, אי ברויט — נאָר גענעסען האָט ער נאָר ברויט, — אַנדער עסענוואַרג האָט ער גענומען און געוואָרפען די פייגעל.

— און פאַר וואָס — נאָר ברויט?

ער האָט ליעב נאָר ברויט; אַנדערע מאכלים האָט ער פיינד.

וואָס ער עסט האָט איהם געפרעגט דער אַלטער אין וואַלד אויך.

און אַז ער האָט איהם פערצעהלט, אַז ער עסט נישט מעהר ווי ברויט, האָט דער אַלטער געזאָגט, אַז ער האָט איהם ליעב דערפאַר; און האָט איהם דערפאַר אויסגעלערנט ריידען מיט׳ן טאַטען. — און דעם אַלטען האָט ער אַזוי ליעב, אַזוי ליעב... און זאָגען זאָגט ער אַזוי ערנסט „שמע ישראל״, וויל דער אַלטער האָט איהם געהייסען...

לאָזט איהם נאָך דער בעל־הבית נישט אָב און פרעגט:

— און ווען דער אַלטער זאָל דיך הייסען גנב'ענען?
וואָלט ער גע'גנב'עט.
— און גזל'ען?
וואָלט ער גע'גזל'ט...
נאָר ער וועט נישט הייסען, ער איז אַ גוטער, דער אַלטער.
— אָבער פאָרט, ווען ער קומט און הייסט דיר, הרג'ענען אַ מענשען?
וואָלט ער גע'הרג'עט.
— און וואָלסט נישט קיין מורא געהאַט פאַר'ן טאַטען?
פאַר וואָס זאָל ער מורא האָבען?
— פאַר זיין שטראָף.
דאָס ערשטע מאָל האָט זיך דעם בחור'ס פנים צושמייכעלט:
— אידר מאַכט הוזק; אַ טאַטע שטראָפט נישט!
דערווייל האָט מען געקלאַפּט אין שוהל אַריין צו מנחה, איז דער בעל-הבית געלאָפען אין בית המדרש אַריין, דערצעהלען צווישען מנחה ומעריב, ווי קלוג ער האָט אויסגעפרעגט דעם בחור...

---

עס וואָלט, פערשטעהט זיך, געווען פאַר'ן שטעדטיל אַיין עסק, ווען נישט, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַיין אַנדער מעשה.

די קהלה האָט געהאַט אַ קאַפעלע: צוויי פידעל, אַ פלייט, אַ קלאַרנעט, אַ „באַמציקצאַק" אָדער אַ „קלאַפּטעלער", ווי מען רופט דאָס אין אַנדערע מקומות. און צום רומעל, ווי דער שטייגער איז, — אַ באַס. אַיין ארימע קאַפעלע, שפּיעלט אויף יודישע פאַרשפּיעלען און התונות, מאַכט אַ פּאָר גראָשען פורים און הנוכה. און טיילמאָל, אַז אַנדערע קאַפעלעס זענען פערנומען, נעהמט מען זיי צו קלענערע פריצים אויף אַ באַל. קיין הדיפות אין שפּיעלען האָט די קאַפעלע נישט בעוויזען.

מאַכט זיך אַ מעשה: ווינטער צייט, די קאַפּעלע געהט פאַרטאָג צוריק פון אַ קליין פריצ'ישען באַל. אַ קאַפּ האָט מען גענומען, עסען ווי עס דאַרף צו זיין, האָט מען נישט געטאָרט, קוים פערביסען מיט אַ בראָקען ברויט, — געהט דער עולם צעוואָרפען, האַלב-זינגענדיג, ברומענדיג, ושילטענדיג, און דער באַס, וואָס טראָגט די שווערסטע כלי, שלעפּט זיך נאָך פון הינטען. קוים, קוים וואָס ער ציהט אויס-און-אַיין די פיס פון שניי, — אַיין אַלטער מאַן געוועזן און אַ שוואַכער. רופט ער און שרייט, און בעט זיך, מען זאָל נישט עַנטלויפען פון איהם, הערט מ'ען איהם

„ווי דעם רב״; דער עולם געדט צעוואָרפען. אין מיטען ה״יבט מען זיך אָן צו ווערטלען, צו שילטען, עס קומט זיי גאָר אוים אין מיטען וועג אַ סכסוך אין השבון. און ניכטערן, ווי געזאָגט, איז מען נישט... דערוויל בייט זיך דאָס וועטער; עס גיט אַיאָג אָן אַ פרישער שניי. מאַכט דער עולם פים; ווערט מען אַביסעל אויסגעניכטערט און מען לויפט. קומט מען אין שטאָדט אַריין, האַפּט זיך יעדערער צו זיין הייזעל. פאַלט יעדער איינער, ווי אַ הרוג, אויף זיין בעט — שלאָפען שלאָפט מען אָבער נישט לאַנג: דער באַס איז נישט אַהיים געקומען, און דאָס ווייב ויינ׳ם לויפט אַרום צו די כלי־זמר מיט אַ געוואַלד, רייסט זיי פון די בעטען אַרויס: וואו איז מיין מאַן? וואו איז מיין מאַן?

קוים די פער׳שכור׳טע פון בראנפען און פון שלאָף קומען צו זיך און פערשטעהען, וואָס מען רעדט צו זיי, האַפּט זיי אָן אַ שוידער. האַבּען און מען לויפט אַרויס זוכען דעם באַס; קיין וועג, קיין שטעג — ווייסע, גלאַטע תכריכים — פריש אָנגעפאַלענער אומשולדיגער שניי, געה, וויים וואו דער באַס ליעגט — —

קומט מען צוריק מיט גאָר נישט. איין האָפנונג איז נאָך, אפשר האָט ער, דער באַס, שכל געהאַט און אַראָבגעהאַפּט זיך אין אַ דערפעל אַריין.״

עס געדט אַוועק אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, דער פראָסט האָט שוין געלאָזט, דער שניי איז האַלב צוגאַנגען; עס איז פרייטאָג, דער עולם געהט, לכבוד שבת אין באָד אַריין, מען פרעגט זיך נאָך אויפ׳ן באַס און קיינער ווייסט קיין נייעס נישט. פלוצים קומט אָן צופאָהרען און שטעלט זיך אָב אין מיטען מאַרק אַ פויערשע פודר מיט׳ן פערפרוירענעם, מיט׳ן באַס... מען האָט געהאַפּט דעם בר מנן און געשווינד קובר געווען פאַר ליכטבענשען.... מען האָט מורא געהאַט פאַר פאַלמעסען... מען איז שיער נישט אַריינגעפאָהרען אין שבת אַריין. צו מאָרגענס לאָזט די אלמנה נישט אויסנעהמען, — 5 קליינע ווערם האָט ער איבערגעלאָזט דער באַס. מוצאי־שבת איז איין אַסיפה, מען רופט די כלי זמר. קהל האָט קיין פונדוש נישט און וויל, די כלי זמר זאָלען זיך בעגעהן אָהן אַ באַס און צאָהלען דער אלמנה; די כלי זמר טענה׳ן: לא כי: אַ קאַפּעלע אָהן אַ באַס איז קיין קאַפּעלע נישט, — אויף יודישע שמחות וואָלט מען זיך, מיט קהל׳ס הרשאה, אפשר בעגאַנגען, נאָר אַ פריץ וועט אָהן אַ באַס נישט אויסשטעלען קיין פוס צו׳ם טאַנצען... טענה׳ט דער רב, אַז מקיים צו זיין

אַ נפש מישראל איז מעהר ווערטה ווי אַ קאַפּעלע מיט אַ פּריצ'ישען טאַנץ; טענה'ן די כּלי־זמר, אַז דער רב, זאָל ער זיי מוחל זיין, איז אין מוזיק־זאַכען קיין בּר הכי נישט. ווערט אַ געשריי: שקצים! —

גיט דערווייל אונזער חוקר ודורש, דער בּעל־הבּית, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט... קלוג אויסגעפּרעגט דעם בּחור, אַ קלאַפּ אין טיש אַריין:

— שאַט, רבּותים!

ער האָט איין עצה, ער האָט אַ בּחור, וואָס גלוסט צו אַ בּאַס און קאָן אַוודאי שפּיעלען... זאָל מען דעם בּחור חתונה מאַכען מיט דער אַלמנה, וועט זיין אי דער וואָלף זאַט, אי די ציג גאַנץ, און קהל וועט אַ דרייער נישט קאָסטען...

ער האָט אפשר געמיינט אויף קאַטאָוועס, נאָר קהל און רב פון איין זייט און די כּלי־זמר פון דער צווייטער זייט האָבּען זיך אָנגעהאַפּט אָן דער עצה, ווי אַ טרינקענדיגער אָן אַ בּרעט; די אַלמנה האָט אויך בּע־ווישטאַנען, אַבֿרהמ'ל בּחור אויך, און מען האָט נאָך דעם זעלבען חודש געשטעלט אַ חופּה...

און אומגעריכט האָט אבֿרהמ'ל בּחור בּעקומען אַ ווייבּ מיט פינף קינדערלעך מיט אַמאָל, און אַ בּאַס מיט אַ סמיטשיק.

מיט'ן ווייבּ לעבּט ער בּשלום: ער קומט נישט אין שטוּבּ אַריין; בּעכטיגט פאַר דער טהיר; דרעהט זיך גאַנצע טעג ערגיץ אַרום, אויסער אַז עס מאַכט זיך אַ שמחה אין שטעדטיל אָדער אַ בּאַל בּיי אַ פּריץ און ער שפּיעלט. ווערט ער הונגעריג, קלאַפּט ער אָן צום ווייבּ אין פענסטער, דערלאַנגט זי איהם אַרויס אַ שטיק בּרויט, ווערט ער דערמיט געלם, בּיז ער ווערט ווייטער הונגעריג... שכנות פרעגען די בּאַסיכע וועגען שלום־בּית, לאַכט זי: עס איז איהר וואויל ווי די וועלט! וואָס דאַרף אַן אַלטע יודענע? ער עסט נישט און טרינקט נישט, זאָגט איהר נישט אַ שלעכט וואָרט; השבּונות מיט דער קאַפּעלע האָט זי, דעם חלק פערדיענסט גיט מען א י ה ר אין האַנד אַריין... וואָס פעהלט איהר?

און אבֿרהמ'לען, זעהט אוים, האָט אויך נישט געפעהלט. אין דער התחלה האָט ער געהאַט צרות פון די כּלי־זמר, ווייל ער פלעגט קיינמאָל נישט אַריינטרעפען אין נגון אַריין; דער בּאַס שפּיעלט פאַר זיך... זיי הערען שוין אויף צו שפּיעלען, און אבֿרהמ'ל טהוט זיך ווייטער זיינ'ס בּשלמות, גלייך ער וואָלט אונטערגעהאָלפען גאָר איין אַנדער קאַפּעלע וואָס שפּיעלט ערגיץ ווייט, ווייט, און קיינער הערט נישט, נאָר ער אַליין.

גאָר מיט דער צייט האָט מען זיך צו איהם צוגעוועהנט... ביי אַ פרייליך האָט מען שוין געוואוסט, וואָס צו טהון. אַז דער ניגון האָט זיך גערדאַרפט ענדיגען, האָט איהם איינער פון די כלי־זמרים אָנגעהאַפּט ביי'ם סמיק און צוגעהאַלטען, — און אויף יודישע חתונות האָט מען איהם אומישנע געלאָזט ווייטער שפּיעלען און דער עולם פלעגט פלאַצען פאַר געלעכטער; מען פלעגט דערמיט גאָר שטאַרק משמח זיין דעם עולם, בפרט ביי דער גרויסער וועטשערע צו'ם טיש!

און קהל איז אַ ודאי צופריעדען געוועזן פון אברהמ'לען. שטיל און ציכטיג, זיצט ער שטענדיג אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו אַ וואַנד און מיט די פלייצעס צו'ם עולם, ער זאָל קיין נקבות נישט זעהן... נעהמען אין מויל אַריין אויף אַ חתונה פלעגט ער בשום אופן נישט; ער האָט מיט זיך זיין שטיקעל ברויט. מען זעהט אפילו נישט, ווען ער עסט, און אַ גאַנץ געהענדיג יאָהר קאָן מען יוצא זיין מיט איהם פאַר אַ שוהל־קלאַפּער;

וואָרום אַ מנהג האָט ער געהאַט, דער אברה'מל, אַז דריי מאָל אין טאָג פלעגט ער זאָגען „שמע ישראל" אויפ'ן באַס. אין דער־פריה, ווען די זון האָט אויפגעשיינט, פאַר־נאַכט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, און צו חצות... אין דער־פריה און פאַר־נאַכט פלעגט ער עס טהון ביים וואַסער אויף דער לאַנקע אונטער דער שטאָדט, און צו חצות — אין מיטען מאַרק, און די קולות פון זיין באַס פלעגען זיך צושווימען אין דער שטילער מיטער־נאַכט און אַריינרייסען זיך דורך טהיר־טויער און לאָדען אין די שטובען, אין די הערצער אַריין.. און אין די קולות האָט געשטעקט אַזאַ ערנסט־כונה'דיג תמימות. אַז וועמען דער שוהל־האַמער האָט נישט געוועקט, דער האָט זיך אויפגעהאַפּט פון באַס, פון די קולות: בו, בו, בוהה, בוהה... און יודען פלעגען זיך, נישט ווילענדיג, אַרויסרייסען פון די בעטען לעבודת הבורא, אָנציגדען ליכט און לויפען צו חצות.

אַ פריץ פלעגט אַמאָל אָבלאָזען אַ פריצה אין מיטען טאַנץ און צולויפען צו אברהמ'לען און אויסרייסען איהם אַ פּאה, פאַר אַ שלעכטען אַריינפאָהרען אין נגון; קהל האָט אויף שמחות פון אברהמ'לען געלאַכט, און אַ גאַנץ געהענדיג יאָהר, אויפהאַפּענדיג זיך פון זיין באַס צו חצות, — אָבויפצען:

— נעביך, אַ תם, נאָר אין זיינע קולות שטעקט עפּיס, עס מוז עפּיס שטעקען.

אַנדערע האָבען געזאָגט:

— נעביך, אַ שטומע נשמה, וויל ריידען מיט'ן בורא און האָט קיין אַנדער לשון נישט.

---

איינמאָל האָט זיך אין טאָמאַשאָוו געמאַכט אַ גרויסע חתונה, אַזאַ חתונה טרעפט זיך אַמאָל אין אַ יובל!

אַ שפּאַס! עס האָט זיך משדך געווען דער לובלינער פּרנס מיט'ן קראַקאָווער רב, און טאָמאַשאָוו איז אין מיטען וועג!

וויל דער לובלינער פּרנס מהנה זיין דעם קראַקאָווער רב מיט אַ חתונה — ער זאָל וויסען, מיט וועמען ער האָט געטהון.

הייסט ער אַרויסקייקלען פון קעלער אַ פעסעל רענדלעך אויף הוצאות החתונה; שיקט ער אַראָב סאַרווערס קיין טאָמאַשאָוו, מען זאָל אַלץ אָנגרייטען כיד המלך — ווי עס פּאַסט פאַר אַ לובלינער גביר. אַ פּרנס, וואָס האָט זוכה געווען צו טהון מיט'ן קראַקאָווער רב!

קומען די לובלינער סאַרווערס קיין טאָמאַשאָוו און זוכען קודם כל אויס איין אָרט פאַר דער חתונה: עס וועלען זיין לובלינער, קראַקאָווער און אַהיימישער — טאָמאַשאָווער עולם! עס וועלען קומען גבירים, בעלי־בתּים, מיוחסים, לומדי תורה, רבנים און דיינים...

און דריי קאַפּעליעס וועלען שפּיעלען. די לובלינער, די קראַקאָווער און די טאָמאַשאָווער קאַפּעליע וויל אויך נישט אָבטרעטען.

שטענדיג שטעהט, כמעט שוין אונטער דער שטאָדט, אַ שאָפּע אַ גרויסע, וואו עס האָט זיך איבער'ן ווינטער געטריקענט סוחר'יש־האָלץ, וואָס איז שוין היינט ביי דער ווייקסעל, צו שווימען קיין דאַנציג, דינגען די סאַרווערס אָב אויפ'ן גבירי'ס השבון די שאָפּע — אַ תיבה אַ גאַנצע, און לאָזען זי אויסמאָלען פון אויסענווייניג מיט אַלערליי בילדער, און הענגען זי אינעווייניג אויס, ווי אַ סוכה, מיט טייערע יריעות — געשפּונענע פּאָרהאַנגען, און מען שטעלט טישען פון עק תיבה צו'ם עק תיבה, פאַר מענער בעזונדער און פאַר ווייבער בעזונדער, און די וואַנד בעהענגט מען מיט העסעס און פּאַפּיערענע לאַמטערנעס — אַ רהבות פאַר פערציג מנינים. אין איין אַריינגאַנג, בעזונדער פאַר ווייבער, בעזונדער פאַר סאַרווערס, עקסטראַ פאַר די כלי־זמר, און אַ גרויסער טויער אין דער מיט, מיט איין אויסגעמאָלטען כתר־תורה אין דער הייך פאַר'ן קראַקאָווער רב און אַנדערע געסט...

און דער טאָג פון דער חתונה איז געקומען, געסט קומען נאָך

אַלײן און קומען, מען צושטעלט זײ בײ בעלי־בתּים אין די הײזער, יעדערער האַלט זיך עס פאַר'ן גרעסטען כּבוד און טרעט אָב די שענסטע שטוב. און אַז מען זעצט זיך צו דער גרויסער וועטשערע בײ די טישען, און אַז עס צוברענגען זיך די ליכט אויף די טישען אין שבּת'ניקעס אין אויף די וואַנד אין העסעס און פּאַפּירענע לאַמטערנעס, און עס צופינקלען זיך בײ די װײבער די אױרינגלעך מיט די שטערנטיכלעך און ברוסט־טיכער — איז די שטוב פול געוואָרען מיט ליכט פון דער תּורה — קראַקאָווער און לובלינער לומדים; טאַמאַשאָווער אין דערמיט... אויבען־אָן דער קראַקאָווער רב.

געהען אַ שורה סאַרווערס מיט גרויסע טעלער פיש, הייבען אָן קלינגען זילבערנע גאָפּעל־מעסער, מישט זיך אוים מיט'ן פרעהליכען זומען פון די װײבער בײ זײער טיש, — שווימט איבער אַלעם אַ שמועס פון תּורה בײ'ם קראַקאָווער רב'ס טיש — פאַלט אָבער אין מיטען אַרײן די מוזיק מיט אַ פרעהליכעס... דרײ קאַפּעליעס, עס הילכט, עס ציטערן פאַר פרײד די פלעמליך אויפ'ן טיש, אַרום אויף די וואַנד, שפּאַרט זיך אָן דער קראַקאָווער רב אויפ'ן אָנלעהן און שעפּט נחת, אַ גרויסער מבין געווען אויף מוזיק...

און פון „פרעהליכס" געהען די קאַפּעליעס איבער אויף אַ „וואָלאַך", פּשוט איבערגעשוואומען, מען האָט דעם איבערגאַנג נישט געפיהלט — עס שווימט, עס פליסט אַ „וואָלאַך" — אַ קראַקאָווער פידעל שפּיעלט, רעדט דבורים, שליסט אויף די הערצער און גיסט זיך אַרײן... און דרײ קאַפּעליעס האַלטען שטיל און ציכטיג אונטער... און עס דאַכט זיך, אַ וואַסער פליסט, אַ װײקסעל האָט זיך אויסגעגאָסען גלענצענדיג, און וויעגט זיך שטיל, און ברומט, און ציטערט לכבוד דעם חתן מיט דער כּלה און לכבוד דעם קראַקאָווער רב מיט די טײערע געסט, און איבער'ן וואַסער פליהט אַרום, הפלא ופלא, אַ פויגעל און שפּיעלט, און שפּיעלט אַזוי דיס־הג'וודיג־וױינענדיג — אַ שטילע „יעלה" נאָך אַ „יעלה" און אין מיטען אויסגעשרײען, לוסטיגע, פרעהליכע, געהויבענע — און ווײטער אַראָב צו אַ „יעלה" — עס איז טאַקע אַ שמחה, נאָר מען טאָר אין גלות נישט פערגעסען אָן גלות השכינה — און ווײטער אַ אויסגעשרײ פון שמחה: פאָרט אַזאַ התונה, אַקבוץ פון לומדים, און דער קראַקאָווער רב בראש (אַ לובלינער חזן האָט עס אויסגעשטעלט), און די קאַפּעליע ווערט פלוצלונג ווי מיטגעריסען, אַלע כּלים שפּיעלען, הויך, הויך, אַרויף, אַרויף, גליך מען

קלעטערט מיט גרויס שמחה אַרויף פון אַ מדרגה צו אַ מדרגה, עס רוישט, עס טאַנצט, עס בליצט —

און פּלוצלונג ווערט אַלץ אָבגעריסען מיט אַמאָל, גלייך אַלע סטרונעס און אַלע כלים וואָלטען געפּלאַצט — שטיל. נאָר אין דער שטילקייט הערט זיך: בו, בו, בוהה... איין אברהמ'ל שפּיעלט ווייטער, אַלע אויגען ווענדען זיך צו זיינע פּלייצעס, — שטיל, קיינער ריהרט מיט קיין ברעם ניט, נאָר אברהמ'לס האַנד ריהרט זיך, ציהט זיך אויס, ציהט זיך איין מיט'ן סמיטשיק:

— בו, בו, בוה, בוהה...

דאָס האָבען די כלי־זמר אומישנע געטהון, משמח צו זיין דעם עולם אויף אברהמ'לס חשבון...

עס איז זיי אָבער ניט געראָטען...

---

די כלי־זמר קוקען און וואַרטען, דער עולם זאָל אַרויספּלאַצען מיט אַ געלעכטער, נאָר דער עולם קוקט אויף אברהמ'לען און פיהרט איבער די אויגען צו'ם קראָקאָווער רב; מען וועט אין זיין געגענוואַרט ניט לאַכען; די פּנים'ער רונצלען זיך, די ליפּען קרימען זיך אויס, פון די אויגען שפּאַרט אַרויס דאָס געלעכטער, נאָר מען קוקט אויפ'ן קראָקאָווער רב און מען וואַרט, און דער קראָקאָווער רב זיצט אָנגעשפּאַרט מיט'ן שטריימעל אויף דעם אָנלעהן פון שטוהל און די ברעמען זענען אַראָבגעלאָזט איבער די אויגען — צי האָט ער ניט איינגעדרעמעלט, דער קראָקאָווער רב?

און דער באַס שפּיעלט נאָך אַלץ:

— בו, בו, בוהה, בוהה...

אונהיימליך ווערט דעם עולם.

פּלוצלונג ווענדען אַלע די אויגען אָב פון קראָקאָווער רב צו דער מיטעלסטער טהיר. עס הערט זיך פון הינטער דער טהיר אַ גערויש, טריט הערען זיך, סאַרווערס לויפען צו, עפענען און רופען דערשראָקען אַרויס:

— ניין, ניין; עס וועט זיין פאַר אייך איין אָרימע וועטשערע...

פערשטעהט מען, אָרימע לייט ווילען אַריינקומען, דער קראָקאָווער רב עפענט די אויגען אויף און וויל עפּיס זאָגען, מן הסתם, מען זאָל אַריינלאָזען, ווי דען?

נאָר באותו הרגע בעווייזט זיך אין טהיר איין אַלטער מאַן אין אַ צוריסענעם ספּאָדעק, מיט צושויבערטע, גראָע באָרד און פּאות, אַ בעט־לער, ווי אַלע בעטלער, נאָר מיט אויגען, וואָס קוקען מיט דער גדולה

פון אַ מלכות, מיט אַ תנועה פון דער האַנד פון אַ מלכות — סאַרוועדם דער־שרעקען זיך און רוקען זיך אָב פאַר זיין בליק, נישט ווילענדיג, מיט גרויס דרך ארץ; ער מאַכט מיט דער האַנד — און זיי מאַכען איהם, נישט ווילענדיג, אַ וואַרע, — דער אַלטער, אָנגעטהון אין בגדי קבצן שבקבצנים און מיט אויגען און תנועות פון אַ מלך, קומט אַריין, הינטער איהם געהט אַ חברה בעטלער, און דער אַלטער קומט אין מיטען שאָפּע אַריין, און שטעלט זיך אָב, הינטער איהם שטעלט זיך אָב די גאַנצע חברה קבצנים — אַלע קוקען פערבליפט און שווייגען, דער קראַקאָווער רב אויך, נאָר אַברהמ׳ל טהוט זיך זיינס, די איבערגעבויגענע פלייצע, זעהט מען, ציטערט, די האַנד פיהרט אויף און אָב דעם סמיטשיק; און דער באַס קרעכצט האַרציג און ערנסט:

— בו, בו, בוהה, בוההה...

---

און דער אַלטער מלך אין בגדי קבצנים עפענט נאָך אַ ווײלע דאָס מויל — די געסט בויגען זיך איבערן טיש פון פאָרענט, פון אַנדערע טי־שען שפּרינגט מען פלוצלונג, נאָר אָהן אַ שום גערויש, אויף די נעגעל — מען ווערט צוגעצויגען צום אַלטענ׳ס מויל, ווי אַ מאַגנעט, אַלע אויגען בלייבען הענגען אויף זיינע ליפּען —

און דער אַלטער זאָגט איין וואָרט: חצות!

— קראַקאָווער רב, מאַכט ער ווייטער, אַברהמ׳ל שפּיעלט צו חצות... איהר גלויבט נישט, קראַקאָווער רב, וועט איהר הערען... איהר זאָלט זוכה זיין צו הערען, ווי אַברהמ׳ל שפּיעלט צו חצות, איז איך בעשערט געווען צו טהון מיט׳ן לובלינער פּרנס, טאָמאַשאָוו זאָל זיין אין מיטען וועג.... און איך צוליעב וועלען אַלע הערען, נאָר נישט אַלע אַזוי ווי איהר! איהר זענט אַ מבין אויף מוזיק...

— בו, בו, בוה, בוהה — שפּיעלט זיך אַברהמ׳ל זיינס — און דער עולם שווייגט פערגאַפט, ווי פער׳כשופ׳ט, און דער אַלטער בעטלער הייבט אויף די רעכטע האַנד און גיט אַ צייכען צו׳ם בעליק, נעהמט דער בעליק און שפּאַלט זיך, און לעגט זיך אויס, איין העלפט רעכטס, די צווייטע לינקס, ווי פליגעל פון אַ סוכה.

און עס בעווייזט זיך דער הימעל, איין אויסגעשטערנטער, אויסגע־פינקעלטער הימעל. איבער דער עפענונג פון דער שאָפּע שווימט שטיל דורך די לבנה... שטיל איז זי אַריבערגעשוואומען. און אַזוי ווי זי איז

אריבערגעשוואומען, גיט דער אַלטער בעטלער נאָך אַמאָל אַ מאַך אַרויף מיט דער האַנד, שפּאַלט זיך דער הימעל — שווימט אין דער הייך אַ רהבות פון סאַמעראָדנע ציטערדיגע ליכטיגקייט, און אין דער ליכטיגקייט, וואָס ציטערט און וויעגט זיך, הערט זיך זינגען און שפּיעלען, די פּמליא של מעלה זאָגט חצות, מלאכים־משוררים זינגען, קאַפּעליעס־מלאכים שפּיעלען, און אַלע שפּיעלען איין נגון און אַברהמ׳ל באַס פּאַסט צו צום נגון, שווימט מיט אין זמר פון דער ליכטיגקייט, וואָס וויעגט זיך און הייבט און ציטערט אין דער הייך — —

און פערציטערט בלייבט דער עולם...

---

און נאָך אַ ווינק אַרויף גיט דער אַלטער, און דער הימעל שליסט זיך, אויפגעהערט האָט די מוזיק, שטערנדליך שווימען און פינקלען, ציטערנדיג, ווי פון שטילען, טרויריגען נחת — —

און נאָך אַ ווינק טהוט דער אַלטער אוןביידע העלפטען פון דאַך איבער דער שאָפּע פאַלען צוריק צו און פערשליסען און בעהעפטען זיך — פערשטיינערט זיצט דער עולם, קוים מען עטעמט, און עס הערט זיך צוריק אברהמ׳לס באַס.

— בו, בוה, בוהה, בוההה...

און פּלוצלונג פאַלט דער סמיטשיק מיט׳ן באַס פון אברהמ׳לס האַנד ארויס, ער שטעלט זיך אוועק, דרעהט זיך איבער צום עולם און הויבט אָן: שמע ישראל! און זאָגט עס מיט דערזועלבער נגינה, מיט וועלכער ער האָט געשפּיעלט אין הימעל.... און ער האָט געענדיגט און איז גע־פאַלען חלשות —

דער אַלטער האָט איהם אין דער לופטען געהאַפּט...

— טראָגט איהם אין הקדש אריין! — האָט ער געגעבען די סאַרווערס אַ בעפעהל...

און זיי האָבען איהם גענומען און אַרויסגעטראָגען...

— קראַקאָווער רב, רופט זיך אָן דער אַלטער, אַז מען האָט שוין אברהמ׳לען אַרויסגעטראָגען — נישט אויף אַ התונה זענט איהר געקומען, נאָר אויף אַ לויה. אברהמ׳ל איז נתבקש געוואָרען צו דער פמליא של מעלה, עס האָט דאָרט אַ באַס געפעהלט...

און דער אַלטער איז נעלם געוואָרען מיט אַלע קבצנים...

וכך הוה.

אברהמ׳ל באַס איז דעם צווייטען טאָג אין בית-המדרש נפטר גע-
וואָרען און דער קראַקאָווער רב מיט אַלע געסט זענען געווען אויף זיין
לויה, און דער אַלטער, זאָגט מען, איז געווען ר׳ לייב שרה׳ס...
אַ סברא איז עס...

# דער אוצר.

# דער אוצר.

---

צו שלאָפען תמוז-צייט אין אַ שטיבעל פון ד׳ על ד׳, צוזאַמען מיט אַ חייב און אַכט קינדערלעך, איז נישט קיין גרויסער תענוג, האָטש פרייטאָג צו-נאַכטס. האַפּט זיך טאַקי שמעריל האָלץ-העקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אַיין אָבגעקאָכטער און אָהן אָטהעם, גיסט זיך געשווינד אָב די נעגעל, האַפּט אויף זיך דאָס האַלאַטעל און לויפט אַ באָרוויסער פון טרוקענעם גיהנם אַרויס. קומט ער אין גאַס אַריין — שטיל, אַלע לאָדען פערמאַכט, און איבער'ן שלאָפעדיגען שטעדטעל שטעהט אַ הויכער, שטילער, אויסגעשטערנטער הימעל. דאַכט זיך איהם, אַז אַצונד איז ער איינער אַליין מיט גאָט, ברוך הוא; מאַכט ער, אַרויפקוקענדיג צום הימעל: „נו, רבונו של עולם, אַצונד איז צייט, זאָלסט מיך אויסהערען און בענשען מיט אַיין אוצר פון דיינע אוצרות". ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, דערזעהט ער, אַז פאַר איהם לויפט עפּעס אַ פלעמעל פון שטעדטעל אַרויס. פערשטעהט ער, אַז דאָס איז עס. וויל ער נאָכלויפען, דערמאַנט ער זיך, אַז עס איז שבת, אַז לויפען טאָר מען נישט, — געהט ער נאָך. און אַזוי ווי פאַמעליך ער געהט, אַזוי פאַמעליך הייבט אויך דאָס פלעמעל אָן צו געהן, און דער מהלך צווישען איהם און דעם פלעמעל ווערט נישט לענגער, נישט קירצער. געהט ער. טיילמאָל רופט זיך איהם עפּעס אָן אין האַרץ: שמעריל, זיי קיין נאַר נישט, נעהם אַראָב דאָס האַלאַטעל, טהו אַ שפּרונג-אונטער, און וואַרף עס אַרויף אויף דעם פלעמעל! פערשטעהט ער אָבער, אַז דאָס

רעדט אין איהם דער יצר-הרע. דאָס האַלאַטעל נעהמט ער פון זיך אַראָב, גרייט צו וואַרפען איז ער, נאַר, להכעיס דעם יצר-הרע, מאַכט ער נאָך קלענערע טריט, און דערפרעהט זיך, זעהענדיג, אַז זייט ער מאַכט קלע-נערע טריט, רוקט זיך דאָס פלעמעל אויף פּאַמעליכער. געדט ער אַזוי פּאַמעליך דעם פלעמעל נאָך און געהט, קומט ער פּאַמעליך אַרויס פון שטעדטעל. דער וועג שלענגעלט און דרעהט זיך איבער פעלדער און לאָנ-קעס, און דער מהלך צווישען איהם און דעם פלעמעל ווערט אַליץ נישט לענגער, נישט קירצער, און אַז ער זאָל וואַרפען דאָס האַלאַטעל, וואָלט ער צום פלעמעל נישט דערגרייכט. דערהוייל צורודערן זיך איהם אין קאָפּ די געדאַנקען: ווען ער זאָל האַפּען דעם אוצר, וואָלט ער אויף דער על-טער קיין האָליץ-העקער נישט געווען; ער האָט שוין נישט דעם כח צו דער אַרבייט, וואָס אַמאָל. דעם וויב וואָלט ער געקויפט אַ שטאָדט אין דער ווייבערשער שוהל, זי זאָל נישט האָבען קיין פערשטערטע שבתים און ימים טובים דערפון, וואָס מען לאָזט זי אין ערגעץ נישט זיצען, ראש-השנה און יום-כפור פאַלט זי געביך גאָר פון די פיס — די קינ-דער האָבען איהר די כחות צוגענומען! און ער וואָלט איהר אַ ניי קלייד געמאַכט, אַ פּאָר שנירלעך פערל געקויפט... די קינדער וואָלט ער אין בעסערע חדרים אָבגעגעבען, פאַר דעם עלטסטען מיידעל וואָלט ער זיך שוין אומגעקוקט וועגען אַ שדוך... אַזוי, נעביך, טראָגט זי דער מוטער נאָך די קיישלעך מיט אויבס, און האָט קיינמאָל קיין צייט נישט אפילו זיך רעכט צו פערקעמען. און צעפּ האָט זי לאַנגע, לאַנגע, און אוי-גען, ווי אַ סאַרנע...

— עס וואָלט אַ מצוה געווען צו האַפּען דעם אוצר...

— ווייטער דער יצר-הרע! — פּראַכט ער — אַז עס איז נישט בע-שערט, איז נישט! אין דער וואָכען וואָלט ער שוין געוואוסט, וואָס ער האָט צו טהון... וואָלט דאָ זיין יענקיל געווען, וואָלט ער שוין נישט געשוויגען... היינטיגע קינדער — ווער ווייסט, וואָס זיי טהוען אַלע שבת... דער יונגערער איז אויך נישט בעסער. איים'ן מלמד מאַכט ער הוזק... וויל ער אַ קלאָפּ טהון, רייסט מען איהם אויס די באָרד... און ווער האָט צייט אויף זיי אַכטונג צו געבען? — אַ גאַנצען טאָג האַק און זעג...

ער זיפצט אָב און געהט אַליץ ווייטער און ווייטער, און וואַרפט פון צייט צו צייט איין אויג אין הימעל אַריין: „רבונו של עולם, ווע-מען ווילסט דו דאָ אויספּרובען? שמעריל האָליץ-העקער? ווילסט געבען,

גיבּו״ דאַכט זיך איהם, אַז דער אוצר הייבּט זיך אָן צו רוקען אַביסעל פּאַמעליכער, נאָר אין דער רגע דערהערט ער, אַ הונד בּילט, דערקענט ער דאָס בּילען: דאָס איז פון „וויסאָקע״ — דאָס ערשטע דאָרף אונטער דער שטאָדט, און ער דערזעהט שוין, ווי עס וויעגען זיך אין דער פרי־שער פאַרטאָג־לופט ווייסע פּלעקען, דאָס זענען די וויסאָקער פּויערישע הייזלעך. און בּאַלד דערמאַנט ער זיך, אַז עס מוז שוין זיין אַ תּחום־שבת, שטעלט ער זיך אָב.

— יאָ, עס איז אַ תּחום־שבת, — טראַכט ער, און זאָגט, ווי אין דער וועלט אַריין: — וועסט מיך נישט אַראָבּפּיהרען פון וועג! עס איז נישט קיין גאָט־זאַך, גאָט מאַכט נישט קיין חוזק פון מענשען — מעשה ליך איז עס! און ער ווערט אַביסעל בּייזליך אויפ׳ן בּעל־דבר, און דרעהט זיך צוריק אויס צום שטעדטעל, און געדט האַסטיג צוריק. טראַכטען טראַכט ער: אין דערהיים אויסזאָגען וועל איך נישט; ערשטענס, וועט מען מיר נישט גלויבּען... און אַז יאָ, וועט מען לאַכען פון מיר! און צו וואָס זאָל איך מיך ריהמען?... דער בּורא־עולם ווייסט — איז גענוג. און זי וואָלט זיך נאָך אפשר געבּייזערט, ווייס איך? די קינדער אַודאי — נאָ־קעט און בּאָרוועס, נעבּיך! צו וואָס זאָלען זיי עובר זיין אויף „כּבוד אָב״...

ניין, ער וועט עס פאַר׳ן מויל נישט בּרענגען... ער וועט אפילו דעם רבּונו של עולם דערינען קיינמאָל נישט דערמאַנען. האָט ער דער־מיט עפּעס גוטס געטהון, וועט ער אַליין געדענקען...

און פּלוצלונג דערפיהלט ער אין זיך עפּעס אַ מאָדנע, ליכטיגע רו־היגקייט, אין אַלע אֵבֿרים צעגיסט זיך איהם אַ שטילער נחת. „געלד איז פּאָרט נישט מעהר ווי קיי און שפּיי! עשירות קאָן נאָך אַראָבּפּיהרען פון רעכטען וועג״. און עס ווילט זיך איהם דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט איהם נישט געבּרענגט צו קיין נסיון. עס הילט זיך איהם האָטש אַ ליעד זינגען. „אָבינו מלך״ דערמאַנט ער זיך פון די יונגע יאָהרען, נאָר ער פערשעמט זיך פאַר זיך אַליין און האַקט אָב. ער וויל זיך דער־מאַנען אַ חזנ׳ישע זאַך, אַ סיני׳דיגעס, — פּלוצלונג אָבּער דערזעהט ער, אַז דאָס אייגענע פּלעמעל, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך, איז איהם צוריק אַרויסגעקומען פון פאָרענט, און עס רוקט זיך פאַר איהם גאַנץ פּאַמעליך צום שטעדטעל... און דער מהלך צווישען איהם און דעם פּלעמעל ווערט ווייטער נישט לענגער, נישט קירצער, גלייך דאָס פּלעמעל שפּאַצירט, און ער שפּאַצירט — אַזוי אַביסעל, לכּבוד שבּת.

פרעהט ער זיך שטיל און קוקט נאָך. דער הימעל ווערט בלאַסער, שטערנדלעך הייבען זיך אָן לעשען, דער מזרח רויטעלט זיך אַביסעל, עס צעגיסט זיך ווי אַ שמאָל רויטליך טייכעל אין דער לענג — און דאָס פלעמעל רוקט זיך אַלץ אין שטעדטעל אַריין, גערט אין זיין גאַס. אָט איז זיין שטוב, די טהיר פון דיין שטוב, זעהט ער, שטעהט אָפען, ער האָט זי, אַ פנים, פערגעסען צו פערמאַכען... און אָט: דאָס פלעמעל געהט אַריין, צו איהם אין שטוב אַריין געהט עס! געהט ער נאָך, זעהט ער, ווי עס לאָזט זיך, דאָס פלעמעל, אונטער'ן בעט אַרונטער. זעהט ער, אַלע אַרום שלאָפען, — געהט ער שטיל צו, בייגט זיך אַיין, זעהט ער, דאָס פלעמעל דרעהט זיך אונטער'ן בעט, ווי אַ דרעהדעל, אויפ'ן אָרט. נעהמט ער און וואַרפט אַרונטער אונטער'ן בעט דאָס האַלאַטעל און דעקט דאָס פלעמעל צו, — קיינער הערט נישט, און דאָ גנב'עט זיך שוין אין שטוב אַריין אַ גאָלדענער מאָרגען-שטראַהל, דורך דעם שפאַלט פון לאָדען.

זעצט ער זיך אויפ'ן בעט און טהוט אַ נדר, אַז איבער שבת וועט ער קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגען, קיין האַלב וואָרט נישט — עס וועט קומען, הלילה, צו הלול שבת... די וועט זיך נישט אַיינהאַלטען, זיי, די בנים, אַודאי נישט, זיי וועלען בצ׳׳ד וועלען איבערצעהלען, באַלה היסען וויפיעל! און באַלד וועט דער סוד פון שטוב אַרויס, און אין שוהל, אין בית-המדרש און אין אַלע גאַסען וועט ווערען אַ גערייד'ריי וועגען זיין עשירות... וועגען מזל... און קיינער וועט נישט דאַוונען, נישט וואַשען זיך, נישט בענשען, ווי עס דאַרף צו זיין — און ער וועט נאָך פערזינדיגען זיין הויזגעזינד און אַ האַלבע שטאָדט. ניין — קיין פיפּיץ נישט... און ער ציהט זיך אויס אויף דעם בעט און מאַכט זיך שלאָפען...

און אין דעם זכות, אַז ער האָט נאָך הבדלה זיך אַראָפגעבויגען אונטער'ן בעט און אויפגעהויבען דאָס האַלאַטעל, איז אונטען טאַקי געלעגען אַ זאַק מיט אלף אַלפי אלפים דינרין, כמעט אָהן אַ שיעור — אַ גרויס בעט געווען! — און איז טאַקי געוואָרען אַ גביר שבגבירים.

און ער האָט שוין אָבגעלעבט אין נחת די יאָהרען.

נאָר דאָס וויב פלעגט איהם אַלע מאָל אין נחת פאָרוואַרפען: רבונה של עולם, ווי האָט עס אַ מענש אַ האַרץ ווי אַ שטיין, אַ גאַנצען זומער-טאָג אַ וואָרט נישט צו זאָגען, פאַר'ן אייגענעם וויב קיין איינציג וואָרט...

פאָלקסטימליכע געשיכטען.

און איך האָב — דערמאָנט זי זיך — דעמאָלט בײ „גאָט פון אברהם" זיך אזוי אָנגעװײנט, אזוי אָנגעװײנט... עס איז קײן דרײער אין שטוב נישט געװען...

און ער טרײסט זי מיט א שמײכעל:

— װער װײסט, אפשר האָט זיך עס טאַקי אין זכות פון דײן „גאָט פון אברהם" אזוי גוט אויסגעפירט.

# נחת פון קינדער.

# נחת פון קינדער.

וועגען נחת פון קינדער רעדט איהר?

אַמאָל איז געווען; נישט קיין היינטיגע סחורה!

מיין באָבע, למשל, פלעגט חמשה־עשר פאַקען עטליכע פערציג פעקליך באָקסער און ראָזינקעס מיט מאַנדלען פאַר אייניקלעך און אור־אייניקלעך; אַ בשמים־קרעמיל האָט זי געהאַט, די באָבע. און געגאַנגען — אָהן אַ שטעקען, געקוקט — אָהן אַ בריל. נאָר די האַנד האָט איהר אַביסעל געציטערט, האָב איך איהר געפיהרט די רשימה פון די אייניקלעך; מיין כתב־יד איז איהר געפעלען — איך פלעג איהר אויסמאָהלען גע'כתובי'ט די ראשי־תיבות; דערפאַר האָב איך צוויי פעקלעך בעקומען. איך פלעג איהר לייענען די רשימה און זי, עליה השלום, פלעגט נאָכצעהלען אויף די פינגער. ביז עטליכע און דרייסיג האָט איהר דאָס קול געציטערט פאַר פחד, צי וועט איהר נישט חס ושלום פערפעהלען, פון פערציג אָן האָט זי ממש נאָכגעזונגען... קומט צוויי און דריי און פערציג, טאַנצען איהר שוין די שפּיזלעך פון זאָק צווישען די פינגער.

נאָר דאָס איז שוין דעמאָלט אויך געווען אַיין אויסטערלישע זאַך: אַ ברכה — האָט מען געוואוסט — פון ערשטען אַפּטער צדיק זכרונו לברכה. אָבער אייניקליך? — וועלכער יוד האָט עס נישט געהאַט און נישט גע־טאַנצט אויף חתונות פון אייניקלעך? אַז עס האָט זיך געהערט, רחמנא ליצלן, ביי אַלויה, אַז דער בר מנן האָט אפילו נישט די זכיה געהאַט צו פיהרען האָטש איין אייניקעל צו דער חופה, פלעגט טאַקי אָנהאַפּען אַ גרויל; האָר און נעגעל האָבען זיך געשטעלט קאַפּויר און אַ יללה האָט

דיך צוגאָסען ווי צו „ונתנה תוקף“.

אַנדערע צייטען! געבענשטע!

עס איז דאָך נאַריש צו זאָגען: קיין דאגות האָבען נישט געפעהלט. הכלל? האָט מען געדאגה׳ט!... אָהן דאגות וואָלט אַ בר־נש גאָר פערגעסען, אַז עס איז פאַראַן אַ בורא עולם אויף דער וועלט! און גלאַט, פרוב, עס אַ גאַנצען טאָג ריין שמאַלץ! אָבער דערפאַר זענען געווען שמחות: דעם שניידט זיך צו מזל דאָס ערשטע ציינדיל, די האָט די ערשטע הכמה געזאָגט, צי דער מוטער דעם ציפיק אָבגעריסען, יענע זאָגט שוין „תורה־צוה־לנו“ ווי אַ וואַסער, און דער הויבט אָן חומש, יענער קנאַקט אַ דרשה צו בר־מצוה... און חתונות, שלום־זכר׳ס, ברית׳ן, פדיון־הבנ׳ס, חאָס אידר ווילט; אַ גאַנץ געהענדיג יאָהר „לעקעך און בראַנפען“... איין איינינקעל געדט אַוועק און פיער קומען אָן; דריי נייע חתונות פאַר איין גט; אַז עס קומט יום־טוב און מען הויבט אָן צו רימפלען, פאַלט מען טאַקע פון די פיס!

און אַז מען קומט צו צו׳ם ברעג, און מען ווערט גערופען אויף יענער וועלט, האָט מען איין אייגענע לויה... קינדער און אייניקלעך פון עק צו עק גאַס! אויסער, אַז עמיץ האָט מורא פאַר די „רוחות לבטלה“, און חיל זרע של קימא זאָל נישט געהן, אַבי יענע זאָלען קיין שליטה נישט האָבען צו געהן נאָך דער מטה, איז עפּיס אַנדערש!

און היינט? היינט, אַז אַ יוד מאַכט חתונה, מאַכט ער חתונה בסוד סודות — עס איז אַ בושה געוואָרען! אַלט־מאָדיש!.. אַ קינד ווערט געבוירען — על אפו ועל חמתו דעם טאַטען, נאָך אַ מויל צו׳ם עסען! דער מאַמען — אַ ודאי, די וועט שוין נישט קאָנען אָבלייקענען, אַז זי איז שוין קיין בתולה נישט... און אַ לויה איז: אַ פאָר פערד מיט אַ שמייסער — אויב מען האָט שוין קינדער, זענען זיי צושפּרייט און צוזייט...

נחת פון קינדער — האַ, האַ, האַ!

ווען איך זאָל האָבען נחת פון קינדער, וואָלט איך קיין וואַרשא נישט געקומען, קיין שוהלעכיל נישט געהאַלטען — איין אַ פּ ט ע ר בין איך! עס איז אָבער נישט בעשערט געווען.

---

זיעבען קינדער האָב איך געהאַט: דריי יונגלעך און פיער מיידלעך. זענען מיר, נישט פאַר אַיך געדאַכט, צוויי יונגלעך און איין מיידעל אַוועקגענומען... ביידע וואוילע יונגליך געווען — עליהם! איין מאָל איז אי־

נער אהיים געקומען פון חדר מיט קאָפּ־ווייטאָג און איז אַבגעלעגען אכט טאָג אין היץ און איז שוין צו זיך נישט געקומען; דאָס צווייטע מאָל, אפשר דריי חדשים שפּעטער — דער צ ו ו י י ט ע ר. דאַכט זיך, געהיט ווי אַ אויג אין קאָפּ, נישט אַרויסגעלאָזט אָהן אַ שאַלעכיל אויפ'ן האַלז, נישט אַרומגעלאָפען, נישט שפּאַצירט, זומער נישט געבאָדען, ווינטער נישט געגליטשט — גאָר נישט. געה, וויים ז י י נ ע דרכים. דאָס מיידעל האָט לא עליכם, געקריגען פּאָקען... געבליבען זענען פיער נפשות, דריי מיידלעך און אַ בן־יחיד, און נאָר איינע, די עלטסטע, האָב איך צו דער חופה געפיהרט.

צוויי טעכטער וואַקסען מיר אויף דער וועלט אין די גראָדע צעס אַריין, און דער בן, דער בן־יחיד מייגער, בנימין הייסט ער, נאָך מיין זיידען דעם צדיק, עליו השלום, איז מיר געלם געוואָרען... צוויי יאָהר האָב איך אפילו זיין אַדרעס נישט געהאַט.

און ווייסט איהר, ווען ער איז אַוועק? ביי דער מוטער'ס לויה... ביי'ם פרישען קבר, קוים קדיש אָבגעזאָגט — ער איז נישטאָ! קיין רגע שבעה נישט געזעסען; גלייך פון בית החיים אין דער וועלט אַריין! וואָלט עס אין אַמאָליגע צייטען אַ קינד איינגעפאַלען? און ווי אַלט איז ער דעמאָלט געווען — אַ יאָהר זיעבצעהן! ערשט יענע וואָך האָט מען מיר דאָס קישען פערקויפט על השבון פון די דריי הונדערט רובל קנס...

און וואָס מיינט איהר, האָב איך דעמאָלט גערעכענט? איך דיך ביי'ם אַי מיט'ן בייגעל און קלער: ער האָט זיך אַ מעשה געטהון! וואָרום געוואוסט האָב איך, אַז נפשו קשורה בנפשה! א י ך בין געווען ביי זיי דער גזלן, דער רוצח, זי — די גוטע, די האַרציגע מאַמע. און פאַר וואָס? וויל איך האָב געוואָלט, עס זאָל זיין אי צו גאָט אי צו לייט. און זי עליה השלום, אַ נקבה, האָט זיי אַלץ נאָכגעגעבען. מיט בייזען, פלעגט זי זאָגען, טאָר מען נישט! נישט די צייטען! בנימין אַנטלויפט פון חדר — „זאָל ער נ י ש ט לערנען, קיין רב וועט ער סיי־ווי־סיי נישט זיין". פאַר וואָס נישט זיין? שווייגט זי. בנימין געהט אַרום פּוסטע־פּאַס אונטער דער שטאָדט, ליעגט אָב גאַנצע טעג ביי'ם טייכעל, אין וועלדעל, דריי ווייאָרסט מיט אַ שמיץ אונטער דער שטאָדט, — זי בעשטעהט. בעט איך מיך האָטש: יונגאַץ איינער, ליגסט ביי'ם טייך, נעהם האָטש אַ ווענדקע און האַפּ אַמאָל אַ פישעל לכבוד שבת; בלאָנקיסט דיך אַרום אין וואַלד, קלויב אָן אַ ביסעל שוואָמען צי יאַגדעס, אפילו שלאָפּ־עפּעלעך — נישט קיין גומע צייטען,

אַליין קיין סוחר בין איך ניט, מעקלעריי ביי תבואה פֿאַלט, — קום צו הילף. הערט מען מיך, מיינט איהר? ער האָט ליעב צו קוקען אויפ'ן וואַסער און אויף די בוימער, אָבער די האַנד אין קאַלט וואַסער צו טהון — דאָס נישט! און זי שווייגט! און קומט ער אַהיים, בעשמירט די טישען מיט קרייד, די וואַנד — מיט קויהלען און מאָלט קיסר־מענשען אָדער, וואָס עס קומט איהם אין קאָפּ אַריין, איז אויך רעכט! וויל איך עפּיס זאָגען — לאָזט זי נישט. און וואָס זאָל איך טהון? אַזוי ווי איך עפען דאָס מויל, ווערט אַ געקוקעריי אויף איהר, בעט מען זיך ביי איהר מיט די אויגען: ראַטעווע פון גזלנ'ס הענד! און זי דאַרף נישט מעהר. באַלד קומט איהר וואַסער אין די אויגען אַריין, דאָס פּנים ווערט איהר בלאַס און ווייס ווי אַ קרייד, און די הענד הויבען איהר באַלד אָן צו ציטערן, אַ שוואַכע געווען, און טהו עפּיס! איך האָב אפילו נישט געקאָנט ביי איהם פועל'ן, ער זאָל זיך אויסלערנען שרייבען ווי אַ מענש. פון גע'כתיב'עט רעד איך שוין נישט; נאָר יונגאַץ, האָסט אַ געבענשטע האַנד, מאָהל מיר נאָך אַ למ"ד, אַ פער־דרעהטע פ"א — ד אָס נישט! דאָס קומט דאָך צו גוץ! נאָר קיסר־מענשען, בלעטער, צווייגען און שדים ווייסען וואָס... און ווי אַ יונג האָט קיין פחד נישט: איינמאָל האָט ער אויפגעמאָהלט אַ וואַסער־מענש! „האָסט געזעהן — פרעג איך — אַ וואַסער־מענש?“ — אַ ודאי! זאָגט ער און לאַכט.

מיינט איהר אפשר, אַז זי האָט באמת מיט זיי געהאַלטען, אַז זי האָט טאַקע געוואָלט, אַז בנימין זאָל ווערען אַ פאַרטרעטען מאַכער, אָדער שרה־לאה זאָל זיך שטעלען פאַר אַ דיענסט, צי בילא־גיטל זאָל ווערען אַ נייטאָרין? אסור־הזיר! איהרע זיפצען האָב איך געהערט. גאַנצע נעכט פלעגט זי איבערקרעכצען; פערשטופּען דאָס פּנים אין קישען אַריין, דאָס געוויין צו פערשטיקען... און וואָס זי פלעגט אויס'הלש'ן און אויס־ווײנען ימים נוראים? גאַנצע שטיקער תחינות און מחזור פלעג איך איהר מוזען גע'כתיב'ט איבערשרייבען; אויסגעווייקט האָט זי עס, שטיקער זענען געפלויגען, און קיין נייעם סדור האָט זי נישט געוואָלט... בעסער אַ מויד אַ בענדיל צו קויפען... אַליץ אין זיי אַריין!

און וואָס איז געווען דער עיקר געוויין? זיי האָבען געזאָגט, אַז אויף מיר ווײנט זי! באשר בכן, איך האָב איהר אַמאָל, ווי ביי שלעכטע צייטען און שלעכטע קינדער דער שטייגער איז, אַ דאַרב וואָרט געזאָגט. דעם אמת אָבער ווייס איך, איהר איינציג געבעט איז געווען, גאָט זאָל זיך מרחם זיין און זאָל די קינדער'ס האַרץ איבערקעהרען צו גוטען...

פערשטעהט זיך, אַביסעל וועגען פרנסה אויך; עס האָט געפעהלט. עס

---

יאָ, ביי וואָס האַלט איך? ער איז אַנטלאָפען...

האָב איך געמיינט, דער יונג האָט זיך אַ מעשה אָנגעטהון, אָדער אַזוי פּאַר מרה־שחורה ערגיץ פערקראָכען און פערבלאָנדזשעט... קומען אָבער אַריין חברים און דערצעהלען, אַז ער איז אַוועק! און חברים האָט ער געהאַט! אַ בעקער־יונג, אַ טויבען־האַפּער און גאָר אַ גוי'שען שייגעץ. און פון אַזוינע מיילער ווער איך געוואָהר, אַז מיין בנימין איז אַוועק! איבער דער גרעניץ איז ער! פּאָרטרעטען מאַכען וויל ער זיך לערנען. אַ שעֶנע פרנסה? מען זאָגט האָטש שטיבער מאָלען!

און פאַר וואָס, מיינט איהר, האָט ער מיר צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד נישט געשריבען, וואו ער איז? ערשטענס האָט ער טאַקע געליטען צרות צרורות: וואו געטאָגט נישט גענעכטיגט, און הונגער, און דאָרשט, און האָט אי זיך געשעמט, אי אויף קיין מאַרקע נישט געהאַט, און צווייטענס— זאָל דער טאַטע נישט וויסען און קיין מוסר נישט שרייבען. וואָרום „פּן ישמע”... טאָמער שרייבט ער, און עס געדט אין האַרץ אַריין! דער יצר הרע ווייסט זיך שוין ווי צו בעוואָרענען...

נאָר די מיידלעך, מיינט איהר, זענען בעסער?

די עלטערע, שרה־לאה, וויל כלומר'שט נישט ליגען מיר אויפ'ן קאָפּ. „עס פעהלט אַייך אַליין” זאָגט זי. מיין פלונית'טע, עליה השלום, בעשטעהט. דעם סוד ווייס איך: מען האָט איהר אַיין אלמן מיט קינדער גערעדט, האָט איהר די ערד געברענט אונטער די פיס. דאָס זאָגט זי נאָר, אַז זי וויל זיך אַליין פערדיענען... אַ קאָמעדיע! קוים וואָס איך האָב גע'פועל'ט, זי זאָל מיר האָטש נישט פערשוואַרצען דאָס פנים אין אַפּט... איז זי אַוועק קיין צוויזמער. אַבי נישט קיין אַלמן! דעם אמת זאָגענדיג, מיר אַליין איז אויך אַ שאָד געווען, אַ מיידעל ווי אַ גאָלד, געבליהט ממש ווי אַ רויז. די מוטער אין די גוטע צייטען אויס'ן אויג... און געה ווער מיט אַמאָל אַ מאַמע פון פינף קינדער, און קיין שמאַלץ־גרוב איז עס אויך נישט געווען. אַ קליין־תבואה־סוחר'ל, קוים ער האָט זיך געשפּייזט, נאָר אַלץ בעסער ווי אין גראָהען צאָפּ אַריין צו דיענען! און עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען, ווער עס איז גערעכט געווען!

די קומט פון צוויזמער קיין אַפּט אויף דער מאַמע'ס לויה. ביילע־גיטל איז אויך געקומען. פון עק וועלט וואָלטען זיי געקומען! די עלטערע—

נישט: גראָד אין קינפּעט געלעגען. זיצט שבעה, און דערווייל באַנקראָ־טירט דאָרט זיין צוויזמער אידר בעל הבית, מאַכט פּליטה, פאָהרט אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָהר; דאָס ווייב מיט די קינדער שיקט ער נאָך פריהער אַוועק צום שווער... עס בלייבט קיין לעבעדיג נפש... און די בעלי־חובות טרעטען צו צו דער שטוב, פערשרייבען און ליציטירען אַלע זאַכען, און מיין טאָכטער׳ס קעסטיל מיט׳ן גאַנצען האָב אין דער מיט! אָהן אַהעמד אויפ׳ן לייב! און זי האָט זיך, נעבּיך, געהאַט אָנגעקליבען אַגאַנצען אויסשטייער — און מיט אַמאָל — גאָר נישט! שריי איך צו איהר: נאַ, זעה! עס איז קיין דרך נישט, גאָט וויל ניט אַזוי... און פּונקט האָט זיך ווייטער געמאַכט אַשדוך מיט אַגרויש, אויך מיט קינדער און דווקא נישט קיין אָרימאַן, — הערט זי מיך? הויבט זי זיך אויף און אַנט־לויפט, ווי זי שטעהט און געהט, קיין לובלין... און דיענט דאָרט ביז׳ן היינטיגען טאָג... זי רעכענט נאָך צו קומען קיין וואַרשוי. איך בין איהר מוחל!

אַפאָטאָגראַפיע האָט זי מיר געשיקט — שוין גאָר נישט דאָס קינד! גאָר נישט דאָס... גאָט ווייסט, וואָס מיט איהר טהוט זיך... משונה׳ע אויגען עפּעס... איך האָב מורא צו זאָגען: ממש פערשאַרטע, היינטיגע ציטען... אַחתן, הער איך, האָט זי...

— ווען וועסטו התונה האָבען? פרעג איך אין יעדען בריעף.

אויף אַלעס ענטפערט זי; אויף דעם — נישט!

---

נאָר דאָס אַלץ איז גאָר נישט געגען דעם, וואָס די יונגערע האָט מיר געטהון! דאָס קאָן קיין פאָלק זעלנער נישט טהון...

אַמיידעל איז אַגייטאָרין, זיי אַגייטאָרין! ווילסט אויך נישט התונה האָבען, איז נישט! טהו נאָך דער עלטערער שוועסטער! אַז עס איז אַשטראָף פון זיין ליעבען נאָמען! ווילסט דו, זוך דיר אַליין אַחתן... די מאַמע, עליה השלום, לעבט נישט, בין איך דער גוטער, בעשטעה איך! זאָגט זי אָבער, אַז מען צאָהלט איהר אין אַפּט ווענינ, האָפּט זי זיך אַריבער קיין אָסטראָווצע. איז דאָרט, אַפּנים, אויך נישט בעסער, איז זי מיר מודיע (זי איז האָטש מודיע!), אַז זי פאָהרט אַריבער קיין ראַדאָם... און פאָהרען פאָהרט זי אַליין! לית דין ולית דין — פאַר קיינעם קיין מורא נישט! אין ראַדאָם ראָטה מען איהר, זי זאָל בעסער אַריבער קיין וואַרשוי. וואָס איז ביי איהר וואַרשוי? פאָהרט זי קיין וואַרשוי און שרייבט מיר

פון דאָרט נחת! פערדיענט שוין אַזוי פיעל און אַזוי פיעל, מעהר פאַר שרה־לאה׳ן... אויב איך דאַרף וועט זי מיר שיקען... מן הסתם דאַרף איך נישט. דאָס הייסט, געדאַרפט וואָלט איך, איך האָב שוין געהאַט די שטוב פערקויפט, נאָר — כ׳והל! דערנאָך ווערט שטיל. עס געהט אַוועק אַ חודש, צוויי און דריי חדשים — קיין תמונת אות; ווי אין אַ וואַסער אַריין. פערקויף איך דאָס לעצטע העמד און האַפּ מיך אַראָב קיין וואַרשוי — זי זיצט! דאָס סמאַרקאַטע מיידעל ווערט אַ מורד במלכות! אַז מען צאָהלט איהר נישט, וויפיעל זי וויל, וויל זי די וועלט איבערקעהרען, לויפט זי אַרום מיט אַ רויטער פאָהן... בעט איך מיך, מען זאָל זי אָבשמייסען און אַיין עק; זאָגט מען מיר (און קוים איך האָב פערשטאַנען, וואָס מען זאָגט!), אַז שמייסען טאָר מען נישט. בעט איך מיך: גיט זי מיר אין די הענד אַריין, אַ טאַטע מעג! הערט מען מיך ווי דעם רב, און מען פער־שיקט זי אין טיעף רוסלאַנד... אויף גאַנצע פינף יאָהר!

דערווייל האָב איך שוין נישט מיט וואָס צוריק אַהיים צופאָהרען, שלאָגט מען מיר אָן אַ שוהלעכיל צו דינגען, דינג איך אַ שוהלעכיל, גיב די לעצטע פאָר רובל האַנד־געלד; עס געהט צו ימים נוראים, וועט זיין פרנסה... מאַכט זיך אַ מעשה, נעכטיגט עמיץ אין שוהלעכיל אָהן אַ פּאַס. פון וואַנען זאָל איך וויסען, אַז אין אַ שוהלעכיל טאָר מען בכלל נישט נעכטיגען און אָהן אַ פּאַס איז סכנת־נפשות? האָב איך דאָך אָבער זכות־אבות פון טעכטעריל — פערמאַכט מען מיר דאָס שוהלעכיל... בעט איך זיך, הייסט מען מיר שרייבען פּראָשעניעס, נו, שרייב איך פּראָשעניעס... הענגט עס אַזוי... דערווייל רוקט אָן די צייט, מאָהנט מען ביי מיר 300 ר׳ פאַר בנימינ׳ען. און ער שרייבט, אַז פּאָרטרעטען מאַכען קאָן ער שוין, ברוך השם, נאָר פערדיענען פערדיענט ער נאָך נישט. דערווייל פאָהרט ער אַריבער אויף אַ בעסער אָרט און וועט מיר שרייבען פון דאָרט!

---

זעהט איהר, פון דער ערשטער טאָכטער וואָלט איך יאָ נחת געהאַט. אַ צדקת, שוין 5 קינדערליך, ברוך השם... נאָר אַז עס געהט, געהט! מאַכט זיך אַ מעשה, אַ סבה, רחמנא ליצלן! געטהון האָב איך מיט אַ סוחר פון בראַטקאָוו, מיט אַיין אָנגעשטאָפּטען עושר. נו, געהט נאָך אַ פאָר יאָהר דער יונגערמאַן אַראָב פון קעסט און הויבט אַליין אָן צו האַנדלען מיט האָלץ. איך בין אפילו געווען ברוגז דערויף, — זיץ און לערן נאָך אַ פאָר יאָהר! מילא, איך בין שוין געוועהנט, אַז מיך הערט מען

נישט. מאַכט זיך אָבער צווישען טאַטען מיט'ן זוהן מהלוקת.
דער טאַטע הייסט קויפען, נעהמט ער און פערקויפט, און פערקעהרט.
היינטיגע צייטען: די אייער זענען שטענדיג קליגער פאַר די היהנער...
איז ער דאָך אָבער מיין איידעם, און בטבע אַ כשר'ער יונגערמאַן, האָט
ער מורא, ער זאָל נישט עובר זיין אויף כבוד־אב, ציהט ער זיך אויס
קיין ראַהאָוו. דאַכט זיך, גלייך? ביי דער ווייקסעל! פאַלט ער אַריין
נישט, הלילה, מיט'ן מסחר. גאָר פערקעהרט, דאָס געשעפט געהט קיין
מעשה נישט. נאָר גאָר אַ זייטיגע זאַך! מאַכט זיך אין ראַהאָוו אַ שרפה.
יאָגט די פּאָליציי, מען זאָל ראַטעווען. שטעהט אַ טויבער יוד און הערט
נישט, וואָס מען וויל פון איהם. קומט אָן אַ נייער סטראַזשניק, ווייסט
ער נישט, אַז דער יוד איז טויב און הערט נישט, מיינט ער — אַ מורד
במלכות, דערלאַנגט ער איהם אין קאַרג. איז דאָך מיין איידעם אַ ברען
פון אַ יונג, קאָן ער קיין עולות נישט ליידען, נעהמט ער זיך אָן. צום
שלים־מזל קאָן ער אַביסעל רוסיש — רעדט ער אַנטקעגען. אַ וואָרט צו
אַ וואָרט — ער לייזט אַ קלאַפּ! מילא, אַז מען קריגט אַ קלאַפּ, איז נאָך
קיין אומגליק נישט. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער בעל־הבית פון הויז
איז געווען פריש אַסעקורירט, שיקט די אַסעקוראַציע אַראָב איהרען אַ
מענש; איז ער הוקר ודורש, צי עס איז נישט געווען אונטערגעלעגט.
טענה'ט דער בעל־הבית, אַז ער איז דעם טאָג גאָר אין דער־היים נישט
געווען, ער איז גאָר געווען אויף אַ יריד ערגיץ אין דער סביבה.
זאָגט דער הוקר ודורש: אפכא מסתברא! ווי קומט אַ בעל־הבית, וואָס
פיהרט קיין מסחר נישט, אויף אַ יריד? האָסט דו געהייסען אונטערלעגען!
זוכט מען די שותפים צו דער עברה, פאַלט דער השד אויפ'ן טויבען
יוד מיט מיין איידעם; באשר בכן, זיי האָבען נישט געלאָזט ראַטעווען...
זעצט מען זיי דערווייל אַיין! ווערט אַ געוואַלד, איז מען מודיע דעם מהותן.
קומט ער צולויפען און וויל שיטען מיט געלד, מאַכט מען, ערשטענס,
אַ פּראָטאָקאָל אויף הורש... צווייטענס, איז עס אַ סימן, אַז דער השד
איז אַ השד! וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? ער איז אָבגעזעסען זעקס
הדשים און איז בדיל הדל געוואָרען! דאָס האָלץ אויף דער ווייקסעל
האָט זיך צושלאָגען, די הובות זענען געוואַקסען... ער האָט נאָך דעם
פּאָטער מיטגעשלעפּט...

די טאָכטער פרעגט מיך אָן, צי קאָן איך נישט צו הילף קומען
מיט אַ פּאָר גילדען!

באַ, מען זאָל מיר עפֿענען דאָס שוהלעכיל, אפשר יאָ!

איהר האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז עס דרעהט זיך צווישען אַייך אַרום אַ יוד מיט אַזוינע שטיינער אין בויך?

נאָך וואָס האָב איך אַייך געזאָלט דערצעהלען? איין מענש דעם אַנדערן העלפֿט נישט. העלפֿען קאָן נאָר השם יתברך... נאָר היינט איז מיר שוין דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען, האָט עס זיך אויסגעגאָסען....

אַ פּאָר מייל פֿון אַפּט, — דער קאָפּ איז מיר אַזוי פֿערדרעהט, אַז איך האָב פֿערגעסען, ווי דאָס דאָרף הייסט — זיצט איין אַרענדאַר, אָבער ער זיצט — אויף אַלע יודען געזאָגט: אפילו אַ שפּל, קיים עברי, און, ווייס איך, אַ משפּחה! נאָר אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים, ווערט ער פֿון גאָר נישט אַ פּאַקטאָר ביים יונגען פּריץ... אַז דעם פּריץ האָט זיך פֿערגלוסט אויסלענדיש עולם־הזה, פֿאָהרט ער זיך אַוועק, און לאָזט איהם איבער דאָס מיליכיגס — עטליכע און זעכציג קיה, שאַרט ער! דער פּריץ דאַרף וואָס אַמאָל מעהר געלד — ווערט פֿון יוסלען — יוסף הייסט ער — איין אַרענדאַר; צוויי דערפֿער! אַז גאָט וויל! האָט ער אַ טאָכטער, דער יוסף, אַ מיידעל אפילו נישט זעהר קיין שענס, — געגען מיינע — כקוף בפני אדם... נאָר געטוישט וואָלט איך מיך. אַ שטילס, אַ פֿרומס, איין אמת־בעל־בתי׳ש קינד. איך ווייס נישט, ווי עס קומט גאָר אין דאָרף אַריין צו אַזאַ עס האַרץ! אַ ווייב האָט ער — עט, איך וויל נישט בערײדען, נאָר אין אַ יודיש הויז אַ ריין קאָן מען די נישט לאָזען. אַז זי קומט אויף ימים נוראים קיין אַפּט, האָבען די ווייבער אין שוהל דאָס גיהנום — אַיין אויפגעקומען (אַמאָל אַ שפּחה געווען) שטיק מרשעת! נאָר ווייטער דאָס אייגענע — אַז גאָט וויל, געראָטען קינדער אויך. איהר האָט געזאָלט זעהען איהר דאַוונען אַלע אין דער פֿריה; איהר הכנסת־אורחים, אַז עמיץ קומט אין דאָרף אַריין; איהר דרך ארץ פֿאַר אַ יוד אַ למדן... וואָס זאָל איך אַייך זאָגען? אַ ברכה פֿון גאָט. קומט ער אַמאָל, דער יוסל, דאַכט זיך ראש השנה צי סכות, צו מיר צו אויף דער מזרח־וואַנד אַרויף, און מאַכט צו מיר: ר׳ חיים, איך גיב אלף קאַרבען! — בנימין, הייסט עס, איז איהם אין די אויגען אַריינגעפֿאַלען... מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, וואָס אין איהם שטעקט. און אַ שען יונגעל איז ער געווען און מיט אַ רחמנות־פּנימ׳ל... מילא, וואָס זאָל איך אַייך זאָגען, ווערט מיר היים אין אַלע איברים. יאָ, טאַקע ראש השנה איז עס געוואָרען. פֿאַר׳ן למנצח, מען האָט געוואַרט אויפ׳ן בעל־תקיעה... זאָג איך איהם: „נישט

אצינד איז די ציים״! איך וויל דאך נישט צופאלען, ווי צו א הייסע בולקע, „נאך יום־טוב — זאג איך — שיק א שדכן!״ איך זאג איהם „דו״, איך קען דאך איהם, זינט ער איז נאך ווייס־איך־וואס געווען — ביי'ם בעקער גענעכטיגט, געוואלט זיך פאר א בעהעלפער שטעלען, און האט זיך קיין עברי נישט געקאנט אויסלערנען.... שיקט ער נאך יום־טוב א שדכן, מיין בנימין, פערשטעהט זיך, שטעלט זיך קאפויר; זי, עליה השלום, איז שוין גאר שוואך געווען, האלט זי מיט בנימינ'ען. אהער, אהין, איך ווער דערווייל געוואהר, אז דער אייגענער שדכן האט איבערגעדרעהט דאס עסק אויף א שדוך פון ווארשוי, מיט א פלייש־העגדלער, אפשר קענט איהר איהם, רעגענבויגען הייסט ער. נו, פערפאלען, נישט קיין זווג א פנים. ווער איך יענע וואך געוואהר, אז דער אייגענער רעגענבויגען שטעלט צו פלייש אין תפיסה אריין און איז א קרוב למלכות — אויסגעקאכט מיט אלע קנעפ. דארף איך דאך וועגען דער שוהל א פראטעקציע, פרעג איך מיך נאך — עס האט מיך געקאסט גענוג געזונד און טירחא, — וואו דאס פאר־פאלק וואהנט, און לאז מיך אהין. זי קען דאך מיך, וועט זי בעטען דעם מאן; ער — דעם פאטער, אפשר וועט עס פועל־יוצא זיין. זאל האטש זיין איין עק; אדער עפענען, אדער אבזאגען! לאמיך נישט הענגען אין די לופטען. וועט מען מיר אבזאגען — לאז איך מיך צו פוס קיין אפט. דארט, ווי עס איז, וועט מען מיך נישט לאזען אויסגעהן אין דחקות. ווארשוי איז דאך א תהום! קום איך אהין — לאזט זיך וועגען פראטעקציע אויס א בוידעם, עס איז גאר נישט דאס פאך. מיין עסק איז אין ראטהויז, און ער שטעלט צו צו'ם פאוויאק... עס איז גאר נישט דאס, א שפאס — ווארשוי!

דערווייל האט מען מיך פערבעטען אויף שבת. ער אפילו נישט. א ווארשעווער פראנט, און איך — איהר זעהט דאך! קוקט ער אויף מיר ווי א האהן אין בני אדם — ער וואהנט דאך אויף דער מארשאלקאווסקי גאס! נאר זי, זי ווייסט דאך, ווער איך בין! הלשט זי, איך זאל קומען. זאלט איהר זעהען א בעל־בתישקייט! דריי שטובען מיט א קיך, געבעט מעבעל, און דער פאטער איהרער שיקט פון דארף פון אלעם גוטען: מעהל, הינער, אינדיקעם — — — און זי איז א כשר'ע צנועה, אזא מין גוטסקייט, אזא יודישער חן... טראגט אפילו נישט די אייגענע האר... און דער בחור מוז זיך, איהר צוליעב, וואשען צו'ם עסען, מוז בענשען, זי לאזט איהם נישט אב.... אה!

טראכט איך מיר — — נאר וואס העלפט דא טראכטען? נישט בעשערט

געהען! גאָר ביטער אוים'ן האַרץ איז מיר געוואָרען. ווייס איך, צי מיין
בגימ'ן חעט אַמאָל התונה האָבען, און חער זיין זווג וועט זיין?
מעהר אַהין געה איך נישט!

# א גאנץ יאהר שכור

# פורים ניכטער.

# א גאנץ יאהר שכור — פורים ניכטער.

עס איז אַ יודיש ווערטעל, און מען דאַרף וויסען, פון וואַנען עס קומט.

אין ר׳ חיים וויטאַל׳ס צייטען איז אין צפת געווען אַ יונגער מאַן, וואָס איז, נישט פאַר אונז געדאַכט, נישט קיין גאַנץ יאָהר נאָך דער חתונה, אַיין אַלמן געוואָרען. גאָט׳ס וועגען זענען נישט צו׳ם פערשטעהן, און אַזוינע זאַכען טרעפען זיך, דעם יונגען מאַן האָט ״ אָבער געדאַכט, אַז די וועלט איז איהם אונטערגעגאַנגען, אַז איין זון איז פאַרהאַן אין הימעל און איין אשה איז געווען זיין ווייב. געהט ער און פערקויפט די סחורה פון קלייטעל מיט׳ן גאַנצען כלי־בית פון שטוב און גיט אַוועק דאָס גאַנצע געלד דעם צפת׳ער ראש ישיבה, מיט אַ תנאי, מען זאָל איהם צורעכענען צו דער ישיבה אַריין און שפּייזען איהם גלייך מיט אַלע און אָבגעבען איהם אַ בעזונדער חדר, וואו ער זאָל זיצען און לערנען ביהידות.

דער ראש ישיבה האָט צוגענומען די „אפּותיקי״ אויף די ישיבה, און דעם יונגען מאַן האָט מען מיט עטליכע ברעטער אָבגעצוימט אַ בעזונדער חדר׳ל אין אַ ווינקעל פון בית־המדרש־בוידעם, מען האָט איהם אריינגעטראָגען אַ זאַק מיט שטרוי, כלים צו׳ם וואַשען, און דער יונגער מאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען. אויסער שבת ויום־טוב, ווען ער פלעגט פערבעטען ווערען צו בעלי־בתים, האָט ער פאַר זיך קיין לעבעדיגע בריאה

בישט געזעהן; עסען אַ גאַנצע וואָך און אַ העמד לכבוד שבת ויום־טוב, פלעגט מען איהם אַרויסטראָגען פון שמש. און אַז ער האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ, פלעגט ער זיך איבערדרעהען צו דער וואַנד, און אַזוי שטעהן מיט'ן פּנים צו דער וואַנד, ביז מען איז נישט אַרויסגעגאַנגען און פערמאַכט הינטער זיך די טהיר.

מיט איין וואָרט: ער איז געוואָרען אַ פרוש.

אין אָנהויב האָט מען געטראַכט, ער וועט נישט לאַנג אויסהאַלטען, וויל פריהער איז ער בטבע אַ לעבעדיג מענשעל געוועזען; עס איז אָבער אַריבערגעגאַנגען אַ וואָך נאָך אַ וואָך, דער פרוש זיצט און לערנט, האַלבע נאַכט הערט מען זיין וויינענדיג־לערנען־קול איבער די גאַס, אָדער מען זעהט איהם שטעהן ביי'ם בוידעם־פענסטערל און אַרויסקוקען מיט'ן בלייכען פּנים אין הימעל אַריין, — האָט מען אָנגעהויבען צו האַלטען דערפון, און צו האָפען, אַז פון פרוש וועט אַמאָל אַרויסוואַקסען אַ גדול בישראל און אפשר אַ מקובל, אַ בעל מופת. מען האָט עס דערצעהלט ר' חיים וויטאַל. האָט ער אויסגעהערט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און געזאָגט: הלואי עס זאָל אויסהאַלטען....

דערווייל איז געשעהן אַ קליין מופת'ל: דעם שמש'ס קליין מיידעלע, וואָס פלעגט איהם, דעם פרוש, אַרויפטראָגען עסען, איז איין מאָל איינגעפאַלען, אַז זי מוז דעם פרוש האָטש איינמאָל זעהן בעשיינפערליך. וואָס טהוט זי? טהוט זי אויס שיך און זאָקען און טראָגט איהם אַרויף די גרייץ באָרוו'ס, און אַזוי שטיל, אַז זי הערט איהר אייגען האַרץ־קלאַפּען. האָט זי זיך אָבער פאַר איהר אייגען האַרץ־קלאַפּען דערשראָקען, איז אַראָבגעפאַלען פון די האַלבע טרעפּ און איז אָבגעלעגען אַ פּאָר חדשים. אין דער היץ האָט זי די גאַנצע מעשה דערצעהלט, האָט דער עולם אָנגעהויבען נאָך שטאַרקער צו גלייבען אינ'ם פרוש, און נאָך אונגעדולדיגער צו וואַרטען, ער זאָל נתגלה ווערען.

מען האָט עס ווייטער דערצעהלט ר' חיים וויטאַל. ער האָט ווייטער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און דערצו נאָך אָבגעקרעכצט און געזאָגט: הלואי ער זאָל גובר זיין! און אַז מען האָט איהם מפציר געווען, ער זאָל פערטייטשען די ווערטער, האָט ער געזאָגט: אַז וויל די ערשטע כונה פון איהם איז נישט געווען לשם שמים, דעריבער וועט ער האָבען גרויסע מניעות פון יענעם צד, און הלואי ער זאָל נישט שטרויכלען...

---

און ר׳ חיים וויטאַל זאָגט נישט פון דער העלער־הויט!

איינמאָל זיצט ער, דער פרוש, פערטראַכט איבער אַ ספר, דערהערט ער פלוצים, ווי עפּיס פּיקט אין דער טהיר, פאַלט אויף איהם אָן אַיין אימה. עס פּיקט אָבער ווייטער און ווייטער, הויבט ער זיך אויף, פערגעסט דערווייל צו פערמאַכען דעם ספר און געהט עפענען די טהיר, עפענט ער די טהיר, קומט אַריין אַיין אינדיג. לאָזט ער אַריין דעם אינדיג. קומט איהם אויף דער מחשבה, אַז עס איז גלייך צו האָבען אַ לעבעדיג בעשעפעניש אין שטוב. זיין אשה פלעגט האַלטען זינגענדיגע פייגעלעך אין שטוב... געהט דער אינדיג פאַר איהם פאַרביי און זעצט זיך שטילערהייד טיעף אין אַ ווינקעלע. און דער פרוש קלערט, וואָס דאָס קאָן בעדייטען, און זעצט זיך צוריק צום ספר. אַזוי זיצענדיג, פאַלט איהם אַיין: עס איז נישט ווייט פון פורים, האָט מען איהם אין זכות פון זיין תורה אַיין אינדיג געשיקט. וואָס וועט ער טהון מיט׳ן אינדיג? עס וועט איהם— טראַכט ער — עמיץ פערבעטען אויף פורים צו דער סעודה, און אפשר וועט עס נאָך זיין אַיין אָרימאַן, וועט ער ערב־פורים אַהין שיקען דעם אינדיג, וועט ער אויך טועם זיין דערפון. זייט זיין אשה איז נפטר געוואָרען, האָט ער נאָך קיין בשר־עוף נישט פערזוכט. אַזוי קלערענדיג, הויבט ער אָן מיט׳ן מויל צו „סמאָקיוועןֿ״, און ער בעקומט אַ פול מויל מיט וואַסער, וואַרפט ער אַ בליק אויפ׳ן אינדיג, זעהט ער, אַז דער אינדיג קוקט אויף איהם פריינדליך, גלייך ער וואָלט געוואוסט זיין מיין, און הנאה געהאַט דערפון, אַז ער וועט דעם זכות האָבען געגעסען צו ווערען פון פרוש. קאָן ער זיך שוין נישט איינהאַלטען, און רייסט אַלע ווילע אָב די אויגען פון ספר, און קוקט צו׳ם אינדיג, און עס הויבט זיך איהם אָן דאַכטען, אַז דער אינדיג שמייכעלט צו איהם. אַביסעל דערשרעקט ער זיך דערפאַר, דאָך האָט ער הנאה דערפון, וואָס עס שמייכעלט צו איהם אַ לעבעדיג בעשעפעניש...

דאָס אייגענע איז געווען ביי מנחה־ומעריב. אין מיטען שמונה־עשרה קאָן ער זיך בשום אופן נישט איינהאַלטען, און רייסט אַלע מאָל אויף די אויגען און קוקט צו׳ם אינדיג, און דער שמייכעלט אַלץ און שמייכעלט. פלוצים הויבט זיך איהם אָן דאַכטען, אַז דעם שמייכעל קען ער שוין פון לאַנג... אַז דאָס האָט דער רבונו של עולם, וואָס האָט איהם צוגענומען זיין אשה, צוריקגעשיקט איהם איהר ליעבליכען שמייכעל, עה זאָל איהם טרייסטען אין זיין איינזאַמקייט, און ער הייבט־אָן ליעב צו

קריגען דעם אינדיג, און ער טראַכט, אַז עס וואָלט אַ יושר געווען, עס זאָל איהם פערבעטען אויף פורים צו דער סעודה אַיין עושר, כדי דער אינדיג זאָל לעבען...

און אַרויסגעזאָגט האָט ער עס אין אַ גוטער רגע, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, דערוויילע אָבער ברענגט מען איהם, ווי דער שטייגער איז, אַ שיסעלע גריץ מיט אַ שטיקעל ברויט, וואַשט ער זיך און מאַכט זיך גרייט צו'ם עסען.

נאָר אַזוי ווי ער נעהמט דאָס ברויט אין האַנד אַריין און וויל אָבבייסען פון איהם — רוקט זיך דער אינדיג אַרויס פון ווינקעל און הויבט זיך אָן צו פיקען פיק פיק, בלשון בקשה, ווי דאָס וואָלט הייסען: ער איז אויך הונגעריג, און שטעלט זיך פאַר איהם ביי'ם טישעל. טראַכט זיך דער פרוש: זאָל ער בעסער עסען, וועל איך אָן איהם קיין היזק נישט האָבען... נעהמט ער דאָס שיסעלע גריץ מיט'ן שטיקעל ברויט און שטעלט אַראָב אויף די פאָדלאָגע, און דער אינדיג זופט און עסט.

אויף מאָרגען געהט דער פרוש אַריבער צו'ם ראש ישיבה, און זאָגט איהם, באשר בכן ער האָט בעקומען אַ מיט-עסער; ער פלעגט שטענדיג איבערלאָזען פון דער גריץ, און היינט — גלייך ער וואָלט פון איהר נישט טועם געווען... זעהט דער ראש ישיבה פאַר זיך אַ הונגעריג פנים, זאָגט ער, אַז ער וועט דערפון מודיע זיין ר' חיים וויטאַל, ער זאָל מתפלל זיין, דער שד זאָל זיך פון איהם אָבטהון. און דערווייל וועט ער אָנזאָגען, מען זאָל איהם שיקען צוויי שטיקלעך ברויט און צוויי שיסעלעך גריץ, עס זאָל זיין פאַרביידען גענוג. ר' חיים וויטאַל אָבער, וועלכען מען האָט דערצעהלט אין ראש ישיבה'ס נאָמען וועגען דעם מיט-עסער, האָט נאָר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אָבגעקרעכצט, אַז עס הייבט זיך ערשט אָן!

דערווייל בעקומט דער פרוש טאָפּעלטע פּאָרציעס, און ער איז זאַט, און דער אינדיג איז זאַט. דער אינדיג ווערט אפילו פעט. און אין אַ משך פון אַ פּאָר וואָכען ווערט ער, דער פרוש, אַזוי צוגעבונדען צו'ם אינדיג, אַז יעדען טאָג בעט ער גאָט, ער זאָל אויף פורים פערבעטען ווערען צו אַיין עושר, כדי ער זאָל נישט קומען צו קיין נסיון.

און ווי געזאָגט, איז ער אין דעם פאַך צו קיין נסיון נישט געקומען. איינער פון די גרעסטע בעלי-בתים האָט איהם פערבעטען אויף פורים. און עס איז געווען, נישט נאָר אינדיג-פלייש, נאָר אַלערליי מאכלים טובים און משקה כיד המלך. און אויך זענען פיינע פורים-שפּיעלער געקומען

משמחה צו זיין דעם גביר מיט זיין משפּחה מיט אַלע געסט, וואָס זענען צו איהם געקומען נאָך זייער סעודה אין דער היים. און אונזער פּרוש האָט זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ, ער האָט געגעסען און געטרונקען, אפשר מעהר געטרונקען ווי געגעסען, ווייל דער ווײן איז געווען אַ זיסער און אַ שמעקעדיגער און די וואַרימקייט פון איהם איז זיך צוגאַנגען אין אַלע אברים.

פּלוצלינג אָבער איז אין איהם אַלץ פערענדערט געוואָרען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס אחשורש־ואסתר־שפּיעל... ושתּי וויל נישט טהון דעם מלכ׳ס רצון און אַריינקומען ווי גאָט האָט זי באַשאַפען... אסתּר האָט באַלד דערנאָך נושא חן געווען... מען גיט זי איבער הגי דעם שומר הנשים. און 6 חדשים בּשמן המור, און אַנדערע 6 חדשים מיט אַנדערע בשמים. און אונזער פּרוש איז פּלוצלינג היים געוואָרען אין אַלע גליעדער, און פינסטער פאַר די אויגען, און ענג אין האַרץ, און אין דער פינסטערניש זענען פאַר איהם געפלויגען הייטע בענדער, פייערדיגע צונגען, און עס איז איהם בעפאַלען אַ וואונדערליך שרעקליך בענקעניש אַהיים און אַהיים. צו׳ם בוידעם אויפ׳ן בית־המדרש, צו זיין חדר, צו׳ם שטילען ווינקעלע... צו׳ם אינדיג... און ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטען און איז פאַר׳ן בענשען אויפגעשפּרונגען און אַהיים געלאָפען.

ער קומט אַריין, קוקט אויפ׳ן ווינקעלע, וואו דער אינדיק שטעהט, און ווערט נבהל ומשתּומם: דער אינדיג איז מגולגל געוואָרען אין איין אשה, אין איין אשה אַ יפת תּאר, וואָס די וועלט זעהט עס נישט, און ער הויבט אָן צו ציטערן אויפ׳ן גאַנצען לייב, און די אשה געהט צו איהם צו, און נעהמט איהם אַרום מיט ווייסע, וואַריגע און נאַקיטע הענד דעם האַלז, און דער פּרוש ציטערט נאָך מעהר, און הויבט זיך אָן בעטען: נאָר נישט דאָ, נאָר נישט דאָ, עס איז אַ מקום קדוש, הייליגע ספרים ליגען. רוימט זי איהם אַריין אין אויער, אַז זי איז די מלכּה שבא, אַז זי האָט דאָ נישט וויט פון בית המדרש, בּיי׳ם טייכעל, צווישען די הויכע סטראָסטינעס, איהר קריסטאָלענעם פּאַלאַץ, וואָס שלמה המלך האָט איהר נאָך געשענקט... און זי ציהט איהם. ער זאָל מיט איהר געהן, אַהין צו׳ם קריסטאָלענעם פּאַלאַץ...

און ער וואַקעלט זיך און געהט, און געהט...

אויף מאָרגען—דער פּרוש איז נישט דאָ! מען געהט צו ר׳ חיים

י. ל. פרץ.

וויטאַל, הייסט ער איהם זוכען ביים בּרעג פון טייך. געפינט מען איהם אין אַ זומפּ צווישען די סטראָסטינעס, נישט טויט, נישט לעבעדיג...

מען האָט איהם דערהאַטעוועט, נאָר פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבען טרינקען...

און ר' חיים וויטאַל האָט געזאָגט, אַז דאָס קומט פון גרוים בענקענישט צו דער מלכּה שבא, אַז ער טרינקט, זעהט ער זי, און מען זאָל איהם לאָזען טרינקען, אַ גאַנץ יאָהר, נאָר נישט פּורים, ווייל פּורים וועט זי האָבען אויף איהם אַ גרויסע שליטה.

און פון דעם טאַקי וואַקסט דאָס ווערטיל: „אַ גאַנץ יאָהר שכּור, פּורים ניכטער"...

# מסורת נפש.

# מסירת נפש.

מיט דורות צוריק האָט געשס׳ט אין צפת אַ יוד — אַ גביר און אַ גרויסער בעל־מזל, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט צירונג און אַלערליי אבנים טובות ומרגליות. און געווען איז דער יוד אַיין עושר אַיין אמת׳ער, נישט קיין אויפגעבלאָזענער, ווי היינטיגע צייטען.

און געהאַט האָט ער דיין אייגענס אַ פּאַלאַץ, וואָס האָט אַרויסגעקוקט מיט ליכטיגע פענסטער־אויגען אויפ׳ן ים־כנרת; און אַרומגערינגעלט האָט דעם פּאַלאַץ אַ גאָרטען אַ גרויסער, מיט אַלערליי גלוסטיגע ביימער, מיט כל המינים פרות און זינגענדיגע פייגעל, און מיט אַלערליי שמעקעדיגע קרייטעכצער און אַנדערע געוויקסען, הן לנוי והן לרפואה. —

און געהאַט האָט דער גאָרטען וועגען ברייטע, אויסגעשיטע מיט גאָלדענעם זאַמד, און די ביימער איבער די וועגען האָבען זיך אין דער הייך צוזאַמענגעטראָפען מיט די קרוינען, און צוזאַמענגעפלאָכטען און פערשאָטענט די וועגען.

און סוכות זענען צוזייט און צושפּרייט געשטען אויף אַלע עקען פון גאָרטען צו׳ם אָפּרוהען, און וואַסערלעך, איבער וועלכע די טייערסטע ווייסע גענז — בר־אַווזות — זענען אַרומגעשוואומען, האָבען געגלאַנצט ווי די שפּיגלען, — ממש אַ גן־עֵדן התחתון.

און געהאַט האָט דער יוד זיינע אייגענע אייזלען און קעמלען, צו

פאָהרען איבער דער מדבר; און אַיין אייגענע שיף, מיט אייגענע שיפס-לייט און אַ שיפס-קאַפּיטאַן — צו פאָהרען איפ'ן ים...

מיט אַיין וואָרט: אויף כל ישראל געזאָגט...

און דער יוד האָט נישט געקאַרגט די מטבע, און האָט זיך משדך געווען מיט רבנים, ראשי-ישיבות און אַזוי גאונים פון בבל און ארץ-ישראל, און האָט אַוועקגעשיקט די קינדער למקום תורה; און וואָס אַ זוהן ער האָט אַוועקגעשיקט, האָט ער איהם באַלד אָבגעטיילט בכסף מזומן זיין חלק ירושה, אויסער נדן, כיד הגביר. און מיט דער צייט איז ביי איהם געבליבען נאָר די יונגסטע טאָכטער מיט'ן נאָמען שרה, דאָס געליעבטע מזיניקעל, וואָס ער האָט געהיט, ווי דעם שוואַרץ-אַפּעל פון אויג.

די שרה איז געווען אַ גרויסע יפה-פיה, און אַ לב טוב, און אַ מזג טוב — אין לשער.

און פאַר די בת יהידה, אַז עס איז געקומען די צייט, האָט ער זיך אַראָבגעברענגט, פון נשיא פון בבל'ס ישיבה, אַ טייערע כלי, מיט'ן נאָמען הייא.

און געשריבען האָט דער ראש ישיבה אויפ'ן בחור צו'ם צפת'ער רב נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי עטרת ראשי ועטרת הישיבה; דאָס הייסט: די קרוין פון ראש ישיבה'ס קאָפּ, און די קרוין פון דער גאַנצער ישיבה. און דאַצו נאָך — ו„שלשלת היוחסין”, ד. ה.: גאָר דאָס אויבערשטע פון שטייסעל — יחוס שביחוס.

און אַ קלאַנג איז געגאַנגען איבער דער וועלט, אַז אותו הבחור הייא קומט אַרויס „מזרע המלוכה”; נייערט בשעת הירום אין בבל, ווען מען האָט דעם הייא'ן גע'הרג'עט פאָטער און מוטער און אומגעבראַכט שוועסטער און ברודער, און ער אַליין איז נצול געוואָרען, ממש על פי נס, — איז דער יחוס-בריעף פערלוירען געוואָרען... האָט אָבער ר' הייא, דער גרויסער עניו, דערפון קיינמאָל נישט גערעדט, ווייסט מען נישט. — זיכער איז אָבער, אַז מענשען, וואָס האָבען דעם בחור הייא אין גאַס געזעהען, האָבען זיך אָבגעשטעלט, קוקען אויף איהם, ווי אין אַ שיינדיל אַריין, און נישט איינער האָט אַ ברכה געמאַכט איבער זיין שענקייט. ווארום אַ פּנים האָט דער הייא געהאַט פון אַיין אמת'ן בן-מלך; די שכינה האָט אויף איהם גערוהט...

בעזעצט זיך דער הייא ביי'ם שווער אין צפת — על התורה ועל העבודה...

נישט לאַנג אָבער האָט זיין מנוחה געדויערט; דער שווער, דער אַלמן, איז אַ צייט נאָך הייא'ס החונה נפטר געוואָרען. דער יונגער מאַן האָט געמוזט איבערנעהמען די גרויסע עסקים און מאַכען נסיעות איבער ווייטע מדינות. מיט איין וואָרט, ער איז געוואָרען אַ גרויסער סוחר פון די גרעסטע אויף דער וועלט.

דאָס האָט אָבער איהם, חלילה, צו בטול־תורה נישט געבראַכט.

דאָס קעמעל, אויף וועלכען ער איז געריטען איבער דער מדבר, האָט עמייץ פון דער קאַראַוואַנע ביים ציימעל געפיהרט, און ר' הייא האָט נישט אַרויס־געלאָזט דאָס ספר, וואָס ער האָט געהאַלטען, פון האַנד, און נישט אַראָב־גענומען קיין אויג פון ספר.

און אין שיף האָט ער געהאַט אַ חדר מיוחד (קאַיוטע בלע"ז), וואו ער איז געזעסען ביחידות און עוסק געווען בתורה, הן בנגלה, הן בנסתר.

און ער האָט נאָך אפילו געפונען צייט, צו לערנען זיך שבע חכמות ביי די אַלטע שייכען, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפען אויפ'ן וועג, ווי חכמת הרפואה, שיחת חיות ועופות און אפילו אַביסעל אִצטגנינות, וכדומה...

און אַ בעל־צדקה איז ער געווען, אין לשער ואין לספר. ובכל מקום בואו — וואו ר' הייא האָט זיך ערגיץ אָבגעשטעלט אין קהלה, — פזר, נתן לאביונים — האָט ער קודם כל מפריש געווען מעשר־עני פון ריוח אויפ'ן וועג, אַחוץ פדיון שבוים לפי הצורך.

און אַזוי פלעגט ער אויך טהון גרויסע טובות דעם כלל ישראל.

וואָרום דער מסחר מיט אבנים טובות ומרגליות האָט איהם מקרב געווען צו'ם מלכות מיט איהרע שרים. און מיט'ן שענקייט און ערליכקייט, און אפשר מעהר נאָך מיט זיין חכמה, האָט ער שטאַרק נושא־חן געווען אין זייערע אויגען, און די פלעגען אין איהם אמונה האָבען, גלויבען לכל היוצא מפיו, און אַלץ צוליעב טהון...

פלעגט ער זיין אַ שתדלן און אַ מליץ יושר על כל צרה שלא תבא... און ברוח פיו האָט ער מבטל געווען בלבולים נוראים: אַרויסגענומען פון תפיסות, בעפרייט פון מלקות און קייטען; און נישט איינמאָל און אין דער לעצטער מינוט, — פון תלי'ס הענד; אַחוץ כמה וכמה יונגע נפשות, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון מעטשעטען, וואָס מען האָט זיי געוואָלט אָב'שמד'ען איבערגעוואַלט...

און איבער דער צייט, וואָס ר' הייא איז געווען אַ מהלך בדרך,

פלעגט שרה די צדקת ממלא מקומו זיין אין דער היים אין צפת לכל דבר שבצדקה, ווי עס פּאַסט פאַר איין אמת׳ער אשת־חיל. ובטח בה לב בעלה, — האָט זיך ר׳ חייא אויף איהר פערלאָזט און איז זיכער געווען, אַז דער הונגעריגער, וואָס וועט אַריינקומען אין זיין הויז, וועט אַרויס־געהן אַ זאַטער; און דער דאָרשטיגער — איין אָנגעטרונקענער. ווי אויך, אַז זי וועט זייער בת יהודה, מרים, מגדל זיין לצדקה ולמעשים טובים און מדריך זיין אין כשר׳ן וועג.

וכך הוה: דער פּאַלאַץ איז שטענדיג פול געווען מיט אורחים און אָרימע לייט. און תלמידי חכמים, רבנים און ראשי ישיבה, וואָס פלעגען אַרויסגעהן לחוץ לארץ וועגען צרכי הצבור און צוריקפאָהרען, האָבען זיך, אַהין־צו־וועגס, ווי צוריק־צו־וועגס, אָבגעשטעלט — אַזוי פלעגט מען שוין זאָגען — ביי ר׳ חייא׳ס ווייב, און זי פלעגט זיי מקבל זיין בסבר פנים יפות, און שפּייזען מיט אַל־דאָס גוטס, און פלעגט נאָר פערלאַנגען, זיי זאָלען אַרויפלעגען זייערע הענד אויף דער בת יהודה׳ס קעפּעלע און בענשען זי מיט מזל...

און די ברכות האָבען אָנגעהויבען מקוים צו ווערען: די איינציגע טאָכטער מרים איז געווען איין אויסטערליש געראָטען קינד, אַ ברכה פון זיין ליעבען נאָמען. און גאַנץ צפת פלעגט זיך בענשען מיט איהר, מען זאָגט: „חייא׳ס טאָכטער לייכט ווי די זון", „איז קלאָר ווי דער טאָג"; „עס ליעגט אויף איהר אסתר המלכה׳ס חן וחסד"; און זי איז ווירקליך געווען אַ יפה־פיה — די מוטער אויס׳ן אויג.

זענען דאָך אָבער גאָט׳ס דרכים נישט צום פערשטעהן; און צוריק געשמועכט, האָט דאָך שוין שלמה המלך, עליו השלום, געזאָגט: „אֶת אשר יאהב... יוכיח" — וועמען דיין ליעבער נאָמען ליעבט, דעם שטראָפט ער; טיילמאָל ברענגט דער רבונו של עולם גאָר אויפ׳ן צדיק אַ נסיון; ער פּרובט מיט יסורים דעם צדיק, צו זעהן, ווי ווייט, ווי טיעף, און ווי שטאַרק דעם צדיק׳ס בטחון איז, — סיי ווי סיי, שרה די צדקת פאַלט פלוצלונג אַוועק. ר׳ חייא בעקומט די בשורה־רעה אויף אַ ווייטען וועג. און לב יודע מרת נפשו — פיהלט ער, אַז עס איז שלעכט, וואַרפט ער אַוועק אַלע עסקים און לויפט אַהיים. איבער טהאָל און איבער בערג, מדבריות און ימים. בעגעגענען איהם אַלערליי מניעות. פאַלען אונטער איהם אין מדבר אייזלען און קעמלען פאַר דאָרשט; שטורם־ווינטען ווילען איהם צושלאָגען דאָס שיף אויפ׳ן ים, — איז איהם אָבער דער זכות התורה והעבודה ביי געשטאַנען. האָט ער גובר

געווען אַלע מניעות און איז אהיים געקומען בשלום... האָט ער אָבער שוין געטראָפען די צדקת שרה כמעט ביי יציאת נשמה... נאָר ווי די צדקת האָט איהם דערזעהן, האָט זי זיך געשטאַרקט און אויפגעזעצט אויפ׳ן בעט, און נאָך אָבגעגעבען אַ שבח והודיה צום בורא עולם, וואָס האָט אויסגעהערט איהרע תפלות, די זאָל זעהן איהר כשר׳ן צדיק פאַר דער פטירה; און דרעהט זיך איבער צו ר׳ חייא׳ן, און טרייסט איהם און איז איהם מבטיח, אַז זי איז מקבל די יסורי-מות באהבה... און רעדט מיט איהם נאָך אַ וואָרט וועגען דער בת יחידה מרים, וואָס מען האָט אַרויסגעפיהרט אַ פער׳הלש׳טע... און ר׳ חייא זאָגט איהר צו, אַז ער וועט זיין פאַר איהר אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע; אַז קיין פרעמדע הענד וועלען דאָס יונגע ביטעלע נישט ביינגען, נישט קרימען, נישט, הס ושלום, ברעכען... וכנגד זה, זאָגט זי איהם צו, אַז זי וועט אויפ׳ן עולם-האמת קיין רגע אָן זיי נישט פערגעסען. אַז זי וועט זיך שטענדיג מיהען פאַר דער בת יחידה וועגען אַ זווג, עס זאָל זיין לפי כבודה ומעלתה... און אויב עס וועט זיך מאַכען, הס ושלום, אַ סכסוך, אַ ספק, צי אַ מניעה, וועט די אַליין אַנווענדען און בעקומען רשות, צו בעווייזען זיך ר׳ חייא׳ן אין חלום, און זאָגען וואָס מען דאַרף... אַזוי האָט זי זיך מיט ר׳ חייא׳ן געזעגענט, געזאָגט נאָך אַמאָל שמע ישראל (עס איז שוין געווען נאָך ודוי) און נאָך אַמאָל געעפענט די אויגען און אַ קוק געטהון אויף ר׳ חייא׳ן באהבה רבה און מיט חן וחסד, און געהייסען גריסען די טאָכטער, און געבעטען איהם, ער זאָל מקבל זיין דעם גזר-דין פון זיין ליעבען נאָמען באהבה, און האָט זיך אַראָבגערוקט פון קישען, איינגעצויגען די פיס און איבערגעדרעהט זיך צו דער וואַנד — ויצאה נשמתה בטהרה...

---

און באַלד נאָך שלשים האָט ר׳ חייא, אָהן אַ רגע ישוב הדעת, מיט אַמאָל אָבגעשניטען פון אַלע מסחרים, פערקויפט די פעריל און ברילאַנטען און אַלערליי אַנדער צירהונג כמעט בחצי חנם, און האָט זיך בעזעצט במנוחה על התורה והעבודה אין צפת... און אין פאַלאַץ זיינעם האָט ער זיך געעפענט אַ ישיבה, און האָט אויסגעזוכט און פערזאַמעלט אין איהר פון צפת און פון דער סביבה אַלע בחורים — וואָיל-לערנער, און האָט געזאָגט פאַר זיי, וואָס גאָט גיט אַ טאָג, דעם שעור. און זיי האָבען דאָרשטיג געטרונקען זיינע רייד, און די אָרימע בחורים פון צווישען זיי האָט ער גאָר איינגאַנצען אויף זיך גענומען. און זיי אויפגעהאַלטען ביי זיך אין פאַלאַץ, צו צוויי און צו דריי בחורים אין אַ חדר מפואר. און האָט זיי מפרנס געווען בעין יפה.

און האָט זיי מלביש ומנעיל געווען כבני הגבירים. וכל מחסורם עליו — פער־זאָרגט אפילו מיט קליין־געלד. אַ בחור זאָל זיך קענען אַמאָל אָנטהון אַ נחת און נישט פערשעמט ווערען פאַר זיינע בעל־הבתי׳שע חברים...

וכשהגיע התור, אַז איין זָרים־בחור איז געקומען צו שמונה־עשר־לחופה, פלעגט ר׳ חייא שיקען נאָך שדכנים און אויסקלויבען איהם אַ שדוך מיט קעסט און אָנהאַלטעניש, לפי כבודו ומעלתו, און פלעגט געבען נדן, הלבשה ומתנות און נעהמען אויף זיך האָטש האַלב הוצאות החתונה מיט רח״ש, און פלעגט אַליין פיהרען צו דער חופה, נאָך דער חופה משמח זיין חתן־כלה כדת וכדין. און וואָס אָנבעלאַנגט זיין טאָכטער מרים, האָט ער געהאָפט, אַז עס וועט זיך איהם טרעפען גאָר אַ כלי יקר — טאַקי, ווי מען זאָגט, פאַר גאָט און פאַר לייט.

וועגען דעם ענין האָט ער אַמאָל געשריבען בדרך משל צו זיין מחותן דעם נשיא פון בבל, מיט וועלכען ער פלעגט זיך דורכשרייבען, הן אין דברי תורה, הן אין עניני משפחה, אויף לשון קודש, וואָס מיר זעצען דאָ איבער אויף עברי־טייטש, האָטש אין עברי־טייטש פערליערט עס אַ סך פון מתיקות.

און אַזוי שרייבט ער:

„מיט׳ן הילף פון זיין ליעבען נאָמען האָב איך מיר געפלאַנצט זעהר אַ שענעם גאָרטען (דאָס מיינט ער די ישיבה), מיט כל המינים בוימער, וואָס טראָגען כל המינים פירות (דאָס מיינט ער — די תלמידים) און אַז אַ פרי ווערט צייטיג און זאַפטיג, (דאָס מיינט מען: ראוי לחופה) זוך איך איהם אויס איין אָדם הגון (אַ שענעם מחותן) און היים איהם אַ ברכה מאַכען (ברכת נשואין), און אַז גאָט וועט מיר העלפען, — שרייבט ער — און עס וועט זיך בעווייזען איין אתרוג׳ל אַ הדר, גאָר אָהן אַ פגימה, וועט שוין אין דעם הדר׳ל זוכה זיין בתי היחידה מרת מרים, תחי׳״.

און אַז דער נשיא פון בבל האָט איהם צוריק געשריבען מיט זיין לשון בקצור נמרץ:

— היכא דמי, עס זאָלען אין דיין ישיבה נישט זיין קיין לומדים מופלגים? גיט איהם ר׳ חייא אָנצוהערען, אַז „לא המדרש עיקר״.

— אין תורה — שרייבט ער איהם בדרך המליצה — אלא מים; תורה איז געגליכען צו וואַסער. אָבער נישט אַלע וואַסערן פליסען אַרויס פון גן־עדן. (נישט יעדערער, הייסט עס, לערנט לשם שמים)... איינער לערנט לשם תאוות הנצחון: ער וויל איבעריאָגען און מנצח זיין זיינע

חברים; אַ צווייטער מיינט נאָר צו בענוצען זיך מיט׳ן כבוד פון דער תורה... נישט ער זאָל מכבד זיין די תורה, נאָר די תורה זאָל איהם מכבד זיין; אַ דריטער האָט צום לערנען גאָר איין אַנדער מין יצר הרע — ער האָט ליעב שכל׳דיגס! ער פרעהט זיך נישט מיט גאָט׳ס תורה, נאָר מיט זיין אייגענער! מיט זיינע הדושי־תורה, מיט זיינע המצאה׳לעך; ער קוועלט פון זיינע אייגענע אויפטהועכצער, פון זיינע קונצען, וואָס ער בעווייזט אין דער תורה! און, צוליעב אַ קונץ, איז ער אפילו גרייט מגלה פנים צו זיין בתורה שלא כהלכה. טייל זענען מעהר מגושם, מאַכען זיי זיך פון דער תורה אַ האַק, צו גראָבען אין מיסט, און צו געפינען אַ שווער — איין אָנהאַלטעניש, קעסט — דיין קישקע מיט שמאַלץ, און, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר,— אַ ירושה!... און ווען אַפילו מתוך שלא לשמה קומט אַמאָל לשמה,— בלייבט אַלץ אויף דער נשמה אַ פלעק, איין אָבזאַץ, אַ טעם לפגם! הכלל אֶתרוגים כשר׳ע זענען פאַרהאַן פיעל, וויל אָבער ר׳ חייא אַ הדר: עס זאָל זיין תוכו כברו, און דעם תוך פון אַ מענש — איז נישט אַזוי לייכט צו דערקענען... כבדהו וחשדהו; און ער וויל גלאַט כשר!

איז איהם דער ראש־ישיבה מודה, און ענטפערט איהם, כדרכו, בתכלית הקצור:

— „יגעתי ומצאתי תאמין“.

---

ווי אַזוי אָבער זוכט מען?

הוא היה אומר, אַ מענש — פלעגט ר׳ חייא זאָגען — וואָלט לייכט געווען צו דערקענען אין די אויגען... די נשמה אין גוף זיצט, ווי אין תפיסה; האָט דער בורא עולם, מיט זיין גרויס רחמנות, געעפענט דער נשמה אין דער תפיסה צוויי פענסטערלעך, דאָס זענען די אויגען פון אַ מענש, זי זאָל דורך זיי אַרויסקוקען, זעהן די וועלט, און לאָזען זיך דער־קענען דער וועלט! וואָלט מען אין די אויגען יעדען דערקענט, האָט אָבער אַ מענש פאַרהענגלעך צו די פענסטערלעך — ברעמען, מיט וועלכע ער קאָן זיי פערשטעלען... און, אַ מענש, וואָס האָט אַ נשמה מיט אַ פגם, בע־האַלט ער זי, ווי מען בעהאַלט קודם אַ חופה אַ כלה מיט אַ מום, און ווען די נשמה וויל זיך בעווייזען, לאָזט ער די פאָרהענגלעך אַראָב; מכלומר׳שט פאַר ענוות...

לייכטער — זאָגט ר׳ חייא — וואָלט שוין געווען צו דערקענען אַ מענש

אינ'ם קול. אין דעם האָט ער געהאַט זיין אייגענע שטה:

„משול — פלעגט ער זאָגען — כחרס הנשבר" — אַ פּראָסטער מענש איז נישט מעהר ווי איין ערדערנער שאַרבען. און דער גאַנצער מענש, דער אדם השלם — צו איין ערדענער כלי, וואָס קאָן אין זיך מקבל זיין די תורה, און פערלירט נישט קיין טראָפּען. הני מילי? ווען דער טאָפּ איז גאַנץ... ווי אַזוי דערקענט מען אָבער, צי דער טאָפּ האָט נישט קיין שפּעלטיל, האָטש עס איז נישט מיט'ן אויג צו דערזעהן? מוז מען אָנקלאַפּען אָן דעם טאָפּ און הערען זיין קלאַנג — האָט דער טאָפּ אַרייגעם, פולען קלאַנג, מה טוב! אַניט, איז טאַקי משול כחרס הנשבר... און אַזוי אויך דער מענש.

אַ מענש, וואָס איז נישט גאַנץ, קאָן האָבען איין אויבער-קול, איין אונטער-קול, אַ ביי-קול, אַ צושפּאַלטען קול, אַ ציטערדיג קול, אָבער נישט קיין ריינעם, קלאָרען קלאַנג; קיין ריכט קול האָט ער נישט! איז אָבער אַ מענש קיין טאָפּ נישט; אַז מען קלאַפּט אָן, און ער האָט נישט זיין אייגען קול, מאַכט ער נאָך אַ פרעמד קול... טהוט ער ווי אַ פּאַפּאָגיי! דו הערסט אַמאָל פון ווייטענס אַ קול, מיינסט, דער איז דער פויגעל, און אַז דו קומסט צו — אַ נאָכגעמאַכט קול, אַ פּאַפּאָגיי...

וכה יעשה כל הימים — לויט דער שיטה פלעגט ר' הייא זיך נוהג זיין אַזוי:

דעם שיעור פלעגט ער זאָגען פאַר וואַרימעס; און אַ פּאָר שעה פאַר מנחה פלעגט ער אַרויסלאָזען די תלמידים אין גאַרטען אַריין: זאָלען זיי מטייל זיין אין שאָטען פון די ביימער, טועם זיין פון זייער'ע פּירות און אַ ברכה מאַכען, און אויך נהנה זיין פון די ריחות פון אַלערליי קרייטעכצער, און שפּאַצירענדיג, איבער'חזר'ען דעם שיעור בעל-פּה, אָדער גלאַט רעדען פון תורה; אפילו שיחת רעים איז אויך קיין סכנה נישט... און ער פלעגט זיך דעמאָלט מתבודד זיין אין זיין חדר, און לערנען סתרי תורה... און זיין חדר האָט געהאַט אַ פענסטער אין גאָרטען אַריין, מיט אַ שווער זיידענע פאָרהאַנג פאַר דער זון. און פון צייט צו צייט פלעגט ר' הייא אַראָבנעהמען די ברילען, לעגען אויפ'ן ספר און נאָך צודעקען מיט'ן פולאַרענעם טיכעל און אַרויםלעגען דאָס טאַבאַק-שקעטעלע, — און צוגעהן צום פענסטער, און שטעלען זיך אַ ווילע אונטער דער פאָרהאַנג, און איינהערען זיך צו די קולות פון זיינע תלמידים, וואָס געהען אַרום אויף די שפּאַציר-וועגען, פאָרען-אָדער קופּקעלעך-וויז, און

רעדען צווישען זיך ווי חברים, און האָבען קיין סבה נישט צו היטען זיך און בייטען די קולות...

וואָס זיי האָבען געשמועסט, האָט ער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט הערען: ארויף ביז צו זיין חדר איז צוגעקומען פון די בחורים נאָר דער קלאַנג אַליין, אָהן אַ התוך הדבור... און אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט, און ר׳ חייא האָט קיין אמת ריכט קול נישט געהערט, איז ער אַריינגעפאַלען אין עצבות.

איינמאָל האָט ער זיך אפילו געקלאָגט פאַר זיין ליעבען נאָמען:

— רבונו של עולם! — זיפצט ער — די פייגעליך אין גאָרטען, וואָס האָבען נאָר אַ נפש חיה, זינגען דיין שבח, און די תלמידים מיינע, וואָס האָבען אַ נשמה און אַ יחידה, לערנען דיין תורה... פאַרוואָס איז דאָס קול פון דיינע פייגעליך אַזוי גאַנץ, אַזוי ריין, אַז עס גיסען זיך אין די אוים גאַנצע נשמות, בשעת ווען מיינע תלמידים — — —

געענדיגט אָבער האָט ער נישט: מקטרג זיין אויף זיינע תלמידים האָט ער נישט געוואָלט... דאָס עצבות אָבער טרעט נישט אָב!

פון צייט צו צייט קומען אָן נייע תלמידים, נייע קולות, אָבער אַליין קיין קמח-סלת נישט!

און איינמאָל שטעלט ער אָב די טאָכטער מרים, קוקט אויף איהר אַ ווייַלע מיט גרויס ליעבשאַפט און רחמנות, און גיט זי אַ פרעג:

— געהסט אַמאָל, טאָכטערשי, אויף דער מאַמע׳ס קבר?

— יאָ, טאַטע׳שי! — ענטפערט זי איהם און קושט איהם דערביי מיט גרויס ליעבשאַפט די האַנד.

קושט ער זי אויפ׳ן שטערן, און גלעט זי דאָרציג איבער׳ן קאָפ, און בענשט זי דערביי, און פרעגט דערנאָך:

— און וואָס בעטסט דו ביי איהר, טאָכטער?

הייבט זי צו איהם אויף איהרע געטרייע אויגען און זאָגט:

— פאַר דיין געזונד, טאַטעשי, בעט איך! ביזט טיילמאָל אַזוי טרויעריג... און איך, נעביך, ווייס נישט, מיט וואָס דיך משמח צו זיין... זי, די מאַמע, עליה השלום, האָט געוואוסט... בעט איך ביי איהר, זי זאָל עס מיר אַריינגעבען אין האַרץ אַריין, אָדער צו חלום קומען און אויסלערנען, ווי אַזוי דיך משמח צו זיין...

גלעט ער זי איבער די סאַמעטענע בעקלעך און זאָגט איהר:

— איך בין, ברוך השם, טאָכטער, בקו הבריאה! עפעס אַנדערש דאַרפסטו בעטען ביי דער מאַמע׳ן!

— וואָס, טאַטעשי?

— אַז דו וועסט געהן, טאָכטערשי, אויף דער מאַמע'ס קבר, בעט זי, זי זאָל זיך מיהען, שטאַרק מיהען און זעהן, עס זאָל מקוים ווע־רען דאָס, וואָס איך טראַכט וועגען דיר.

ענטפערט זי איהם בתמימות:

— גוט, טאַטעשי!

---

ויהי היום — איינמאָל, זיצענדיג פאַר מנחה אין ערשטען חדר, דערהערט ר' חייא פון פאַדערהויז אָופּוה, עס הערען זיך צוויי קולות: איין קול אַ בייזערדיגס, דעם ריש־דוכנא'ס קול, און אַ צווייט קול, אַ יונגס, אַ פרעמדס — מן הסתם, פון אַ פרעמדען בחור. און דאָס קול פון פרעמדען בחור מאַכט אויף ר' חייא'ן אַ גרויסען רושם. אויף אַזאַ קול האָט ער געהאַפּט, אויף דעם האָט ער מתפלל געווען! פערמאַכט ר' חייא דאָס ספר, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר זיך, און וויל זיך לענגער איינהערען, האַקט זיך אָבער דאָס צווייטע, בעטענדיגע קול אי־בער, און עס הערט זיך נאָר דעם ריש־דוכנא'ס קול, וואָס מוסר'ט און בייזערט זיך. גיט ר' חייא אַ קלאַפּ אין טיש, פאַר אַ סימן, אַז ער רופט. עפענט זיך די טהיר, און עס בעווייזט זיך פאַר איהם דער ריש־דוכנא, אַ צורודערטער, אַ דערשראָקענער, און שטעלט זיך פאַר ר' חייא'ן כּעבדא קמיה מריה, און זיין אַלט פּנים איז נאָך בלאַס, די אויגען שפּריצען נאָך מיט פייער, און די נאָז־פליגעל טאַנצען — אַזאַ כּעסן איז ער געווען.

וואָהרענט איהם ר' חייא: כּל הפּעם!...

— ניין, רבי! — בלאָזט זיך אָב דער ריש־דוכנא — עס איז משיח'ס צייטען — אַזאַ חוצפּה! אַזאַ חוצפּה פון אַ בחור!

— נו, נו, — וואָס וויל ער, דער בחור?

— ער וויל אַ קלייניגקייט: אַריין צו אייך אין ישיבה!

— נו?

— פרעג איך איהם: קענסט „ש"ס ופוסקים"? זאָגט ער: ניין! — האָטש „משניות"? — פרעג איך ווייטער — ניין! — מאַך איך מיר אַ שפּאַס: און „עין יעקב"? — אויך נישט! — שפּאַס איך שוין ווייטער: און דאַווענען? צעוויינט ער זיך! — וואָס איז? דאַווענען אין סדור קאָן ער, נאָר פּירוש המלות האָט ער פערגעסען! שוטה, וואָס זשע ווילסטו? — צו ר' חייא'ן וויל ער! — נאָך וואָס? זאָגט ער, אַז ער וויל אייך בע־

טען, איהר זאָלט איהם לאָזען זיצען אין ישיבה און צוהערען זיך צום שיעור, אפשר וועט איהם גאָט העלפען, ער וועט זיך דערמאַנען!

— געקאָנט, הייסט עס, און פערגעסען, — זיפצט ר׳ חייא אָב, — אַ חולה, נעבּיך; און וואָס איז דער כעס?

— וואָס דער כעס איז? אדרבא — זאָג איך איהם, איך וועל דיך אַריינלאָזען צו ר׳ חייא׳ן. טראָגט אָבער דער בחור אַ ליינוואַנטען מלבוש, אַרומגעבּונדען איז ער מיט אַ האַנפענער שטריק איבער די לענדען און האַלט נאָך אין דער האַנד אַ וואַלד-שטעקען, ווי אַ גזלן, — איין אָבגעשיילטע צווייג פון אַ מאַנדעל בוים. זאָג איך איהם: גוט, בחור, איך וועל דיך אַריינלאָזען צו ר׳ חייא׳ן, נאָר טהו דיך איבער. האָסט אַנדערע מלבושים? — נישט ער האָט, נישט ער וויל זיך איבערטהון... ער טאָר נישט, זאָגט ער. — לעג האָטש אַוועק דעם שטעקען! דאָס אויך נישט! ער טאָר דעם שטעקען נישט אַרויסלאָזען פון האַנד, נישט ביי-טאָג, נישט ביי-נאַכט; ער שלאָפט מיט׳ן שטעקען!

פערשטעהט ר׳ חייא, אַז עס איז אַ בעל-תשובה, זאָגט ער:

— יבא. זאָל אַריינקומען דער בחור.

קומט ער אַריין אַ בלאַסער, אַ מאָגערער; אָנגעטהון, ווי דער ריש דוכנא האָט איהם אויסגעמאָלט, און שטעלט זיך ביי דער טהיר.

רופט איהם ר׳ חייא צו צו זיך נעהנטער, דערלאַנגט איהם „שלום", לאָזט זיך נישט פאַלען צו די פיס, נישט קושען די האַנד, און אַז ער זעהט, אַז דער בחור הויבט אויף איהם זיין אויג נישט אויף, פרעגט ער:

— קינד מיינ׳ס, וואָס לאָזט דו די אויגען אַראָב פאַר מיר? בעהאַלטסט דו פאַר מיר דיין נשמה?

— יאָ, רבי — ענטפערט דער בחור — מיין נשמה איז אַ זינדיגע... איך האָב מיך מיט איהר וואָס צו שעמען.

זאָגט ר׳ חייא: אין אָדם משים עצמו רשע... איך הייס דיך אויפהייבען די אויגען.

פאָלגט דער בחור.

און ר׳ חייא, קוקענדיג איהם אין די אויגען אַריין, ווערט פערציטערט, אַ פערשאָלטענע נשמה האָט ער דערזעהן.

— קינד מיינס — פרעגט ר׳ חייא — עס שטעקט אַ קללה אין דיינע אויגען. ווער האָט דיך פערשאָלטען?

— דער ראש-ישיבה פון ירושלים!

ר' חייא ווייסט, אַז דער ראָש-ישיבה פֿון ירושלים איז ערשט ניט לאַנג נפֿטר געוואָרן, פֿרעגט ער: ווען?

ענטפֿערט דער בחור: שוין צוויי חדשים.

„ריכטיג!" — טראַכט ר' חייא — דעמאָלט האָט ער נאָך געלעבט"... און זיך פֿרעגט ער:

— פֿאַר וואָס?

— אויף דעם האָט מען מיך געהייסען, איך זאָל פֿאַר אייך זיך מתודה זיין.

— גוט... און ווי הייסט דו, בחור?

— חנניא...

— נו, בחור חנניא, — מאַכט ר' חייא און שטעלט זיך אויף — אצונד קום דאַוונען מנחה ומעריב, דערנאָך וועט דיר דער ריש דוכנא ווייזען איין אָרט ביים טיש... נאָכ'ן עסען, וועסט דו אַראָבגעהן אין גאָרטען אַריין, איך וועל דיך אויפזוכען און אויסהערען דיינע רייד.

און ער נעמט איהם אָן ביי דער האַנד, און פֿיהרט איהם מיט זיך צום בית-המדרש'ל ביי דער ישיבה.

און געהענדיג, טראַכט ר' חייא:

— אַזוי יונג, אַזאַ קול... און אַ בעל-תשובה... און אין די אויגען אַ קללה... וואונדערליך זענען דעם בוראָ'ס דרכים.

---

שפּעט ביינאַכט געהט ר' חייא מיט'ן בחור חנניא אַרום אין גאָרטען. פֿון צייט צו צייט גיט ר' חייא אַקוק צום הימעל אַרויף און זוכט עפּיס אַ צייכען על פּי האיצטגנינות, עפּיס אַ סימן; איז אָבער דער הימעל פֿער-שטעלט מיט אַ שטומען גראָהען נעפּעל; אַ נאַכט אָהן לבנה, אָהן שטערען... עס שטראַהלען נאָר די שויבען פֿון די פֿענסטער אין פּאַלאַץ, און מיט זייער ליכט פֿיהרט ר' חייא דעם בחור חנניא מיט זיך אין סוכה אַריין, און זיי זעצען זיך. „ופּתח פּיו בחכמה", און ר' חייא הויבט אָן:

— אין „פּסוק" שטעהט — זאָגט ער צו חנניא'ן — „דאגה בלב איש — ישחנה".

— רבי, וואָס איז דער טייטש? בעט זיך דער בחור.

טייטשט איהם ר' חייא אויס וואָרט ביי וואָרט:

— דאָס איז טייטש: „דאגה" — אַ זאָרג (חנניא הערט איבער), „בלב" — אין האַרץ, „איש" — פֿון אַ מענש, „ישחנה" דאָס איז טייטש: ער זאָל

אויסזאָגען איין אַנדערן, — ער זאָל זיך אויסגיסען דאָס האַרץ. און האָטש דער בחור איז תּופש נאָר טייטש־ווערטער, הויבט זיך איהם אָן דאָס בלאַסע פּנים צו רייטלען, ווי ביי אַ פּער'הלש'טען, ווען מען ראַטעוועט איהם און די נשמה קומט פּאַמעליך צוריק אין גוף אַריין.

קריגט אויף איהם ר' הייא גרויס רחמנות און זאָגט איהם:

— פּתח פּיך, בני, — עפען דיין מויל, חנניא, ויאירו דבריך — און זאָלען לייכטען דיינע ווערטער, און זיי דיך פאַר מיר מתודה...

האָט איהם חנניא דערצעהלט אַ מ ע ש ה נורא.

---

קומען קומט ער אַרויס פון ירושלים... זיין מאַמע איז אַ רייכע אלמנה, וואָס האַנדעלט מיט בשמים...

און זי האָט נאָר צוויי קינדער געהאַט, איין עלטערע שוועסטער מיט'ן נאָמען אסתר, און איהם, חנניא.

האָט זי, פערשטעהט זיך, ליעבער געהאַט חנניא'ן, דעם קדיש, פאַר זיין שוועסטער. בפרט, אַז חנניא האָט זיך בעוויזען אַ יונגעל אַ עלוי...

און האָטש אסתר איז שוין אַלט געוואָרען אַ יאָהר זעכצעהן, האָט די מוטער זיך נישט געזאָרגט און נישט געטראַכט וועגען אַ שדוך פאַר איהר. און אַז שכנות דערמאָהנען זי, האָט זי אַ גרייטען ענטפער: עס וואַקסען איהר נאָך, ברוך השם, קיין גראָהע צעפּ נישט! און אָבגעגעבען איהר גאַנץ האַרץ האָט זי חנניא'ן. זי האָט איהם געדונגען גוטע מלמדים, און ווייל זי איז דעם ראש־ישיבה'ס אַ ווייטע קרובה געווען, און האָט געהאַט אַ דריסת הרגל אין זיין הויז, פלעגט זי אַלע עטליכע שבתים פיהרען חנניא'ן צו דער רבי'צין, און די רבי'צין פלעגט איהם אַריינפיהרען צו'ם ראש־ישיבה צום פערהערען.

האָט דער בחור ביי'ם ראש ישיבה שטאַרק נושא חן געווען. שטעהט די מוטער הינטער דער טהיר און הערט, ווי מען לויבט איהם; און קוקט אַריין דורך אַ שפּאַרע און זעהט, ווי דער ראש ישיבה קנייפּט איהם אין בעקעל אַריין מיט גרויס ליעבשאַפט, און איז איהם מכבד מיט'ן שענסטען עפּעל פון שבת־אויבס — קוועלט זי!

נאָך מעהר וואַקסט אין איהר דאָס האַרץ, אַז די רבי'צין זאָגט איהר, אַז דער ראש־ישיבה וויל דעם בחור אַריינגעהמען צו זיך אין ישיבה אַריין, אויבוואָהל זי איז דעריף נישט בעשטאַנען, ווייל זי וויל זיך מיט איהם נישט צושיידען. איהר שיינדיל, ווייל זי האָבען ביי זיך אין דער־היים; זי זאָל

קאָנען וואָס צמאָל מוסר זיין די השגחה אויפ'ן געוועלביל אַ שכנה, און אַריינלויפען אויסקושען איהר בן יחיד אַלע אברים. נעמט זי איהם צו נאָך אַ גרעסערען תלמיד חכם, ער זאָל לערנען מיט'ן בחור אין דער־היים. און אינ'ם גרויסען תלמיד־חכם איז זי נכשל געוואָרען...

---

עס איז געווען איינער פון די פאַלשע תלמידי חכמים, וואָס לערנען נישט תורה לשמה, און האָבען נאָר אין זין זיך צו הייכען און צו קריינען אויפ'ן השבון פון דער תורה; האָט ער געפיהרט הנניא'ן אויף דעם אייגענעם דרך. ער האָט מיט איהם געלערנט נאָר פלפול און קונצען, ווי אַזוי אַלץ אָבצוּוועגדען. און האָט געפלאַנצט אין הנניא'ס האַרץ די ביטערע קרייטעכצער פון גאוה און נצהון. און הנניא האָט זיך געשווינד אויסגעלערנט די חכמה; וואָרום באמת איז עס נאָר אַ ה כ מ ה, אָבער קיין ת ו ר ה נישט. נישט דאָס האָט מען אויפ'ן באַרג סיני געמיינט. — נאָר דאָס האָט די מוטער און דער עולם אַרום נישט פערשטאַנען, האָט מען הנניא'ן נאָך מעהר געלויבט, און די מוטער — וואָס ווייסט אַ נאַרישע יודענע? — האָט דערפון נאָך מעהר נחת געהאַט...

און אין אַ צייט אַרום האָט הנניא מקבל געווען די גאַנצע תורה פון תלמיד הכם, און האָט געזאָגט דער מוטער, אַז ער דאַרף שוין קיין מלמד נישט האָבען, האָט די נאַרישע יודענע געמיינט, אַז עס עפענען זיך פאַר איהר אַלע שבעה רקיעים...

און הנניא איז געגאַנגען אויפ'ן דרך השקר שוין אויף דעם אייגענעם השבון, און פלעגט האָבען וואָס אַמאָל מעהר וכוהים מיט בהורים פון ישיבה און גלאַט לומדים, און אַלע גובר זיין און מבייש זיין, און מאַכען פאַר עם הארצים... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז עס איז אָנגעקומען צו'ם ראש ישיבה, האָט דער ראש־ישיבה געזאָגט: מעשה ילדות! דערפון וואַקסט אַ תלמיד הכם אויס! און האָט נאָר געהייסען געהן אין דיין נאָמען און זאָגען דער מוטער, זי זאָל איהם דערלאַנגען אַ פעטשיל דערפאַר!

— אַ מאַמע — זאָגט ער — מעג!

געדט, מן הסתם, די מוטער און גיט איהם אַ קוש פאַר'ן פעטשיל, און קויפט איהם נאָך אַ שענע מתנה פאַר זיין הכמה...

זעהט הנניא, אַז עס איז גוט אַזוי, ווערט ער נאָך מעהר מהוצף. לויפט ער אַרום אין שוהלען און בתי־מדרשים, און מאַכט זיינע קונצען.

וואו עס זיצט אַ מתמיד און לערנט, שטעלט ער איהם אָב אין דער איי־גענער סוגיא, וואָס יענער לערנט, און פרעגט קשיות, הערט תירוצים, און ווענדט אָב... אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז יענער ווערט פערטומעלט, און חנניא ווייזט פאַר'ן גאַנצען עולם, אַז דער מתמיד האָט קיין שום השגה נישט...

אַמאָל טרעפט ער, ווען אַ בחור זאָגט אַ חלוק, אָדער עס דרשנ'ט אַ תלמיד חכם, — און נאָך איידער יענער זאָגט „ובא לציון", שפּרינגט ער שוין אַרויף אויפ'ן בעלעמער, און מאַכט פון חלוק אשפּה, און צושניידט מיט'ן מויל, ווי מיט אַ שער, דעם דרש אויף פּיצליך, און צערייסט איהם ווי אַ שפּינוועבס, און מאַכט אַלע פאַר עם־הארצים.

לויפט מען ווייטער צו'ם ראש ישיבה, גיט ער אַרוי'ס אַ האַרבערען פּסק: געהט, זאָגט ער, צו דער מוטער און זאָגט איהר, אַז איך האָב געהייסען איהם אָבשמייסען...

קריגט חנניא פון דער מוטער נאָך שענערע מתנות און נאָך מעהר ממתקים; טהוט ער נאָך מעהר מעשים רעים. דערצעהלט מען ווייטער דעם ראש ישיבה, זיפצט ער אָב און זאָגט, אַז ער האָט איהם מורא מעניש צו זיין, אַזאַ למדן איז ער, אַז נאָר אַ מאַמע מעג. דערצעהלט מען איהם, וואָס די מוטער טהוט, הייסט ער, מען זאָל אַרויפשיקען חנניא'ן אַליין. קומט חנניא אַריין מיט עזות. און אַז דער ראש ישיבה הויבט אָן אַ שמועס וועגען תורה, האַקט ער איהם איבער מיט חוצפּה און פרעגט שפּיציגע קשיות, און קשיות אויף קשיות, און ווייזט זיין גבורה, און מישט צונויף ש"ס ופוסקים... איז אָבער דער ראש ישיבה אַ גרויסער ענו געווען, בייזערט ער זיך נישט, און זאָגט איהם געלאַסען:

— הער, חנניא! דיין גאַנצע הכמה איז נאָר אויף אָבווענדען, אַלע קשיות און תירוצים — אויף נישט אַזוי, אַליץ „ניין" און „ניין"... הייסט עס, אַז דו האָסט קיין גאַנצע תורה נישט... וויל די תורה האָט דאָך עשה'ן און לא תעשה'ן, האַלב הן און האַלב לאו, און דו האָסט נאָר: לאו און לאו... מעהר ווי העלפט וועסטו קיינמאָל נישט האָבען. אַ והא ראיה: זאָג עפּיס דיינס, דיין אייגענס אויף יאָ...

שווייגט חנניא; אין דעם איז זיין כח נישט געווען. זיין כח איז געווען „סתירה, נישט „בנין"..

פערענטפערט ער זיך:

— דאָס האָט מיך דער מלמד נישט געלערנט!

זאָגט איהם דער ראש ישיבה: דיין מלמד, חנניא, איז נפטר־געוואָרען, און עס ברענט איהם דאָס פייער אין גהינום און דער זכות פון דער תורה קאָן איהם נישט מציל זיין, — און ער וועט אַזוי ברענען, כל זמן דו, חנניא, וועסט נישט תשובה טהון און אויסרייסען פון הארץ דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט אין דיר פערזייהט...

— דאַרפסטו — זאָגט דער ראש־ישיבה ווייטער: רחמנות האָבען אי אויף דיר, אי אויף יענעם תלמיד חכם, און תשובה טהון און לערנען תורה לשמה....

לויפט חנניא אויפ'ן בית עלמין אַרויס און פרעגט זיך נאָך, צי דער און דער מלמד איז באמת נפטר געוואָרען? און ווען? ווייל ער האָט דערפון נישט געהערט. זאָגט מען איהם: יאָ, און די קבורה איז געווען ערשט נעכטען, און מען ווייזט איהם דעם וועג צו'ם קבר. זעהט ער, חנניא, ווי דאָס קבר איז איבער נאַכט פערוואָקסען געוואָרען מיט שטעכעדיגע און ברענענדיגע דערנער... פערשטעהט ער, וואָס דאָס בעטייט, און בעשליעסט זיך תשובה צו טהון...

מאַכט זיך אָבער, מעשה שטן, אַזאַ מעשה:

אין יענער צייט האָט געלעבט אין ירושלים אַ געוועזענער קצב, וואָס דאָס בית־דין־צדק האָט איהם אַריינגעזעצט אַ תלמיד חכם פאַר אַ נאמן, ווייל ער, דער קצב, איז געווען אַ חשוד על הטרפות; און אַז דער נאמן וויל ממלא זיין משלחתו באמונה און באמת משגיח זיין אויף דער יאַטקע, האַפּט דער קצב די האַק און וואַרפט דעם תלמיד חכם אין קאָפּ אַריין, און נעהמט איהם אָן אַ פערוואונדעטען, און וואַרפט איהם אַרויס אין גאַס אַריין. נסים מן השמים, וואָס מען האָט איהם אָבגעראַטעוועט. ווערט אַ רעש. געהט דער בית־דין־צדק און הייסט אויסרופען, אַז דעם קצב'ס פלייש איז פגול, טרפה ונבלה, ערגער ווי חזיר... איז אָבער דער קצב פון טרפות שוין אַ גביר געוואָרען, פערמאַכט ער גאָר אין גאַנצען די יאַטקע, און ווערט אַ מלוה ברבית, און מסר'ט דאָס בית־דין־צדק למלכות. האַפּט מען די דינים און מען וואַרפט זיי אין תפיסה אַריין, און מען איז זיי מחייב מלקות און גלות... און וואָס זאָל מען טהון, אַז ער האָט שוין קיין כשר'ע יאַטקע נישט? — דאַנקט מען און מען לויבט גאָט, אַז דער רשע האָט זיך דאָס האַרץ געקיהלט, און עס וועט שטיל ווערען.

איז נאָך דער עושר אַ רע לב און האָט אויף זיין אייגענער פרוטה קיין שליטה נישט געהאַט, און פלעגט נישט עסען, נישט טרינקען, און

אַרומגעהן קרועה בלואה. און אַז אַ מלבוש איז איהם אַראָבגעפאַלען פון לייב, האָט ער עס אויך נישט אַוועקגעשענקט קיין אָרעמאַן, נאָר פערקויפט בפרוטה אויף לאַטעס... און מגדל געווען האָט ער כלבים, עס זאָלען קיין אָרעמע לייט נישט מאַכען זיך קיין דריסת הרגל אין זיין הויז...

און קיין בנים זכרים האָט דער רשע נישט געהאַט, נאָר איין איינציגע טאָכטער חנה. ווייל אַ ווייב האָט ער געהאַט אַיין אשה צנועה און אַ צדקת, און נאָך דעם, ווי חנה איז געבוירען געוואָרען, און זי האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן דאָס התנהגות פון מאַן, האָט זי געבעטען גאָט, ער זאָל איהר טראַכט פערשליעסען, זי זאָל האָטש קיין בנים זכרים נישט האָבען, ווייל ברא כרעיה דאַבוהו, און וועלען בודאי אַרויסגעהן לתרבות רעה. האָט זי מעהר ווי די איינע טאָכטער נישט געהאַט און דעם מאַן מחזיר למוטב זיין האָט די צנועה נישט געקאָנט, האָט זי פריהער מקבל געווען אויף זיך די יסורים באהבה, וכאשר כשל כח הסבל — ווייל ער פלעגט זי פייניגען און רודפ׳ן, האָט זי אויף זיך אַליין געבעטען דעם טויט... און פאַר דער פטירה האָט זי בעשוואָרען די קרובים, זיי זאָלען זיך אַליין מתעסק זיין אין איהר קבורה, און דער מאַן זאָל אפילו פון איהר קבר נישט וויסען.

און דער רשע איז שוין אַיין אַלמן געבליבען. קיינער וויל איהם נישט געבען קיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. וואָהנט ער אַליין מיט דער בת יחידה חנה. און הפלא ופלא — זי, די בת יחידה זיינע, האָט ער דוקא שטאַרק ליעב געהאַט, און געהאַלטען, ווי אַיין אויג אין קאָפ, און האָט געוואָלט, זי זאָל מהנה זיין מכל המיני עולם הזה, און איז גרייט געווען פאַר איהר מבזבז צו זיין דאָס גאַנצע געלד, האָטש דאָס געלד איז איהם טייערער געווען פאַר דער נשמה.

וויל אָבער די טאָכטער נישט נהנה זיין, זי האָט אַ צואה פון דער מוטער, זי זאָל, אויסער ברויט מיט וואַסער, אין פאָטער׳ס הויז נישט עסען... און קיין טייערע קליידער וויל זי נישט און דאַרף נישט, ווייל זי קומט נישט אַרויס מפתח ביתה, זי זאָל נישט הערען, ווי מען שילט דעם פאָטער און מען איז איהם מבזה אין אַלע גאַסען.

און וואָס וועניגער די טאָכטער וויל נהנה זיין פון זיין גוטס, מעהר השק און תאוה האָט דער עושר איהר טובות צו טהון.

און אַז עס העלפט קיין איבעררייידען נישט, טראַכט ער: איין

מצבה וועט זי וועלען; איך וועל איהר געבען אַ מאַן אַ תּלמיד חכם.

וכשהגיעה לפרקה, ווייל ער פאַר איהר אויסזוכען אַ חתן, דאָס אויבערשטע פון שטויסעל — אַ למדן שבלמדנים; גיט ער לאַנד־שדכנים גרויסע רשימות, און ער אַליין לויפט אַרום אין ירושלים און אין דער סביבה אין אַלע ישיבות, און איז פּוסק אַ הון רב פאַר אַ גוטען בחור. און אַלין איז אומזיסט. קיינער וויל זיך נישט משדך זיין מיט דעם מנוול — וואָרום פון קרן האָט דאָך קיין שום בן אדם נישט געוואוסט.

ווערט דער עושר מלא חמה, בפרט אַז עס איז צו איהם גע־קומען אַמאָל אַ שדכן און געזאָגט איהם, ער זאָל אַוועקלעגען די גאוה און טהון, וואָס עס לאָזט זיך, און דערצעהלט איהם, אַז בשכנות וואָהנט אַ בעל מלאכה — אַ נהנה מיגיע כפּו, איין עהרליכער מאַן, וואָס וויל דיין טאָכטער, און וויל אַפילו קיין גראָשען געלד נישט, ווערט ער גאָר אונ־טערגעצוונדען!

וואָס דען טהוט ער?

פאַלט ער אויף איין עצה און זוכט אויס צוויי תלמידי חכמים אביונים, און גיט זיי געלד אויף הוצאות הדרך אויף צוויי יאָהר, אַחוץ פּרנסה, איבערצולאָזען פאַר ווייב און קינד אין ירושלים, און הייסט זיי אַרויסגעהן אין גאַנץ תפוצות ישראל, וואו זיין שלעכטער נאָמען האָט נאָך נישט דערגרייכט, און ברענגען איהם איין איידעם אַ תּלמיד חכם אַ מופלג.

יודען — אביונים, בעשטעהען זיי, — און נעהמען צידה לדרך, און לאָזען זיך אין וועג אַריין; און מעסטען אוים אין דער לענג און אין דער ברייט גאַנץ ארץ ישראל — און אַלץ בחנם.

און — אַ פשוט׳ע זאַך: די תלמידי חכמים האָבען אַלץ גערעדט וועגען נדן, קעסט און מתנות, און פון מהותן נישט גערעדט אַ וואָרט. און אַז מען האָט זיי געפרעגט וועגען מהותן, האָבען זיי זיך געמאַכט נישט הע־רענדיג, וואָרום קיין ליגען זאָגען האָבען זיי נישט געוואָלט; פער־שטעהט מען, אַז עס איז מיט אַ גרויסע סירכא, וויל מען נישט....

געהט אַוועק די צייט, וואָס דער עושר האָט זיי געגעבען, געהען די תלמידי חכמים צוריק בידים ריקות, און שטעלען זיך אָב בייַ די טויערן פון ירושלים מיט גרויס פּחד; ווען נישט וואָס זיי וואָלטען איבערגעלאָזט קינדער — לעבעדיגע יתומים און ווייבער עגונות, וואָלטען זיי בעסער אויף דער מדינה אַרוים, און אַהיים נישט געקומען, וואָרום די־

ווייסען, אַז דער עושר וועט זיי נישט גלויבען, און מיינען, אַז זיי האָבען זייער'ס נישט געטהון בשלמות. און וועט זיי רודפ'ן עד הרמה און הם ושלום נאָך איבערגעבען אין גוישע הענד... זיצען זיי אַזוי און טרויערן.

און ווי זיי זיצען אַזוי פאַר'ן טויער פון שטאָדט ירושלים און טרויערן, גענעהנט זיך צו זיי איין אָרים־בחור, אָנגעטהון אין ווייסע לייך־וואַנד מיט אַ האַנפענעם שטריק אַרום די לענדען, און אַ פראָסטען וואַלד־שטעקען פון אַ מאַנדעל־בוים אין דער האַנד; און ער געהט צו צו זיי, און גיט זיי שלום, און פרעגט זיי, צי זיי ווילען נישט טרינקען, און וואָס זיי ציצען אַזוי פערשמאַכט; און זאָגט זיי, אַז ער וואָהנט דאָ אין דער מדבר און ער ווייסט פון אַ באר מים חיים, און עס איז נישט זעהר ווייט פון דאַנען, און אויב זיי ווילען, וועט ער זיי פיהרען צום קוואַל... ווייל ער האָט קיין כלי נישט אַהער צו ברענגען וואַסער. זאָגען זיי איהם, אַז דורשטיג זענען זיי נישט, נאָר זיי האָבען אַזוי עגמת נפש, און עס מאַכט זיך אַ שמועס, פרעגען זיי ביי איהם, ווער ער איז; זאָגט ער זיי, אַז ער איז אַ נע ונד, ווייל ער איז אַ יתום אָהן טאַטע־מאַמע, לעבט ער הוץ לישוב און שפייזט זיך פון קרייטעכצער...

— און ווילסט גאָר נישט לערנען קיין תורה?

ענטפערט ער זיי, אַז ער לערנט תורה; אַז אַלע נאַכט, ווען עס ווערט פינסטער אין מדבר, קומט צו איהם איין אַלטער מאַן, און לערנט מיט איהם בעל פה... און ער דערזעהט דעם אַלטען מאַן נאָר פון ווייטענס, ווייל עס לייכטען איהם די אויגען אין דער פינסטער ווי די שטערן, און די ווייסע באָרד זיינע איז בלאַנק ווי שניי, און דער אַלטער מאַן קומט צו איהם נאַכט אויף נאַכט און זעצט זיך נעב איהם און לערנט מיט איהם ש"ס ופוסקים, ספרי, ספרא און תוספתא... ווילען זיי איהם פערהערען, צו זעהן אויב ער זאָגט אמת. ווייזט ער זיך אַ גאון עולם... פערל שיטען זיך איהם פון מויל... פרעגען זיי איהם, פאַר וואָס ער האָט פערלאָזט די מדבר, און וואָס ער טהוט אונטער די טויערן פון ירושלים? דערצעהלט ער זיי בתמימות, אַז נעכטען האָט זיך מיט איהם דער אַלטער מאַן געזועגענט און געזאָגט, אַז ער וועט שוין מעהר צו איהם נישט קומען, און ער האָט איהם געוויזען דעם וועג קיין ירושלים, און געהייסען איהם געהן אין דער הייליגער שטאָדט אַריין, וואו ער וועט געפינען זיין זווג און זיין מזל, און וועט זיצען על התורה ועל העבודה. און איך— זאָגט ער — מוז דעם אַלטען פאָלגען... ווערען

זיי, די תלמידי חכמים, דערפרעהט, און זאָגען איהם: קום, בחור, מיט אונז, מיר האָבען פאַר דיר אַ וואוילען שדוך. געגעהט ער מיט זיי... פיהרען זיי איהם גלייך אַריין צום גביר, און זאָגען איהם: אַל תפּט אֶל מראהו" — עס איז אַ גאון עולם; אליהו הנביא אַליין האָט מיט איהם תורה געלערנט. גלייבט זיי הער גביר און דערפרעהט זיך, און מאַכט באַלד אַ סעודה, און שרייבט תנאים און איז מגביל זמן החתונה אינגאַנצען אויף צוויי וואָכען. ער האָט מורא פאַר אַיין עין הרע און אַ בייז וואָרט... און קודם כל נעהמט ער פון חתן אַראָב די קליידער און נעהמט צו דעם שטעקען, און איז איהם מלביש ומנעיל כיד הגביר, און די אַלטע קליידער בעהאַלט ער צום פערקויפען, תיכף ומיד נאָך דער חתונה, דעם ערשטען בעסטען אויף לאַטעס פאַר אַ פרוטה... און די זאַך בעקומט אין שטאָדט אַ שם. טייל זאָגען: דער ערגסטער הונד האָפט דעם בעסטען ביין... אַנדערע הענגען עס אָן אין דעם זכות פון דער כלה'ס מוטער. דאָס האָט די צנועה אויסגעבעטען. נאָך אַנדערע — אַז בכלל זענען גאָט'ס הרכים גישט צו פערשטעהן...

די צוויי וואָכען געהען בשלום פאַרביי, און עס קומט דער טאָג פון דער החתונה. און צוליעב דעם טאָכטער האָט דער כלי אוועקגענומען די האַנד פון האַריץ, און געמאַכט אַ הילולא, וואָס די וועלט זעהט עס נישט. און לכבוד דעם חתן, זענען אַלע נכבדים פון ירושלים געקומען אויף דער חתונה, און צום החתן'מאָל — אַלע בחורים פון די ישיבות...

— און די צייט פון פאַרן בעדעקענס — דערצעהלט חנניא ווייטער — איז געקומען, דער חתן זאָגט פאַר אונז בחורים און במעמד תלמידי חכמים, דיינים און דעם ראש ישיבה — אַ שאַרפען חלוק... אין דער צווייטער שטוב איז מען שוין גרייט צום בעדעקענס... די כלי־זמר שפּיעלען שוין מוסר, און די אונטערפיהרערס פון החתן'ס צד, דער רב און דער ראש ישיבה, האַלטען שוין הבדלות אין די הענד און דעם חתן'ס תורה גיסט זיך נאָך אַליין ווי בוימ'ל, און צוגעהט זיך, ווי אַ רית פון בשמים, און די אויגען זיינע לויכטען ווי די שטערן... אַלע גאַפען און הערען, חנניא אויך. ער האַלט וואָרט. עס פאַלט איהם גאָר נישט איין איהם אַבצוווענדען. אדרבא, ער האָט נחת פון פרעמדען חלוק: ער פרעהט זיך, אַז פון אַצונד אָן וועט ער האָבען אַ חבר, מיט וועלכען עס וועט כדאי זיין צו לערנען און צו רעדען וועגען לערנען. און עס האָט זיך שוין אין איהם דערוועקט אפילו אַ ליעבשאַפט צום חתן, אַ הייסע ליעבשאַפט. עס פער-

גלוסט זיך איהם דוקא אויפצושטעהן און צוגעהן און קושען דעם התן... און ער טהוט עס. אָבער אין גאַנג האָט ער זיך אויסגעגליטשט! פאַרבייגעהענדיג דעם עולם, הערט ער, ווי איין בחור זאָגט צום צווייטען: דער התן קאָן בעסער לערנען פאַר הנניא'ן. און יענער ענטפערט: הנניא איז אַ גולם געגען איהם... און דאָס איז שוין פאַר הנניא'ן אַ צו גרויסער נסיון געווען... עס האָט איהם אָנגעהאַפּט ביין הארץ, עס האָט אויפגעפלאַקערט אין איהם אַ וואונד, גלייך אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטהון — הוא הנחש — הוא היצר־הרע! און ער בלייבט שטעהן, שטעלט זיך אויף די נעגעל, הייבט פלוצלונג אָן רעדען, אָבצוווענדען, און פון מויל שיט זיך איהם פעך און סמאָלע... פלוצלונג דערפיהלט ער, אַז ער פערזינדיגט זיין נשמה, אַז ער גערהט קעגען אליהו הנביא'ס תורה, קעגען תורת אמת... אַז ער שטעכט דער תורה אין הארץ אַריין שפּיזען און שווערדען, אַז ער טייט די תורה. און ער דערשרעקט זיך און וויל אויפהערען רעדען, און קאָן נישט... עס רעדט זיך שוין אָהן זיין רצון, קעגען זיין ווילען, עס רעדט פון איהם אַ ניט־גוטער אַרויס! און ער זעהט, ווי דער התן ווערט בלאַס פאַר שרעק, ווי ער וואַקעלט זיך און פאַלט פאַר חולשת הדעת אויף אַ שטוהל...

און באותו הרגע ווערט אַ גיהנום אין שטוב. דער סקגער ווערט מלא הימה און ברילט ווי אַ לייב: מקח טעות! מקח טעות!... און לויפט אַרום ווי משוגע, און ער זוכט און האַפּט די אָרימע תלמידי הכמים, די שליהים און שדכנים זיינע, און שלאָגט זיי און הייסט זיי אויס די בערד, און לויפט קעגענאיבער צו די כלי־זמר און רייסט זיי די כלים פון די הענד אַרויס, און וואַרפט און צושמעטערט זיי. און לויפט־צו צו דער כלה אין מיטען שטוב און רייסט זי אַוועק פון בעדעקענס. און לויפט ערגיץ אין אַ קאַמער אַרויס און ברענגט אַריין דעם התן'ס אַלטע מלבושים: דאָס לייננוואַנטענע מלבוש מיט'ן האַנפענעם שטריק און וויסען וואַלד־שטעקען. און רייסט אַראָב פון פער'הלש'טען חתן די נייע מלבושים, און שטופּט איהם אַרויס אַ נאַקעטען פון טהיר, און וואַרפט איהם נאָך די אַלטע מלבושים... און די אנשים השובים פון ירושלים און אַלע התונה געסט ענטלויפען פאַר שרעק... איין הנניא בלייבט. ער שטעהט נאָך אַלץ פערשטאַרט אויפ'ן אָרט, און הערט, ווי דער עושר שרייט: אַ שאָד די סעודה! ברענגט מיר אַריין דעם סטאָליאַר — שרייט ער — האַלט גרייט די חופּה!... רייסט ער קוים די פיס אָב פון פאָדלאָגע און ענטלויפט פון שטוב אַרויס. און באַלד אין

גאַס איז איהם אַקעגען געקומען דער ראש-ישיבה; ער שטעלט איהם אָב און זאָגט איהם: הנגיא, דו קענסט הרוב מאַכען אַ וועלט, פערגעס בעסער דאָס לערנען!...

— און באותו הרגע— דערצעהלט חנניא, האָט מיר עפּעס אַ קנאַק געטהון אין מה, עפּיס האָט דאָרט געפּלאַצט, און איך בין געבליבען ווי אַ לערע שטייג אָהן טויבען, אָהן אַ וואָרט תורה! פאַל איך דעם ראש ישיבה צו די פיס, און בעט אַ תשובה, זיפצט ער:— ווער ווייסט, צי עס וועט העלפען.

הויב איך אָן שטאַרק צו וויינען, ווייזט ער מיר, אַז נישט ווייט, אונטער אַ ווינקעל פון אַ הויז, שטעהט דער חתן, וואָס ווייסט נישט, וואו אוים און וואו אַיין אין דער פרעמדער שטאָדט.

— צו אַלעם ערשטען— זאָגט ער— געה צו איהם צו און בעט ביי איהם מהילה...

האָב איך מורא צו געהן, שטופּט ער מיך אונטער:

— געה און פועל ביי איהם, ער זאָל מיט דיר אַהיים געהן צו דיין מאַמען... איך וועל אויך אונטערקומען.

געה איך צו צום מבוישין חתן; דערזעהט ער מיך, און לויפט מיר אַ קעגען. און לאָזט מיך צום וואָרט נישט קומען, און רופט צו מיר:

— מוהל. מוהל! במחילה גמורה; עס איז קיין זווג נישט געווען! געוואָלט וואָלט איך בעסער, ער זאָל מיך דורסין; און ער לעגט מיר די האַנד אויף מיין אַקסעל און רופט מיך: חבר!

זאָג איך: וואָס פאַר אַ חבר קאָן זיין אַיין עם הארץ מיט אַ תלמיד חכם? גאַפט ער. און איך דערצעהל איהם פון דער קללה, מיט וועלכער דער ראש ישיבה האָט מיך פערשאָלטען. ענטפערט ער מיר:

— אַז עס וועט זיך מיר בעווייזען מיין אַלטער רבי (אליהו הנביא, הייסט עס), וועל איך איהם בעטען פאַר דיר!

פיהר איך איהם צו מיין מאַמען, און לייד אויפ'ן וועג חבוט הקבר! ער רעדט צו מיר תורה, און איך פערשטעה נישט אַ וואָרט.... און עס וויינט מיר דאָס האַרץ פאַר בענקשאַפט צו דער תורה... און אין דער נשמה איז פינסטער און פייכט, ווי ביי-נאַכט אין אַ הורבה... קומען מיר אַריין צו דער מאַמען, פאַל איך איהר אויפ'ן האַלז מיט אַ געוויין:

— מאַמישי, גאָט האָט מיך און דיך געשטראָפט... אַצונד האָסטו אַ זוהן אַיין עם האָרץ!

ווערט איהר נעביך נישט גוט און עס ציטערט איהר קול:
— ווי הייסט... ווי אַזוי? ווער האָט עס ד״ר אַיין עין־הרע געטהון?
דערצעהל איך איהר די גאַנצע מעשה, און וויז איהר, אַז דאָס איז דער חתן, וואָס איך האָב איהם פערשעמט, פערברעכט די מאַמע איהרע הענד און וויינט מיט אַ פערביטערט קול, און אסתר, די שוועסטער מיינע, שטעלט זיך אין אַ ווינקעלע מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד, און גיסט טרעהרען... באותו רגע קומט אַריין דער ראש־ישיבה און ווענדט זיך קודם כל צו אסתר׳ן:
— הער, כלה, געה אין קיך אַריין, און מאַך עפּיס צו עסען פאַר דעם תלמיד חכם...— ווייזט ער אָן מיט דער האַנד אויף דעם פרעמדען בחור — און אַז דיין מזל וועט שיינען,— לעגט ער צו — וועט ער זיין דיין זווג.
פערצאָגט קוקט זיך אסתר אום אויף דעם חתן און זיין הולך, נאָר דעם ראש־ישיבה פאָלגט זי און געהט אַרויס...
און דער ראש־ישיבה ווענדט זיך צו דער מאַמען:
—אַצונד— זאָגט ער— איז נישט קיין צייט פון וויינען... און דו האָסט דיך אויך פערזינדיגט דערמיט, וואָס דו האָסט פאַר אסתר׳ן נישט געזאָרגט אַז הנניא׳ן נישט געשטראָפט... נישט גוט! נישט גוט!
הויבט די מאַמע אָן נאָך שטאַרקער צו וויינען.
— נישט וויינען—, זאָגט נאָך אַמאָל דער ראש־ישיבה — טהון דאַרף מען.
— וואָס? וואָס?— קלאָגט די מאַמע.
— און דו וועסט מיך פאָלגען?— פרעגט דער ראש־ישיבה.
— פאָלגען, פאָלגען! איילט זיך די מאַמע צו זאָגען.
זאָגט דער ראש־ישיבה אַזוי:
— קודם. מאַך התונה אסתר׳ן... אָט איז איהר זווג!
רייסט זיך אַרויס פון דער מאַמעס האַרץ אַ געוויין:
— דער בחור אין לײַנוואַנד, מיט׳ן שטעקען?
— דאָס איז דער בחור, וואָס אליהו הנביא האָט מיט איהם תורה געלערנט. אַזוי פאָלגסטו, קרובה?
— זייט מיר מוחל, רבי... איך פאָלג שוין, איך פאָלג...
— און דיין זוהן,— זאָגט ער ווייטער — מוז געהן גלות אָפּריכטען, ביז דעם רחמנ׳ס רחמנות וועט זיך אויף איהם דערוועקען, און דו וועסט פון איהם אויך נחת האָבען, נאָר שפּעטער... עלטער איז אסתר!...

— און דו, — ווענדט ער זיך צו מיר — דיר וואָלט אפשר קיין תשובה נישט געהאָלפען פאַר דיין גרויסע זינד... האָסטו אָבער אַ נס. וואָס עס איז קיין זווג נישט געווען, און עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ טובה, אי פאַר'ן חתן, אי פאַר דער כלה!

— דער כלה אויך?...— וואונדערט זיך די מאַמע

ענטפערט דער ראש ישיבה:

— זיי ווייסען, אַז לאה, דעם רשע'ס טאָכטער, איז אַ בעהאַלטענע צנועה, און איהר מוטער די צדקת האָט זיך פאַר איהר געמיהט אין די עולמות העליונים, און אויסגעבעטען פאַר איהם אַ למד־וואָו'ניק... און דאָס איז ער טאַקע, דער סטאָליאַר, וואָס דער עושר האָט איהם געשלעפּט צו דער חופה. די סעודה זאָל נישט קאַליע ווערען. נאָר דאָס, בעט איך, זאָל בלייבען בסוד סודות, ביז ער וועט נישט אַליין נתגלה ווערען!...

— גאָט'ס נסים! זאָגט די מאַמע, שוין אַביסעל געטרייסט.

— און אַצונד— זאָגט ער ווייטער צו מיר און צום חתן — אַצונד, מיינע ליעבע קינדער, טוישט אייך מיט די מלבושים!...

— און דו,— זאָגט ער צו מיר— געה תיכף ומיד אין גלות אַריין... און דעם שטעקען נעהם און היט איהם, ווי איין אויג אין קאָפּ. ביינאַכט האַלט איהם צו קאָפּענס, וואו דו וועסט שלאָפען. און איך וועל מתפלל זיין, עס זאָל קומען דיין הילף און דער שטעקען זאָל אויפבליהען, און דעמאָלט וועט דיין נשמה אויך אויפבליהען און דו וועסט דיך אַליין דער־מאָנען. נאָר געדענק, ערשט דעמאָלט וועסטו מעגען אָנטהון אַנדערע מלבושים, און אַצונד געה און געזעגען דיך נישט מיט קיינעם.

כהרף עין האָב איך מיך איבערגעטהון אין דעם חתן'ס קליידער, און באותו רגע קומט אַריין מיין שוועסטער מיט אַ פאַנקוכען אויף אַ טעלער אין דער האַנד, און ווי די דערזעהט אונז אין די פערטוישטע מלבושים, האָט זי פאַר שרעק אַראָבגעלאָזט דעם טעלער מיט'ן פאַנ־קוכען, און דער טעלער האָט געפּלאַצט מיט אַ הויכען קלאַנג, און דער ראש ישיבה האָט אויסגערופען: — „מזל טוב, מזל טוב!"

מעהר האָב איך שוין נישט געהערט, איך בין באַלד אַרויס פון שטוב.

---

און אַזוי ווי ער איז אַרויס פון ירושלים— דערצעהלט חנניא— האָט ער תיכף ומיד פערבלאָנדזעט אין אַ מדבר, אָהן ברויט און אָהן וואַסער.

גאָר נישט צו ברויט און וואַסער האָט ער געגלוסט, פאַר'ן גוף האָט חנניא יוצא געווען מיט גרעזלעך, וואָס געפינען זיך אַמאָל אין מדבר... און געווען איז ער שטענדיג בחזקת סכנה, צווישען אַלערליי חיות, נחשים ועקרבים, נאָר זיי האָבען איהם גאָר נישט געטהון... פלעגען עפּיס ברומען צווישען זיך און אַראָבגעהן פון וועג. האָט ער, חנניא, פערשטאַנען, אַז זיי האָבען אויף איהם קיין שליטה נישט, ווייל זיין פסק איז נאָר „נע ונד". און איינמאָל האָט ער אפילו געהערט בחוש, ווי אַ קול רופט אויס— „זה שייך"... — נאָר צו וועמען, האָט ער נישט דערהערט...

און אַזוי האָט ער אַרומגעבלאָנדזעט טאָג און נאַכט, און געטראַכט און געטרויערט האָט ער אויף זיינע יונגע יאָהרען, וואָס געהען אַוועק אָהן תורה, אָהן ליכט, אָהן אַ שטראַהל פאַר זיין פינסטערן מח... וואָלט ער האָטש אַ וואָרט תורה געהערט! האָטש אַ סדור ער זאָל האָבען... בעל־פה קען ער אפילו נישט דאַווענען, גאָר ניט.

איינמאָל, דערצעהלט ער, האָט ער זיך געשאָטען זאַמד אויפ'ן קאָפּ און לשם צער זיך געשטעלט אויף איין פוס, און אַליין אינאיינעם געשריען אין הימעל אריין „תורה!" „תורה!", נישט מעהר ווי דאָס איינע וואָרט... און געשריען האָט ער מיט מסירת נפש... לאַנג, לאַנג, ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען, און ער איז געפאַלען אויף דער ערד און איז איינגעשלאָפען פערשמאַכט, און געפיהלט, אַז ער וויינט אין שלאָף אויך און שרייט: תורה! תורה!... בעווייזט זיך איהם דער ראש־ישיבה, אָנגעטהון אין תכריכים און אַ גאָלדענע קרוין אויפ'ן קאָפּ, און האָט איהם אַזוי געזאָגט:

— שטעה אויף, חנניא, דיין רפואה הויבט זיך אָן... גאָט האָט געהערט דיין געבעט, און אליהו הנביא האָט זיך פאַר דיר געמיהט, שטעה אויף און געה פאַר דיר, וואו די אויגען וועלען דיך טראָגען. וועסטו קומען קיין צפת, און זאָלסט אַריינגעהן צום לב־טוב, ר' חייא'ן, און וועסט זיך פאַר איהם מתודה זיין, און בעטען, ער זאָל דיך אַריינגעמען אין זיין ישיבה, און ער וועט דיר נישט אָבזאָגען, און אַז דו וועסט אַלט ווערען אַכצעהן יאָ"ר, וועט ער דיר געפינען דיין זיוג, און ער וועט מתפלל זיין פאַר דיר, און זיין תפלה מאַכט שטענדיג אַ רושם פאַר'ן כסא הכבוד. אַ היינט דעם— איז חופה מכפר, און שבע ברכות אויך... וועסטו געהאָלפען ווערען... און צום אַכטען טאָג נאָך דער חופה וועסטו זיך אויפהאַפּען אין דערפריה, וועט דער שטעקען ביי דיר צו־קאָפּענס שוין האָבען אויפגעבליהט און שפּראָצען מאַנדלען, און בליהען און שפּראָצען וועט אויך

אין דיר די נשמה...

— און דו וועסט זיך אַלץ דערמאַהנען, אויסער דעם שלעכטען, און וועסט זאָגען פאַר ר׳ חייאַ׳ן א חלוק, א בנין, נישט קיין סתירה; און ר׳ חייא וועט פון דיר נחת האָבען... נאָר צי וועסטו לאַנג לעבען,— זאָגט ער— ווייס איך נישט....

און ער איז נעלם געוואָרען, און איך האָב מיך אויפגעהאַפּט פאַר טאָג און געגאַנגען, ביז איך בין געקומען צו אייך, רבי...

אַזוי דערצעהלט חנניא, און ר׳ חייא קוקט אויף איהם מיט גרויס צער און פרעגט:

— און ווי אַלט ביסטו, חנניא?

— זיעבצעהן יאָהר און צעהן חדשים.

פערטראַכט זיך ר׳ חייא... „נעביך — טראַכט ער — אָהן אריכת ימים"! דערווייל הויבט חנניא אויף זיינע גרויסע אויגען אויף ר׳ חייאַ׳ן און זאָגט מיט אַ הארציג געבעט, שטיל און פערציטערט:

— רבי, וועט איהר מיך אַריינגעהמען אין דער ישיבה?

„אַ לעערע נשמה — טראַכט ר׳ חייא— אָהן אַ וואָרט תורה, און פון האַלז שפּיעלט אַרויס דוד המלך׳ס פּיעדעלע" — און הויך זאָגט ער:

— געה, מיין קינד, שלאָפען... זאָג דעם ריש דוכנא, ער זאָל דיר ווייזען וואו, און קום מאָרגען פריה צו מיר נאָך תשובה. אַצונד געה, מיין קינד...

חנניא געהט אַרויס, און ר׳ חייא בלייבט נאָך אַ ווייל אין סוכה, ער קוקט דורכ׳ן פענסטעריל אין הימעל אַריין און פרעגט:

— זאָל עס זיין ד ע ר ?...

נאָר דער הימעל איז פערוואָלקענט און שווייגט.

און פאַר וואָס ר׳ חייאַ׳ן איז שווער געווען צו געבען חנניאַ׳ן תשובה באַלד אויפ׳ן אָרט, וועט מען זעהן אין שמועס מיט חנניאַ׳ן צו מאָרגענ׳ס אין דערפריה.

— חנניא בני,— זאָגט ער איהם אין אַ בעזונדער חדר — זיי וויסען, מיין קינד, אַז בנוגע צו דיין בקשה, איך זאָל דיך אַריינגעהמען אין מיין ישיבה אַריין, איז פון מיין צד קיין מניעה נישט, נאָר...

הויבט חנניא אָן אויפ׳ן גאַנצען לייב צו ציטערן.

— רבי,— זאָגט ער— לאָזט מיך זיצען, ווי אַם ווייטסטען פון אייך, ערגיץ אין איין עק באַנק, אין אַ פינסטער ווינקעלע, איך וויל נאָר הערען,

וואָס אידר וועט זאָגען פֿאַר זיי, פֿאַר די תּלמידים... נאָר הערען וויל איך...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וויל.— טרייסט איהם ר' חייא — נאָר, זאָגט ער, איך האָב פּחד, עס זענען דאָך פֿאַרט יונגע לייט, מעשׂה נערות, זיי וועלען אויס דיר, חס־ושלום, חוזק מאַכען...... און דערצו, לאָמיר זיך נישט נאַרען, חנניא, תּלמידי חכמים זענען זיי דאָך, און דו דערוויל... און די שׂנאה פֿון אַ תּלמיד חכם צו אַ עם הארץ איז גרויס... וועסטו ליידען יסורים פֿון זיי, דאָס האָב איך מורא...

שרייט אויס חנניא מיט פֿרייד:

— אדרבא, רבּי, איך דאַרף ליידען און אָבקומען, וואָס מעהר בּושׁ, וואָס מעהר יסורים; וועט געשווינדער אַראָב די קללה:

— זאָל זיין אַזוי,— איז ר' חייא מרוצה— האָב איך אָבער מורא, עס זאָל זיי, חס ושלום, נישט שאַטען, המלבּין פּני חבירו בּרבּים...

בּעווייזען זיך דערוויל פֿייערלעך אין חנניא'ס אויגען:

— וואָס איז טייטש, רבּי?

- עס איז טייטש, אַז איינער פֿערשעמט זיין חבר, בּרבּים— צווישען מענשען— פֿערליערט ער זיין חלק עולם הבּא!

ווערט חנניא נאָך מעהר דערפֿרעהט.

— הייסט עס — זאָגט ער — רבּי, אויב איך וועל אָבקומען, און די קללה וועט אַראָב פֿון מיין נשמה, וועל איך אַליין קיין חלק לעולם הבּא ניט האָבען און לערנען וועל איך תּורה טאַקע לשמה, נישט האָפֿענדיג אויף שׂכר...

הלואי, רבּי, הלואי!

ר' חייא'ס האַרץ זאַפּט איין זיינע ווערטער ווי איין שמעקענדיגען בּוים־אייל.

— אָבער זיי,— טענה'ט ער— די תּלמידים? ווי קען איך זיי לאָזען שטרויכלען און פֿערליערען עולם הבּא.

בּלייבּט חנניא אַ ווײַלע שטיל און דערנאָך פֿרעגט ער:

— און ווי איז, רבּי, אַז איך בּין זיי מוחל, פֿאָראויס מוחל...

— „למפרע", הייסט עס!— טייטשט זיך אויס ר' חייא, און נעהמט חנניא'ן אָן בּיי דער האַנד און פֿיהרט איהם מיט זיך אין ישיבה אַריין, און זעצט איהם לויט זיין פֿערלאַנג בּעזונדער, גאָר אָן אַ זייט פֿון די תּלמידים.

און ר׳ חייא זאָגט דעם שעור, און, פון צייט צו צייט, וואַרפט ער איין אויג אויף חנניא׳ן. זעהט ער, ווי דער בחור זיצט מיט פערמאַכטע אויגען, נאָר אָפענע אויערן, און הערט זיך איין צום שעור, און זיין פנים רויטעלט זיך, ווען ער האַפט אַ וואָרט, און ווערט בלאַס פאַר שרעק, אַז עס ווערט איהם עפּיס פערלאָרען. און טיילמאָל פאַלט אויף איהם אַ מרה שחורה, ווען ער קען אפילו דאָס טייטש־וואָרט נישט האַפּען. דערמאַנט עס ר׳ חייא׳ן אָן אַ פערשמאַכטען קעמעל, וואָס בלאָנדזשעט אין מדבר, און האָט יסורים פון דאָרשט, און נחת דערפון, וואָס עס הערט פון וויטענס אַ קלאָר ריזלען פון אַ קוואַל...

און אַמאָל הערט ער, ווי די תלמידים מורמלען צווישען זיך וועגען חנניא׳ן, טייטען אויף איהם מיט די פינגער, און זיין אויער האַפט בלבולים ווי בור, עם־הארץ... האָט ר׳ חייא גרויס צער דערפון, און דאָך שרייט ער אויף זיי נישט אָן, ווייל ער זעהט, ווי חנניא הויבט דעמאָלט אויף די אויגען, און קוקט אויף די תלמידים, וואָס ווילען איהם פייניגען דערמיט, מיט פרייד, מיט ליעבשאַפט, גלייך זיי וואָלטען איהם די גרעסטע טובה געטהון... זאָגט ער ווייטער דעם שעור...

און ר׳ חייא זאָגט, און די תלמידים פרעגען קשיות, און ר׳ חייא ענטפערט, און מען אַמפערט זיך, נאָר איין חנניא שווייגט, ער זאָל קיין פאַרע פון מויל נישט אַרויסלאָזען, און פיהרט מיט קיינעם קיין חברותא נישט. און דאָס מסירת נפש, מיט וועלכען ער לאָקערט אויף יעדעס וואָרט, איז צוגאָסען אויף זיין פנים... און אַז דער שעור ענדיגט זיך, געהט ער אַרויס דער לעצטער, און די פאָר שעה פאַר מנחה, געהט ער אַ ביסעל אַרום איינער אַליין און אויף אָבגעלעגענע און פערוואַקסענע וועגען, ביז ער קומט צו צו אַ פערגעסענע סוכה צווישען אָלעאַנדער בוימער, און זעצט זיך דאָרט אין התבודדות און קומט ערשט אַרויס צו מנחה־צייט.

---

איין מאָל קומט דער ריש דוכנא צו ר׳ חייא׳ן, זיך איין עצה האַלטען, צי ער איז נישט מחויב, געהן איבערבעטען דעם בחור חנניא.

— וואָס איז פאַר אַ נייעס? — פרעגט ר׳ חייא — האָסט זיך ווייטער געבייזערט?

— הס ושלום! — זאָגט דער ריש־דוכנא — און דערצעהלט איהם, אַז ווען עס קומט איהם אויס פאָרבייצוגעהן ביי דער סוכה צווישען די אָלע־אַנדער ביימער, הערט ער פון סוכה אַרויס חנניא׳ס קול — אָדער ער

הזר׳ט זיך איבער די ווערטער פון שיעור מיט עברי-טייטש, אָדער ער איז מתפלל צום הימעל מיט גרויס געבעט און דבקות, און רופט אַלץ אינאיינעם: תורה — תורה — תורה! ווי אַ הונגעריגער בעט זיך ברויט...

— זעה איך,— זאָגט דער ריש-דוכנא,— אַז עס איז אַ גרויסער בעל-תשובה, האָב איך מורא, צי האָב איך איהם דעמאָלט נישט מבייש געשטעלט און צי איך וועל נישט האָבען קיין עונש דערפאַר.

האַלט איהם ר׳ חייא דערפון אָב, ווייל ער ווייסט, אַז חנניא דאַרף נאָך אַלץ אָבקומען; נאָר ער האָט גרויס הנאה דערפון, וואָס מען הייבט אָן אויפ׳ן בחור חנניא אַ מבין צו זיין; בפרט, אַז ער האָט בעמערקט, אַז אפילו די תלמידים פון ישיבה קריגען פאַר איהם, נישט ווילענדיג, דרך-אֶרץ...

און ער קלערט ווייטער: צי איז עס נייזט מרים׳ס בעשערטער? און ענטפערט זיך מיט צער: פאָרט איין עם-הארץ.

איינמאָל געהט ר׳ חייא אומישנע פאַר מנחה אַראָב צו חנניא׳ן אין סוכּה, אויסצופאָרשען, וואו ער האַלט אין למוד.

— ביזט שוין עפּעס תופס? — פרעגט ער.

— דערווייל נאָך נישט, רבי! די זכיה האָב איך נאָך נישט געהאַט, נאָר הערען הער איך, וואָס אַמאָל מעדר, וואָס אַמאָל שאַרפער און בעהאַלט אין זכרון וואָס אַמאָל מעדר טייטש-ווערטער.

שווייגט ר׳ חייא און זיפצט.

און חנניא בעט זיך רחמים:

— רבי, איהר האָט דאָך געזאָגט „ישיתנה" — דאָס וואָרט איז מיר געבליבען אין זכרון, עס לייכט אין מיין פינסטערער נשמה, ווי אויסגעזעצט מיט בריליאַנטען... לאָזט מיך רעדען פאַר אייך!

— אדרבא! — איז ר׳ חייא מסכים.

— רבי, מיט מיר געשעהט עפּעס וואונדערליכעס! אין אָנהייב, באַלד דעם ערשטען טאָג, אַז איך בין געזעסען פאַר אייך מיט פערמאַכטע אויגען און האָב געלאָקערט מיט אָפענע אויערן, זיי זאָלען, חלילה, קיין וואָרט נישט פערלירען,— אַזוי ווי איך האָב די אויגען פערמאַכט, האָט זיך מיר אָנגעהויבען דאַכטען, אַז איך געה נאָך אַלץ אַרום און בלאָנדזשע אין מדבר, און בין פערשמאַכט, און די צונג איז מיר צוגעקלעפּט צום גומען פאַר דאָרשט... נאָר פון ווייטענס הער איך, ווי עס ריזעלט אַ קלאָר, קלאָר וואַסער, מיט אַ זיס, היימיש קול, וואָס קלינגט ווי אַ בשורה טובה,

א פריש נחת פאר דער נשמה... און איך האב געפיהלט, אז גאט'ס רחמנות וועקט זיך איבער מיר, און פיהרט מיך אויפ'ן גלייכען וועג צו'ם קוואל, און איך גענעהן מיך צו איהם, צו'ם לעבעדיגען וואסער, און דער קוואל גענעהנט זיך אויך צו מיר און קומט מיר אקעגען! און איך ווייס דאך, ווער דער קוואל מיט זיין לעבעדיג וואסער איז, איך האב דאך אמאל פון איהם געטרונקען, נאר א שלעכטער מענש האט מיך איבערגע-דייבערט און אוועקגעפיהרט פון קוואל צו שלעכט וואסער, צו פערסמ'ט וואסער, און איך האב געמיינט, אז דאס איז טהוי פון הימעל... און אצונד האט מיר גאט געהאלפען. איך געה צוריק, און דער קוואל קומט מיר אקעגען. ער אליין העלפט מיר, און דער בטחון שטארקט זיך אין מיר, איך געה מיט אלע כחות... און האטש איך קלעטער איבער שטיי-נער, ביינער און דערנער, פרעה איך מיך און געה... און געה... און אזוי ווי איך געה צו'ם קוואל, אזוי גענעהנט זיך דער קוואל צו מיר.

— אמן, זאל דיר גאט העלפען!— ווינשט איהם ר' חייא.

— און זיצענדיג אליין אין סוכה, פערטראכט איך מיך אמאל, און עס דאכט זיך מיר, אז איך בין געוועזן ווי א שטייג, פול מיט זינגענדיגע פייגעל, און די פייגעל האבען גאט'ס לויב געזונגען, זיין שבח געשפיעלט... דערנאך איז געקומען א כשוף-מאכער, און האט די פייגעל א כשוף אפ-געטהון, און זיי האבען אנגעהויבען אנדערע נגונים צו זינגען... חוצפה'-דיגע, אויסגעלאסענע... דער פרעמטער עולם האט זיך נישט פערשטא-נען דערויף, און געלויבט די שטייג און די פייגעל אין שטייג, ביז עס איז אמאל דורכגעגאנגען א צדיק, א גרויסער, און איז צוגעגאנגען זעהן, וואס מען זינגט פון שטייג ארויס פאר'ן עולם. האט ער געהערט, און זיין אויער האט באלד געהאפט דעם אמת'ען תוך פון די נגונים. ער האט דערהערט אין זיי אלערליי קולות פון תאוה, פון נבול-פה, און ער איז צוגעגאנגען נעהנטער צו דער שטייג און געזאגט: איידער אזוי צו זינגען, פערשטומט בעסער, פייגעל! און ער האט א בייזען בלאז געטהון אין דער שטייג אריין מיט א בייזען, קאלטען אטהעם, און תוך כדי דבור זע-נען די פייגעל ווי פער'כשופט און פערשאלטען געווארען, און זענען פער-שטומט און פערפרוירען ארא בגעפאלען אויף די פאדלאגע פון שטייג, און זיי ליגען דארט צונויפגעקנוילט, מיט פערוויקעלטע פליגעל, מיט פערשלאסענע שנאבלען און פערמאכטע אויגען, ווי די טויטע...

און אז איך הער מיך איין צו אייער שיעור, און האפ א ווארט נאך

אַוואָרט, וועקט יעדעס וואָרט אין מיר אויף אַיין אַנדער פייגעלע, עפּענט עס זיינע אייגעלעך און זיין מיילעכעל און הייבט־אָן זינגען מיט אַ שוואַך קול, מיט אַ שטילם, נאָר גוטע נגונים; פרומע, עהרליכע נגונים... און דיהרט שטיל מיט די פליגעלעך... אָט, אָט וועט עס פליהען.

— זעהסט, חנניא, גאָט האָט רחמנות — טרייסט איהם ר' חייא.

לאָזט זיך אָבער חנניא נישט טרייסטען.

— דאָס אַליך, — קלאָגט ער זיך, איז אָבער נאָר בייטאָג... און אַזוי ווי די זון לאָזט זיך אַראָב, לעגען זיך די שאָטען פון דער נאַכט צוריק אויף מיין נשמה... אַלץ אין שטייג ווערט צוריק פערשטומט, פערפרווירען, און וואָס עס האָט מיט אַ פליגעל געריהרט, ווערט געלעמט און פאַלט צוריק אַראָב ווי טויט, מיט אַ פערשלאָסען מיילעכעל, מיט פערמאַכטע אויגען...

האָט ר' חייא דערפון גרויס צער, זאָגט ער איהם: געה, מיין קינד, דאַוונען מנחה... איך וויל דאָ בלייבען און אויף דיר מתפלל זיין...

קוקט אויף איהם חנניא מיט גרויס ליעבשאַפט און דאַנק, און געהט אַרויס פון סוכה.

---

ר' חייא בלייבט אַליין, ער דאַוונט אָב מנחה ומעריב אין סוכה און וויל אַרויסגעהן אין גאָרטען אַריין, מתפלל צו זיין פאַר חנניא'ן אונטער'ן הימעל. קומט ער צו צו דער שוועל פון סוכה, דערזעהט ער, אַז אַ פּאָר טריט אינגאַנצען פאַר דער סוכה האָבען זיך צוויי שלאַנגען אַרומגערינגעלט אַרום צוויי נאָהנטע אָלעאַנדער ביימער, און זיי האָבען איינע געגען דער אַנדערער אויסגעבויגען די פּיסקלעך אַזוי, אַז די גיפט־געפעלעך האָבען זיך כמעט אָנגעריהרט.

קאָן ר' חייא אַלע חיות ועופות פון זיין גאָרטען: הן די, וואָס פליהען הויך אונטער'ן הימעל; הן די, וואָס ליעגען אויף די ביימער צווישען די צווייגען; הן די, וואָס קריכען אַרום איבער די בלעטער פון אַלערליי נידעריגע פלאַנצען און אויף די בייטען פון אַלערליי קרויט; ווי אויך די, וואָס פּרוכפּערן זיך נידעריג אין גראָז. דערקענט באַלד ר' חייא, אַז איין שלאַנג איז אַ היימישע שלאַנג, די צווייטע, וואָס הייסט „עכנאי", איז אַ פרעמדע שלאַנג, וואָס ער האָט נאָך דאָ נישט געזעהן. וויל ער וויסען, נאָך וואָס די איז אַהער געקומען. ציהט ער זיך צוריק אַריין אין שאָטען פון דער סוכה, הערט ער, ווי דאָס זעלבע פרעגט די היימישע שלאַנג,

און ווי די פרעמדע ענטפערט איהר:

— איך בין געקומען דאָ עמיצען בייסען.

שמייכעלט די היימישע שלאַנג:

— אומזיסט איז דיין טרחא: איך בין דאָ שוין לאַנג אַ היימישע, און געקומען בין איך אַ ברענעדיגע שלאַנג, אַ מרשעת, און פלעג בייסען די תלמידים פון ישיבה. מיט דער צייט האָב איך אָבער אויפגעהערט צו בייסען. און ווייסטו פאַרוואָס? וויל ר' חייא, דער ראש פון דער ישיבה, איז אַמאָל אַ סוחר געווען, און געמאַכט אַמאָל וויטע נסיעות איבער דער וועלט, און פון אַלטע שייכען, וואָס האָבען שבע הכמות ביחשה, און מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפען אויפ'ן וועג, האָט ער זיך אויסגעלערנט צווישען אַנדערע הכמות אויך הכמת הרפואה.... און זיי האָבען איהם אָנגעוויזען, און ער האָט זיך געבראַכט פון וויטע אינזלען גראָז אויף רפואות קעגען אונזער בייסען... איך בייס, און ער היילט... זעה איך, אַז איך אַרבייט אומזיסט, האָב איך איינגעשטעלט אויפגעהערט צו בייסען...

— נאַריש! ענטפערט די פרעמדע שלאַנג. — גראָזען — זאָגט זי — העלפען נאָר דעמאָלט, ווען אַ שלאַנג בייסט מדעת עצמה, פאַר שנאה, וואָס קומט נאָך אַרויס פון דעם „ואיבה אָשית“ — פון דער גאָט'ס קללה אויף מענשען און שלאַנגען, פאַר'ן חטא אין גן־עדן... האָט ער אָבער, דער רבונו של עולם, אַ טבע, מקדים צו זיין רפואה למכה, און נאָך איידער ער האָט בעשאַפען דעם גיפט פון שלאַנגען, האָט ער געהייסען, אַז די ערד אויף די אינזלען, וואו אַלע שלאַנגען זענען זיך פרה ורבה, זאָל אַרויסשפּראָצען אַלערליי גראָזען אויף רפואה... דערפאַר אָבער האָב איך קיין פחד נישט: איך קום נישט מיט מיין אייגענעם ווילען, נישט אויס רשעות וועל איך בייסען; איך קום אין שליחות פון מלאך המות, וואָס האָט מיך געשיקט מקיים צו זיין אַ פסק אויף אַ חייב־מיתה.

— וואו האָסטו דאָ אַ חייב־מיתה? סאַמע תלמידי הכמים, צדיקים!... — וואונדערט זיך די היימישע שלאַנג.

— אָט דער בחור הנגיא, וואָס האָט יעדען טאָג דאָ התבודדות אין סוכה, איז חייב מיתה.

— ווי איז מעגליך?

— זעהסט דאָך! ער האָט מבייש געווען אַ תלמיד־חכם, אליהו הנביא'ס אַ תלמיד... און — ברבים... אין טאָג פון תלמיד חכם'ס חופה! און אַ שטיקעל פסק האָט ער באַלד בעקומען: דער ראש־ישיבה פון ירושלים,

וואָס איז דערביי געווען, האָט איהם פערשאָלטען, ער זאָל פערגעסען דאָס לערנען, און אַרויסגעגעבען אַ תשובה, ער זאָל ווערען אַ נע ונד, טראָגען ליינוואַנטענע קליידער, מיט אַ פּראָסטען האַנפענעם גאַרטעל אויף די לענדען. און האָט איהם געגעבען אין דער האַנד אַריין אַיין אָבגעשיילטען צווייג פון אַ מאַנדעל־בוים, און געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט דערמאַנען דאָס לערנען ביז דער שטעקען וועט נישט אויפבליהען!

— הייסט עס — לעולם ועד! מאַכט די היימישע שלאַנג.

— דאָס קאָן מען נישט וויסען! — ענטפערט די פרעמדע, — נאָר אין הימעל איז מען אויף דעם פסק נישט בעשטאַנען! דאָס איז ווענִיג, האָט מען געזאָגט; מען דאַרף איהם צונעהמען דעם חלק לעולם הבא. האָט זיך אָבער דער שר־התורה אַקעגען געשטעלט, ניין און ניין! איז געבליבען, אַז מען זאָל איהם געבען אַ כפרת עון... זאָל דער בחור התונה האָבען מיט אַ בת טובים, לפי מעלתו, און צו'ם אַכטען טאָג נאָך דער חופה זאָל ער שטאַרבען... האַלב וועט מכפר זיין די חופה מיט די שבע ברכות, די אַנדערע העלפט — די מיתה... און ווייל אַ בת־ישראל וועט ווערען, אָהן איהר חטא און שולד, אַ פריהע אלמנה, על כן זאָל זי דערפאַר געבענשט ווערען מיט אַ בן זכר, וואָס וועט אַרויסקומען אַ גאון עולם, אַ מאור הגולה באמת...

די שלאַנג איז שוין מיעד געוואָרען רעדענדיג, זי האָט נאָך אפשר קיינמאָל נישט מיט אַמאָל אַזוי פיעל גערעדט, בעט זי זיך ביי דער חבר'טאָרין, זי זאָל זי פיהרען צו'ם וואַסער. וויקלען זיך די שלאַנגען אָב און געהען אַוועק... און אויף ר' הייא'ן פאַלט אַ גרויסע שרעק...

וואָרום ר' הייא איז צו אַ גרויסען נסיון געקומען: וועט ער חנניא'ן נישט התונה מאַכען, וועט ער געהן קעגען דער השגחה פרטית, און חנניא וועט זיך קיינמאָל נישט דערמאַנען דאָס לערנען... יאָ התונה מאַכען? טייט ער איהם מיט די אייגענע הענד! און ווי קאָן ער נעהמען אַ בת־ישראל און ברענגען פאַר אַ קרבן? מאַכען אַכט טאָג נאָך דער התונה פאַר אַיין אַלמנה?

קוקט ער און קוקט אין הימעל אַריין; דער הימעל שווייגט. נאָר דאָס האַרץ אין ר' הייא'ן הייבט אָן שטאַרק צו קלאַפּען און צו צאַפּלען; און ער הערט בחוש אַ קול פון האַרץ אַרויס:

— הייא, זיי מקריב דיין טאָכטער, דיין בת יהודה מרים... אברהם אבינו וואָלט זיך נישט מישב געווען...

נישט אַזוי לייכט איז אָבער מקריב צו זיין אַיין איינציגע טאָכטער. דערמאָנט ער זיך, אַז שרה די צדקת האָט איהם צוגעזאָגט צו קומען צו חלום, אַרויסצופיהרען פון ספקות. הייבט ער אויף צו'ם הימעל די אויגען און איז מתפלל וועגען דעם...

און אַזוי ווי ער איז מתפלל, וויקעלט זיך אָב דער וואָלקען פון הימעל, און עס בעוויזען זיך מיליאָנען שטערנדלעך מיט אַמאָל, און זיי ווינקען צו איהם מיט חסד, מיט בטחון, מיט אַ גוטען צוזאָג!

ר' חייא'ס תפלה איז אויסגעהערט געוואָרען. איין מאָל פאַרנאַכט, נאָך אַ תענית, זיצט אַזוי ר' חייא אויף דער שטוהל, קומט אויף איהם אַ חולשות הלב, פערמאַכען זיך איהם די אויגען, און ער דרימעלט איין, און באותו הרגע בעוויזט זיך איהם שרה די צדקת. זעהען זעהט זי אויס פונקט ווי בשעת פטירה, און קוקט אויף איהם מיט די זעלבע חן־והסד־שטראַהלענדיגע אויגען, און זי לעגט איהם מיט גרויס ליעבשאַפט די רעכטע האַנד אויפ'ן אַקסעל, און זאָגט איהם:

— זאָרג נישט, חייא, אונזער טאָכטער'ס מזל שיינט ווי די זון, פערלאָז דיך אויף איהר...

וויל ער זי איבערפרעגען, ווערט די צדקת פערשוואונדען. און עמיץ, פיהלט ער, וועקט איהם... עפענט ער די אויגען אויף, דערזעהט ער, אַז מרימ'ל, זיין איינציגע טאָכטער, שטעהט פאַר איהם, און לעגט איהר רעכטע האַנד אויף דעם אייגענעם אַקסעל, וואו איהר מוטער די צדקת האָט איהר האַנד געהאַלטען, און זי זאָגט איהם:

— טאַטעשי, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך געוועקט... די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, די לבנה איז שוין אַרויסגעשוואומען אויפ'ן הימעל און די שטערנדלעך האָבען זיך צופלאַקערט, — שוין צייט, זאָלסט עפעס טועם זיין, טאַטעשי...

זעהט ר' חייא, אַז עס איז אַ המשך פון חלום; נעמט ער זי אָן מיט ליעבשאַפט ביי דער האַנד, און דריקט זי צו צו'ם האַרץ, און זאָגט איהר:

— טאָכטערשי, איך וועל נישט טועם זיין, ביז איך וועל דיך נישט פרעגען, און דו וועסט מיר נישט ענטפערען דעם אמת.

זעהט ר' חייא, ווי זי רייטעלט זיך, זאָגט ער ווייטער:

— טאָכטערשי, דער סדר עולם איז, אַז בנוגע צו געוויסע מחשבות, ענטפלעקט אַ בתולה איהר האַרץ נאָר פאַר דער מוטער. ביזטו דאָך אָבער,

טאָכטערשי, אַ יתומה, בין איך דיר.— ווי איך האָב דיין מוטער, דער צדקת, צוגעזאָגט,— אי אַ פאָטער אי אַ מוטער, מוזט דו מיר דעם גאַנצען אמת זאָגען. גאָר נישט איבערלאָזען אין האַרץ...

בעהאַלט מרימ'ל איהר פנים אויף זיין ברוסט און זאָגט שטילערהייד:

— פרעג, טאַטעשי.

זאָג'ט ער איהר: זעה, טאָכטער מיינע! יאָהרען ציהען, איך בין שוין נישט יונג.... די באָרד מיינע איז ווייס ווי דער שניי אויפ'ן באַרג חרמון— און וואָס וועט זיין, טאָכטער, אַז מען וועט מיך רופען צו'ם בית־דין של מעלה, און צו דער מאַמען דיינער,— אויף וועמעס בראָט וועל איך דיך איבערלאָזען?

— טאַטעשי, רעד נישט דערפון... איך וויל שטענדיג טהון דיין רצון...

פרעגט ער זי:

— מרימ'ל, ווילסט זיין מעהר צדקת, ווי רבקה?

שמייכעלט מרימ'ל: ניין.

— און אַז אליעזר עבד אברהם איז געקומען רעדען רבקה'ן אַ שדוך מיט יצחק'ן, שטעהט: „ושאלו את פי הנערה", האָט מען רבקה'ן געפרעגט, צי זי וויל געהן מיט דעם מענש מיט אליעזר'ן, הייסט עס. האָט זי זיך נישט געשעמט און געענטפערט: הן, — איך וויל!

— פרעג, טאַטעשי! אַז דו ווייסט, וועל איך דיר ענטפערן.

פרעגט ער זי כהאי לישנא:

— זאָג מיר דעם אמת, מרימ'ל. וועלכער פון מיינע תלמידים וואָלט דיר אַמבעסטען געפעלען פאַר אַ מאַן?

— חנניא!— ענטפערט מרימ'ל שטיל. אַזוי שטיל, אַז נאָר אַ פאָטער'ס אויער האָט געקאָנט אויפכאַפען דעם נאָמען.

ווערט ר' חייא נבהל ונשתומם און פרעגט:

— און מיט וואָס געפעלט ער עס דיר, טאָכטער? האָסט גערעדט מיט איהם?

ענטפערט זי:

— חס ושלום! און — ער וואָלט מיר דען געענטפערט?

שמייכעלט ר' חייא און פרעגט:

— וואָס דען, קינד? אדרבא, דערצעהל.

און אַז ער זעהט, אַז עס איז איהר נישט לייכט צו רעדען, זאָגט ער:

— איך בין אויף דיר גוזר בכבוד אָב!

דערצעהלט זי איהם, אַז באַלד אין דער ערשטער רגע איז ער איהר געפעלען. ערשטענס — דאָס קול; עס גיסט זיך אין איהר הארץ אַריין, ווי כשר'ער בוים־אייל! צווייטענס — די גבורה!

— גבורה? — וואונדערט זיך ר' הייא?

— אַ ודאי איז אַ גבורה, אַז אַ בחור גערט אַרום אין לייגוואַנטענע קליידער צווישען לייטישע חברים און שעמט זיך נישט, און האָט קיין מורא נישט....

— און שוין? וואונדערט זיך ר' הייא.

— און פאַר זיין גוט הארץ, וואָס קוקט איהם, ווען ער הייבט די ברעמען אויף, פון די אויגען אַרויס. און זיין טרויער.... עס האַפט אָן ביים האַרץ...

— קינד, ער קומט אָב... אַ זינד ליגט איהם אויף דער נשמה!

— גאָט מוז איהם מוחל זיין! — רייסט זיך איהר אַרויס פון מויל מיט בטחון — איך געה אַמאָל פאַרביי דער סוכּה, וואו ער זיצט פאַר מנחה... הער איך זיינע תפלות! טאַטעשי, איז אַ מעגליכע זאַך, מען זאָל אַזעלכע האַרציגע תפלות נישט הערען?

— גאָט איז אַ בעל רחמים, טאָכטער!

— איך ווייס נישט זיין זינד... נאָר זיין תשובה איז גרויס! עס ליעגט אויף זיין פנים אַזוי פיעל חרטה, אַזוי פיעל האַרץ־וועהטאָג... טיילמאָל — אַזאַ מרה־שחורה! מען מוז אויף איהם רחמנות האָבען!...

— האָסטו נאָר רחמנות, טאָכטער?

— דאָס איז געווען דער אָנהויב, טאַטעשי... איך זאָל זיין — האָב איך אַמאָל געטראַכט — אויף דיין אָרט, טאַטעשי, וואָלט איך פאַר איהם שטענדיג מתפלל געווען... דערנאָך האָב איך אַזאַ געדאַנק געהאַט: איך זאָל זיין אַ ברודער זיינער, וואָלט איך מיך פאַר איהם מוסר נפש געווען... און פלוצלונג, טאַטעשי, — דו הייסט דאָך מיך זאָגען דעם אמת — האָט מיר אַ שטראָם הייס בלוט צוגעשלאָגען צום האַרץ... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז באמת מוסר נפש זיין קאָן זיך נאָר אַ ווייב! אַז דו ביזט אויף מיר גוזר, דערצעהל איך דיר!....

— און איינמאָל, טאַטעשי, האָב איך וועגען דעם אַ חלום געהאַט.

עס איז געווען ל"ג בעומר. דו ביזט מיט דיינע תלמידים שפּאַצירען געפאָהרען אויף דער שיף איבער'ן ים... חנניא אויך; דו האָסט איהם געהייסען... און געזעהן האָב איך דורכ'ן פענסטער, ווי טרויעריג ער איז אַרויף

אויף דער שיף...

און איך בין איינע אַליין געבליבען... עס איז מיר אומעטיג געוואָרען איינע אַליין אין הויז און אַזוי טרויעריג... בין איך אַראָבגעגאַנגען אין גאָרטען אַריין. אין גאָרטען איז אויך געווען שטיל — קיין פויגעל האָט ניט געזונגען... עס האָט קיין וואָרם אין קיין בוים נישט געקלאַפּט.... און איך בין וואונדערליך טרויעריג און מיעד געוואָרען... געה איך צו די בלומען... שטעהען זיי אַלע פער׳חלש׳ט און געבויגען; עס איז אַ הייסער טאָג געווען... לעג איך מיך אויף אַ בייט בּיי די ווייסע ליליען, מיט די הענד אונטער׳ן קאָפּ, און קוק אַזוי אין הימעל אַריין... און ווער אַזוי אייגעדרימעלט, חלומ׳ט זיך מיר אַ חלום:

עס פליהט אונטער׳ן הימעל אַ טויב... אַ ווייסע, שטילע, טרויעריגע טויב. און אונטער איהר, — די טויב זעהט עס נישט, — פליהט נאָך אַ שוואַרצער פויגעל, מיט איין אויסגעשטרעקטען שאַרפען שנאָבעל און וויל שטעכען די טויב.... קריג איך אויף דער טויב אַ ווילד רחמנות און הייב אָן רופען, שרייען. די טויב הערט מיך נישט, שווימט ווייטער אין דער לופט, נאָר דער שוואַרצער פויגעל דערשרעקט זיך און ווערט פערשוואונדען אויף אַ ווייליע... ער קומט אָבער צוריק, פליהט האַסטיגער, הויבט אָן דערױאָגען די טויב... וועקט זיך אין מיר נאָך אַ שטאַרקער, נאָך אַ ברענענדיגע רחמנות; שריי איך נאָך העכער. דער שוואַרצער פויגעל דערשרעקט זיך נאָך אַמאָל, רוקט זיך אַ ביסעל אונטערווײלעכטס צוריק... און פליהט נאָך אַמאָל צו.... שריי איך נאָך האַרצרייסענדיגער.... און אַזוי עטליכע מאָל, ביז די טויב האָט מיך אויך דערהערט, און לאָזט זיך אַראָב צו מיר און מאַכט צו מיר טרויעריג:

— וואָס שרייסט דו, קינד!

ענטפער איך:

— איך יאָג אָב פון דיר דעם שוואַרצען פויגעל, וואָס דו זעהסט נישט, און וואָס וויל דיך טייטען!

ענטפערט מיר די טויב מיט מרה־שחורה:

— נישט ער וויל, ער מוז מיך טייטען... איך בין אַ הייב מיתה... און ער וועט מיך טייטען, אויב עמיץ וועט זיך נישט פאַר מיר מוסר נפש זיין! דאָס אָבער — זאָגט זי טרויעריג — וועט קיינער נישט טהון!

— איך! — שריי איך אויס צו דער טויב. — איך וועל עס טהון!

— און וועסט קיין חרטה נישט האָבען?

— ניין! — און איך שווער אידר צו, אַז ניין....

ניקט זי צו מיר, די טויב, מיט ליעבשאַפט, שטעהט אַ ווײלע און פליהט אַוועק. און אַז איך האָב מיך אויפגעהאַפּט, האָב איך פערשטאַנען, וואָס עס בעטייט....

— די טויב איז ער — חנניא... און מוסר-נפש זיין, טאַטעשי, קאָן איך נאָר אַ ווייב... און געשוואָרען האָב איך!

ווערט ר' חייא זעהר טרויעריג און פרעגט:

— און ווי איז, אַז דעם חנניא איז קיין אורך ימים נישט בעשערט? עס דאַרף נאָר פון זיינע לענדען אַרויסקומען אַ גאון, אָבער ער מוז אַוועק־געהן יונגערהייד פון דער וועלט?

ענטפערט זי:

— וויפיעל עס איז איהם יאָהרען בעשערט, אַזוי פיעל גוטע זאָל ער האָבען....

טרויעריג לייכטען אויף ר' חייא'ס אויגען, און ער פרעגט:

— און ווי איז, אויב עס איז איהם נאָר בעשערט אַרויסצוגעבען פון זיך אַ גאון-עולם... אַ גרויסען, גאָר אַ גרויסען — זיין לעבען אָבער איז אין הימעל געררעכענט נישט אויף יאָהרען, נאָר פון דער חופה אָן, — אויף טעג —

— זאָל זיין טעג! אָבער גוטע טעג זאָל ער האָבען!

— און דו ווילסט אַ יונגע אלמנה בלייבען?

— אָבער אַ געבענשטע פון גאָט!

בלייבט ר' חייא זיצען, נישט פערשטעהענדיג די גבורה פון יונגען קינד.

„אַ הימעל־זאַך", טראַכט ער.

און זי לעגט איהם נאָך אַמאָל די האַנד אויפ'ן אַקסעל און מיט אויפגעהויבענע אויגען, און מיט אַ קול פון אַ נביאה זאָגט זי:

— איך האָף אָבער, אַז דער גזר דין, וואָס הענגט איבער איהם, וועט בטל ווערען! — איך וועל פאַר איהם מיין לעבען אַוועקגעבען.

— ווי אַזוי, טאַכטערשי?...

— איך אַליין ווייס נישט, ווייל איך ווייס דאָך נאָך נישט, פאַר וואָס פאַר אַ זינד ער דאַרף אָפּקומען. שפּעטער, וועט ער מיר שוין זאָגען..

אין ר' חייא'ס שווערען האַרץ בלייבט שוין קיין ספק נישט, אַז עס איז אַ זיווג פון גאָט... „און גאָט — טראַכט ער — פּרובט מיך, נאָר איך וועל דעם נסיון בייסטעהן", און הייך זאָגט ער:

— מזל־טוב דיר, טאָכטער! אם ירצה השם וועלען מיר מאָרגען שרייבען תנאים.

מרים בייגט זיך איבער'ן פאָטער'ס האַנד, און אַז זי האָט זיך צוריק אויפגעהייבען, האָט זי ר' חייא כמעט נישט דער־קענט. זי איז מיט אַמאָל אַזוי גליקליך געוואָרען... שטראַהלענדיג איז זי מיט אַמאָל געוואָרען.

— האָסט גאָר קיין פחד נישט, מרים!

— ניין איך פערלאָז מיך אינגאַנצען אויף גאָט!

און איהר קול האָט געקלונגען אַזוי קלאָר און אַזוי ריין, ווי קריסטאָל...

ר' חייא'ס האַרץ איז אָבער דאָך נישט אַזוי רוהיג... און אַז די טאָכטער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער געשריבען בריעף צו'ם ראש ישיבה פון ירושלים און צום נשיא פון בבל.

און ער גיסט פאַר זיי אויס זיין פערביטערט האַרץ:

„מאָרגען — שרייבט ער — וועלען זיין ביי מיין טאָכטער, מרים שתחי', תנאים... טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך זעץ איהר אַרויף אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ, און טיילמאָל— אַז איך פיהר מיין איינציג וויס שעפעלע, רחמנא לצלן, צו דער שחיטה....

„געגען גאָט וויל איך אָבער נישט געהן — שרייבט ער; — מגביל זיין דעם זמן החתונה וועל איך אויף אַ חדש...."

„איבער דער צייט וואַרט איך פון אייך אַיין עצה, אַ ראָטה — און זייט פאַר מיר מתפלל, און פאַר מיין טאָכטער, און פאַ־ן בעל תשובה חנניא..."

איין עומד בדבורו איז ר' חייא געווען.

דעם צווייטען טאָג האָט מען תנאים געשריבען. דער עולם האָט געגאַפט. די בחורים פון דער ישיבה זענען אויסער זיך: דעם עם הארץ זאָל אַזוינס קומען! פאַר דרך ארץ אָבער שווייגט מען.

און דער חודש געהט פאַרביי... קיין תשובה פון ראש ישיבה פון ירושלים און פון נשיא פון בבל האָט ר' חייא נישט בעקומען; נעמט ער עס אָן פאַר אַ שלעכטען סימן, רופט ער איין טאָג פון דער חופה אַריין די טאָכטער, און זאָגט איהר:

— זיי וויסען, מרים, אַז אויף דיין חתן חנניא איז נגזר געוואָרען אַוועקצוגעהן פון דער וועלט דעם אַכטען טאָג נאָך דער חופה....

און ער דערצעהלט איהר, וואָס ער האָט געהער־ט פון דער שלאַנג, און אַז ער האָט קיין תשובה נישט פון די גדולי הדור, און זאָגט איהר:

אַז אויב זי איז נישט פעסט אין דער דעה, קען זי נאָך הרטה קריגען. ענטפערט איהם מרימ'ל:

— איך בין פעסט, און מיין האַרץ איז פעסט, און אַז איך וויים דעם גזר דין, וויים איך שוין, ווי אַזוי איך וועל איהם מבטל זיין!

— דו! אין וועמענס זכות, אין וועמענס כח? קען זיך ניט אויסוואונדערן ר' חייא...

און מרימ'ל זאָגט:

— אין כח פון מיין אמונה... און [illegible] זכות, דיר, טאַטעשי, צו לאַנגע יאָהר, פון מיין מאַמען דער צדקת, עליה השלום! און אין דיין זכות, טאַטעשי, אין זכות פון דיין תורה, מצות און מעשים-טובים — —

בלייבט צו שטעלען אַ חופה...

און עס איז אַ חתן-מאָל, זיצט דער חתן אין זיינע מלבושים, און רעדט נישט אַ וואָרט...

ר' חייא האַלט פאַר איהם אַ דרשה, און ער הערט זיך איין, מיט נחת און צער צוזאַמען...

פיהרט מען דעם חתן צו קבלת-פנים, זיצט די כלה אין ליינוואַנטענע קליידער, אַפּנים, שלא לבייש את החתן, און מיט אַ פראָסטען טוך איבער'ן קאָפּ...

און אַז מען הייבט אויף דאָס טוך, שיינט אויף אַ פּנים, ווי אַ זון. אויגען קלאָרע, גלויבענדיגע, שטיל, נאָר טיעף גליקליכע!

לויפט זיך גאַנץ צפת צוזאַמען צו דער חופה — שטעהט דער חתן אונטער דער חופה אין ליינוואַנטענע קליידער, מיט אַ האַנפענעם שטריק אויף די לענדען, און מיט אַ וואַלד-שטעקען אין דער האַנד...

און מען פיהרט אַרום איהם די כלה אין וואָכעדיגע קליידער, שלא לבייש את החתן... און ר' חייא שטעהט און שעפּט נחת און וויינט.

און אַז ער וויל פאַרזאָגען דעם חתן „הרי את" — פרעגט ער:

— וואָס טייטש?

און ר' חייא געהט צו און פערטייטשט איהם וואָרט ביי וואָרט...

און אַזוי, פערטייטשט ער איהם די ברכות און די כתובה...

גאַפט מען.

נאָר אַז ר' חייא טהוט אַזוי, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טהוט...

נאָך מעהר געגאַפט האָט מען איבער דעם, וואָס דער חתן האָט קיין וואָרט תורה נישט געזאָגט, אפילו נישט ביי דער סעודה, און מען האָט דעריבער

נישט אויסגערופען קיין דרשה־געשאַנק, אפילו נישט פון כלה׳ס צד...

און די שבע ברכות — עס איז געווען זומער־צייט — זענען אין גאָרטען געווען... אויף דער מיטעלער ברייטער אַלֶעע זענען געשטאַנען טישען פאַר זכרים בעזונדער, און פאַר ווייבער בעזונדער, און די כלה איז געזעסען, ווי אַיין אָרימע כלה צווישען רייכע געסט; און דער חתן איז געזעסען ווי אַ שטומער צווישען אַלע למדנים און רבנים, וואָס האָבען גע׳דרש׳ענט און גערעדט תורה, און איבער אַלע — ר׳ חייא...

און ר׳ חייא, צי ער אַליין האָט געזאָגט, צי אַנדערע, איז אַלץ געזעסען אומרוהיג, און האָט עפעס געזוכט אַרום און אַרום מיט די אויגען אויף דער ערד. צי האָט ער נישט חרטה אויפ׳ן שידוך? חס ושלום! ער זוכט נאָר מיט די אויגען די פרעמדע שלאַנג, און זעהט, ווי דער „עכנאי״ דרעהט זיך אַרום שטילערהייד צווישען די געסט, פון קיינעם נישט געזעהן, און לאָזט קיין אויג נישט אַראָב פון זיין קרבן — פון חתן חנניא...

און אין אָבענד, נאָך די לעצטע שבע ברכות, האָט ר׳ חייא צוגערופען די טאָכטער און האָט איהר געזאָגט מיט אַ משונה׳דיג קול:

— טאָכטער, מאָרגען איז דער יום הדין. שטאַרק זיך!

— איך בין שטאַרק! — ענטפערט דאָס יונגע ווייבעל, — איך בין געבענשט פון גאָט! און — גיט זי צו מיט בטחון — איך וועל איהם אויסלייזען פון טויט...

— זאָל דיר גאָט העלפען! ווינשט איהר ר׳ חייא מיט הייסע טרעהרען.

— נאָר געדענק, — זאָגט זי, — טאַטעשי, אַז מאָרגען דאַרף פריהער זיין דער נס! — דער שטעקען דאַרף בליהען, זיין נשמה אויך! ער דאַרף זאָגען פאַר דיר אַ חלוק! קום צו אונז, טאַטעשי, גאַנץ פריה. פערשלאָף נישט!

טראַכט ער: צי וועל איך דען שלאָפען? און הויך זאָגט ער איהר צו.

און צו מאָרגענס, אַז ר׳ חייא איז געקומען צום פאָר־פאָלק, איז שוין מרים געווען אָנגעטהון. נאָר חנניא איז נאָך געלעגען אין בעט.

— זייט מיר מוחל, שווער, — זאָגט ער, — איך פיהל מיך נישט בקו הבריאה... — און ער פערמאַכט צוריק די אויגען.

קוקט ר׳ חייא אויפ׳ן ווייסען שטעקען, וואָס שטעהט חנניא׳ן צוקאָפּענס, גלויבט ער זיינע אויגען נישט — דער שטעקען בעדעקט זיך מיט אַ גרינער הויט, די הויט — ווערט אָנגעדראָלען מיט אָדערלעך, בעדעקט זיך מיט קנאָספען און הייבט אָן בליהען... וויל ער זיך אויפהייבען און

געהנטער זיך צוקוקען צום נס. דערזעהט ער אָבער, ווי חנניא'ס פּנים פערענדערט זיך, רייטעלט זיך, און ער עפענט אויף אַ פּאָר שטילע, קלאָרע, געבענשטע אויגען, אָהן אַ צייכען פון אַ קללה.— קוקט ער און גאַפט, זוכט ער מיט די אויגען די טאָכטער, צי זי זעהט, איז אָבער מרים'ל שוין נעלם געוואָרען. און דערווייל עפענט חנניא די ליפּען און הייבט אָן דרש'ענען, און ר' חייא הערט און פערגעסט אָן אַלעם: אָן גם פון שטעקען, אָן דער טאָכטער, אָן „עכנאי״— דעם שליח פון מלאך המות; פּערל שיטען זיך חנניא'ן פון מויל: תורה און סתרי תורה, און ער עפענט פּאַר ר' חייא'ן די טויערן פון אַ נייעם עולם התורה — אַ וואונדערליכער גאָרטען — אַ גן־עדן מיט'ן עץ הדעת, מיט'ן עץ החיים, און אַלערליי אַנדערע פּירות, און די ריינע ליכט פון שבעת הימים בעשיינט אַלץ און בעשיט מיט ריין גינגאָלד, און אַלע ביימער בליהען, און מחנות פייגעל זינגען צווישען די בלעטער און פּירות אויף די צווייגען— און עס בליהט, און שפּראָצט, און זינגט, און שפּיעלט... חנניא רעדט, און ר' חייא'ן דאַכט זיך, אַז די נשמה פון דער וועלט רעדט! צי חלומ'ט ער נישט? ווייט און ברייט עפענט ער די אויגען — די אויערן זאַפּען־איין וואונדערליכע קולות. און מיט'ן אָפּענעם מויל שלינגט חנניא די ווערטער פון די ליפּען אַראָב, און אַ הייליגער, שטילער נחת צעגעהט זיך איהם אין אַלע גליעדער.

נאָך דעם תענוג פון ר' חייא'ן קענען מיר נישט בעשרייבען, בפרט נאָך— אויף עברי טייטש. די סודות התורה, וואָס חנניא האָט מגלה געווען, הלא הם כתובים על ספר הישר — אין חנניא'ס ספר, וואָס ר' חייא האָט אַרויסגעגעבען מיט'ן גאָלדענעם שניט. וועלען מיר דעריבער פערלאָזען די גאונים, און זעהן, וואָס די צדקת מרים'ל טהוט.

אַזוי ווי זי האָט דערזעהן, ווי דער שטעקען הייבט אָן בליהען, און דער פאָטער, ר' חייא, איז פערקוקט אויפ'ן שטעקען, האָט זי געהאַפּט דעם מאַנ'ס ליינוואַנטענע מלבושים און איז פון שטוב אַרויס... שטיל און לייכט געהט זי אַרויס פון חדר, דער די[illegible]ן זאַפּט אין זיך איין איהרע לייכטע טריט... און זי לויפט איבער אַלע חדרים ביז צום לעצטען חדר, פאַר דער פאָדער־שטוב... קיין שום בן־אדם טרעפט זי נישט איבער'ן וועג. זי האָט נאָך נעכטען אָנגעזאָגט, עס זאָל זיך דאָ קיינער נישט בעווייזען, ביז זי וועט רופען. און אַז זי קוקט זיך אום און זעהט, אַז זי איז אַליין, וואַרפט זי פון זיך אַראָב איהרע קליידער, „גאָט!— שעפּטשען איהרע ליפּען— עס איז פקוח נפש, זיי מיר מוחל „שמלת־גבר״...— און האַפּט אויף זיך

דעם מאַנ'ס ליינוואַנטענע מלבושים, און לויפט צו און עפענט די טהיר, און זעצט זיך אויף דער שוועל פון פאָדער־שטוב אין גאָרטען אַריין. אַזוי זיצט זי אַ ווײַלע שטיל און קוקט אויף די אַלעע, וואָס ציהט זיך פון דער הויז־טהיר, ווייט, ווייט און ווערט פערלוירען צווישען די אַלעאַנדער־ביימער...

און אויהרע ליפען שעפטשען תפלות ותחנונים צום בורא עולם, ער זאָל אָננעהמען איהר קרבן; און אַז זי דערזעהט, ווי דער „עכנאי" וויקעלט זיך אָב פון אַלעאַנדער־בוים און לאָזט זיך איבער'ן וועג, נעהמט זי געשווינד און פערשטעלט זיך דאָס פנים מיט די הענד, זעהט זי אוים כ'ויה ווי דער כאַן הנניא. און לאָזען לאָזט זי נאָר איבער אַ דין שפעלטעל צווישען די פינגער, און קוקט, ווי די שלאַנג רוקט זיך און רוקט זיך... און דער „עכנאי" רוקט זיך פאַמעליך, בנעימות, נאָר זיכער. ער ווייסט, אַז דער קרבן וועט איהם נישט ענטרינען!— און אַז ער דערזעהט חנניא'ן (אַזוי מיינט ער), ווי ער זעצט זיך רוהיג אויף דער שוועל, דאָס פנים פערשטעלט, טראַכט ער: דער קרבן זיצט שטיל. און דאָס האַרץ זאָגט איהם שלי'כטע נביאות. און ער איז מתפלל, אָדער ער זאָגט ודוי... שטעקט ער דאָס גיפט־געפעלע פון מויל אַרויס און האַלט עס גרייט, דאָס כלי זין! און מרימ'ל זעהט עס. און זעהט, ווי דער „עכנאי" הייבט זיך אָן שטאַרקער צו רוקען; די תאוה פון אַ שלאַנג צו בייסען, האָט זיך אין איהם דערוועקט; און זי הערט שוין דאָס רייבען מיט'ן בויך איבער'ן זאַמד, און זיין סאַפען... און אַז ער קומט נאָהענט, און זיינע הויט־פלעקען זעהן זיך שוין קלאָר, פערמאַכט מרימ'ל דאָס דינע שפעלטעל פון צווישען די פינגער, און בעט אין שטילען האַרצ'ן אָהן אָטהעם:— „רבונו של עולם, נעהם אָן מיין קרבן"... און הייבט אָן ודוי זאָגען... שטיל, אָהן אָטהעם, אָהן אַ ציטער מיט די ליפען... נאָר איידער זי ענדיגט ודוי, דערפיהלט זי דעם ביס... און פאַלט אַרונטער אויף דער שוועל און רופט:

— רבונו של עולם, זיי מיר מוחל פאַר'ן גאון, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט געבען!... זאָל לעבען חנניא אויף זיין אָרט! און הייבט אָן גוסס'ען, און די נשמה שיידט זיך אָב מיט גרויס יסורים פון יונגען גוף.

---

איז אָבער גאָט— דער גאָט פון משפט!

און אַז די נשמה מרימ'ל'ס איז אַרויף אויפ'ן הימעל, האָט מען געוואַרט אויף איהר, דאָס הייסט: אויף חנניא'ס נשמה... צדיקים זענען פון גן־עדן אַרויס!

און אַז מען פיהרט זי צום בית־דין, גיט מען זי אַ פרעג,— אַבי מקיים צו זיין דעם מנהג, ווייסען ווייסט מען דאָך:

— עסקת באמונה?

ענטפערט מרים׳ל:

— איך האָב קיינמאָל נישט געהאַנדעלט—

— דאָסטו געלערנט תורה?

צושמייכעלט זי זיך מיט אַ חן:

— רבונו של עולם, האָסטו דען געהייסען, יודישע טעכטער זאָלען לערנען דיין תורה?

ווערט אַ גערודער.

— ווער ביסטו? ווער ביסטו?

זאָגט זי: מרים בת שרה וחייא, אשת חנניא!

ווערט אַ רעש... דערגעהט מען, אַז זי האָט זיך עס פאַר איהר מאַן מוסר נפש געווען! אַז „עכנאי" האָט זיך געלאָזט נאַרען, שרייט מען צו דער נשמה:

— געה, לויף געשווינד צוריק אַראָב, געה צוריק אין דיין גוף אַריין, איידער מען ריהרט איהם פון אָרט!

וויל זי נישט, מרים׳ל! צוויי מאָל ליידען יסורי מות — זאָגט זי:— איז קיינער נישט מחויב... נייערט,— שטעלט זי אַ תנאי— אַז מען וועט אָנגעהמען איהר טויט פאַר חנניא׳ס טויט! ער זאָל לעבען!

ווערט אַ געשריי אין פמליא של מעלה:

— מסכים! מסכים!— מען האָט מורא צו פערשפעטיגען!... און מרים׳ל׳ס נשמה קומט תוך כדי דבור צוריק אין גוף אַריין, און זי הייבט זיך אויף אפילו אויסגעהיילט פון וואונד, כלא היה, און זי לויפט אַריין מיט פרייד צו די צדיקים מיט גרויס שמחה און דערצעהלט זיי, וואָס מיט איהר האָט זיך געטראָפען. און באותו הרגע זענען אָנגעקומען צוויי משולחים מיט צוויי בריעף, איינער פון דעם ראש־ישיבה אין ירושלים, און דער צווייטער פון נשיא פון בבל, און איןביידע בריעף איז מעהר נישט געשטאַנען ווי איין וואָרט:

— מזל טוב!...

---

וועגען דעם גאון וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם זיווג, און וועגען נחת, וואָס ר׳ חייא האָט נאָך פון איהם דערלעבט, וועלען מיר, אם ירצה

השם, דערצעהלען איין אנדערס מאָל.

מיר וועלען נאָר צוגעבען, אז „עכנאי׳ן", וואָס האָט זיך געלאָזט נארען, האָט מען פון דעמאָלט אָן אָבגעשאַפט, און מען זעהט איהם נישט...

# דריי חופּות.

## ערשטער טייל

# דריי חופות

## צוויי רויטע — איינע א שווארצע

### א מעשה פון הינטער די הרי חשך.

# ערשטער טייל.

### ערשטעס קאפיטעל.

דער פאלאץ.— דער מלך מיט דער בת־מלכה.— דעם מלך'ס עגמת נפש.

וייט, וייט, אונטער די הרי חשך, אויף יענער זייט סמבטיון, איז פאראהאן א מדינה מיט'ן נאמען „וואונדער־לאנד", וואו די רויטע יודען וואהנען. און אין דער מדינה „וואונדער־לאנד", אין דער שטאדט, וואו דער מלך וואהנט, אין „גלויבשטיין", דער רעזידענץ, איז געשטאנען אמאל א הויכער, ווייסער, מארמארנער פאלאץ. און שען איז געווען דער ווייסער, מארמארנער פאלאץ, וואס ער איז געווען אין א רייכען גרינעם גארטען, ווי אין א גרינעם ים, מיט זיינע הונדערטער גאלדענע זיילען און טויזענדער בריליאנטענע שויבען.

און צופיסענס פון דעם ווייסען, מארמארנעם פאלאץ האט שטיל געראושט, און ווי פער'חלומט געפלאסען א קלאר קריסטאלען טייכעל; און פון ביידע זייטען איז דאס טייכעל געווען ארומגעקרענצט מיט די פיינסטע בלומען, צווייגען, די איידעלסטע געוויקסען. און אין דעם קריסטאלענעם, קלארען טייכעל האבען ארומגעבליצט, ארומגעטאנצט טויזענ־

דער גאָלדענע פישלעך, און פון אויבען, איבער דעם בלאָהען וואַסער־שפּיגעל, האָבען זיך געהויבען און מיט טויזענד חן זענען אַרומגעשוואומען שוואַנען, ווייסע ווי שניי, מיט די דינע, לאַנגע, ווייסע העלזער און לאַנגע, פּעשפּיצטע, געלע שנאָבלען...

עס האָט פערנומען די אויגען!

אַס שטערנסטען האָט עס אויסגעזעהן ביינאַכט, ווען די לבנה האָט געשיינט... דער מאַרמאָרנער פּאַלאַץ האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין טייך צוזאַמען מיט דער לבנה און די שטערען... די בליצענדיגע גאָלדענע פישלעך האָבען לוסטיג געהיפּט און געטאַנצט און זענען אַריבערגעשפּרונגען פון איין גאָלדענער זייל צו דער צווייטער, פון איין בריליאַנטענער שויב צו דער צווייטער, און די שניי־ווייסע שוואַנען זענען ערנסט און לאַנגזאַם אַריבערגעשוואומען פון איין זילבערנעם שטיק נעפּעל צום צווייטען, פון איין גאָלדען שטערנדל צום צווייטען... און פערציטערט, ווי פון גרויס ליעבשאַפט, האָבען זיך אַרום דעם אַלעם געפלאָכטען די פיינסטע, וואונדער־ליכסטע שאָטען פון די בלומען און געוויקסען, וואָס האָבען געבליהט אויף ביידע זייטען פון טייכעל... און אַז עס האָט זיך נאָך דערביי געלאָזט הערען דער שפּיעל־פויגעל פון צווישען די צווייגען, וואָס האָבען זיך געבויגען אונטער דער לאַסט פון גאָלדענע פּירות, האָט מען ווירקליך געמיינט, אַז עס איז קיין גאָרטען נישטאָ, קיין פּאַלאַץ נישט דאָ,— אַז עס איז אינגאַנצען אַ חלום, אַ פערכישופ'טער חלום...

און דאָך איז עס קיין חלום נישט געוועזען.

— — — — — — — — — — — —

געקעניגט האָט דעמאָלט ביי די רויטע יודלעך, אין דער מדינה „וואונ־דערלאַנד״, שלמה דער זיעבען־און־צוואַנציגסטער, אונזער שלמה המלך'ס אור־אור־אייניקעל; און ער האָט עס געוואָהנט אין דעם פּאַלאַץ, ער מיט זיין איינציגער טאָכטער,— די בת־מלכה— שולמית.

שוין פינפצעהן יאָהר איז דער מלך איין אלמן געווען, ער האָט אָבער נישט חתונה געהאַט, ווייל ער האָט זיין „אויג אין קאָפּ״, זיין צווייטער נשמה— דער בת־מלכה קיין שטיעפמוטער נישט געוואָלט געבען.

און די בת־מלכה איז די גרויסע ליעבשאַפט ווערט געוועזען.

אַלע מעלות און מדות טובות האָט זי געהאַט פון איהר פאָטער, דעם מלך; דערצו האָט זי גאָט נאָך געלייטזעליגט מיט אַ שענקייט, וואָס האָט אַלע אויגען פערבלענדט.

און ווייל די בת־מלכה איז נישט עהנליך געוועזען נישט צום פאָטער און נישט, עליה השלום, צו דער מלכה, האָט מען געגלויבט, אַז די מוטער, האָט זיך, זייענדיג אויף דער צייט, אין אַ מלאך פון הימעל פערקוקט...

אין גאַנץ „וואונדער־לאַנד" האָט איהר שענקייט געשמ'ט, נאָר ליעב האָט מען זי געהאַט פאַר איהר גוטסקייט, פאַר איהר גוט האַרץ, פאַר איהר גוט אויג און האַרציגע פרומקייט.

טאָג־טעגליך פלעגען זיך פאַר'ן ווייסען פאַלאַץ פערזאַמלען אָרימע לייט, אַלטע, קראַנקע, און אַלע, וואָס האָבען געברויכט הילף, און די בת־מלכה פלעגט צו זיי אַרויסקומען מיט איהר הבר'טאָרין דבורה'לע, יואָב'ס, דעם משנה למלך'ס טאָכטער, זיי האָבען אַלע אויזגעהערט, בעשענקט און בעגאַבט, געהאָלפען און געהיילט...

כדי די בת־מלכה זאָל נישט דאַרפען יעדעס מאָל געלד בעטען, האָט איהר דער פאָטער, דער מלך, געלאָזט צומאַכען,— און האָט איהר איבער־געגעבען— אַ צווייטען גאָלדענעם שליסעל צו זיינע אוצרות; און ביי'ם אוצר האָט ער נאָך געשטעלט איין אויסגעלערנטען פאַפוגיי, וואָס פלעגט, דער־זעהענדיג די בת־מלכה, אויסרופען:

—„נעם, מלאכ'ל, נעם! נעם מיט פולע הענד, און גיב פון פולען האַרץ!"

און דעם מלך'ס אוצרות זענען דערפון נישט קלענער געוואָרען; פער־קעהרט, עס איז אין זיי די ברכה אַריין. וואָס מעהר דער מלך מיט דער בת־מלכה האָבען פערטיילט, אַלץ פולער זענען געוואָרען די אוצרות, און דאָס איז אַ סימן, אַז זיי האָבען אָנגעשלאָגען מיט זייער צדקה!

און ביי דעם אַלעם איז דער מלך, שלמה דער זיעבען־און־צוואַנציגסטער, נישט גליקליך געוועזען.

אונטער דער זיידענער חופה, אויפ'ן גאָלדענעם בעט, פלעגט דער מלך איבערוואַכען גאַנצע נעכט, נישט צושליסען קיין אויג, און הערען די טריט פון די סאָלדאַטען, וואָס זענען געגאַנגען אויף און אָב פאַר'ן פאַלאַץ אויף דער וואַכט.

אין וואונדער־לאַנד איז נאָך דאָס געוויסען פון אַ מענש ביי דער גאַנ־צער ממשלה, וואָס לאָזט אַמאָל נישט שלאָפען; ביי שלמה דעם זיעבען־און־צוואַנציגסטען איז אָבער דער פאַל נישט געוועזען... און די סבה, פאַרוואָס ער שלאָפט נישט, וועלען מיר געוואָהר ווערען אין צווייטען קאַפּיטעל.

## צווייטעס קאַפּיטעל.

### דער קוקו. — די כּשוף־מאַכערין און דער בת־מלכּה׳ס שבועה.

איינמאל, ל״ג בעומר, איז די בת־מלכּה מיט איהר הבר׳טאָרין דבורה; געגאַנגען אין נאָהנטען וואַלד אַריין שפּאַצירען...

אַז די פֿייגעלעך אין וואַלד האָבען זיי דערזעהן, האָבען זיי אָנגעהויבען פֿרייער און פֿרעהליכער צו זינגען. די פֿייגעלעך האָבען נישט געוואוסט, אַז איינע פֿון די קינדער איז אַ בת־מלכּה און די צווייטע איז דעם משנה למלך׳ס טאָכטער, זיי האָבען נאָר געוואוסט, אַז דאָס זענען די האַרציגע קינדער, די גאָלדענע קינדער, וואָס שיטען זיי עסענוואַרג, ווען זיי בעווייזען זיך נאָר פֿאַר׳ן פּאַלאַץ.

און דאָס זענען די קינדער, וואָס שפּייזען זיי אַ גאַנץ יאָהר מיט קעניגליך ווייסברויט, שבת — חלה מיט זאַפּרען און שבת־שירה — מיט׳ן פֿיינסטען האָניג־לעקעך...

און לכּבוד די האַרציגע מיידעלעך איז געוואָרען אַ זעלטענער קאָנצערט.

— קנאַק, ברידער, קנאַק! — האָט גערופֿען פֿון איין צווייג צו דער צווייטער, — לכּבוד די גאָלדענע מיידעלעך, לכּבוד די האַרציגע מיידעלעך!

די בלומען, וואָס בעהאַלטען זיך תמיד צווישען הויכען גראָז, אין שאַטען, אונטער די ביימער, וואָס ציטערען שטאַרק פֿאַר יעדע לעדיגע האַנד און פֿאַר יעדען שווערען טריט, די בלימלעך האָבען עס דערהערט און האָבען אַזוי געטראַכט:

„אַז פֿייגעלעך לויבען, איז אַודאי אמת! פֿייגעלעך וויסען פֿון קיין חניפה נישט! דאַרף מען פֿאַר די מיידעלעך קיין מורא נישט האָבען!“

און די בלימלעך האָבען אַרויסגעשטעקט די פֿיינע קעפּלעך פֿונ׳ם טיעפֿען גרינעם גראָז; און זיי האָבען פֿריי און לוסטיג געאָטהעמט, אַז דער גאַנצער וואַלד איז פֿול געוואָרען מיט די פֿיינסטע בשמים!

און די הירשען און די סאַרנעס, וואָס בעהאַלטען זיך שוין צווישען די פֿערפֿלאָכטענע צווייגען, ווען זיי דערהערען נאָר אַ שאָרך, האָבען זיך איצט אויך אַרויסגערוקט און געקוקט אויף די מיידעלעך מיט געטריייע האַרציגע אויגען, ווי נאָר סאַרנעס און הירשען קאָנען קוקען!

און דעמאָלט האָט זיך דער פֿרעהליכער בת־מלכּה אויך פֿערגלוסט צו זינגען; אַזוי פֿול איז איהר געוואָרען אין יונגען האַרצען; קוים אָבער האָט זי נאָר געעפֿענט דאָס קרעלענע מיילעכעל, זענען מיט אַמאָל אַלע פֿייגעלעך שטיל געבליבען: זיי ווילען אויך הערען, ווי אַזאַ גאָלדען מיידעלע זינגט...

איין קוקו האָט זיך צו שפּעט איינגעהאַלטען, און דבורה, דעם משנה למלך'ס טאָכטער, האָט איהם צום ערשטען דערזעהן.

און דעם משנה למלך'ס טאָכטער איז נעהנטער צוגעגאַנגען צום קוקו, און האָט איהם, האַלב גלויבּיג, האַלב שפּאָטיש, געפֿרעגט:

— קוקו, ווי אַלט איז אַצונד מיין בעשערטער?

דער פֿויגעל הייבּט אָן רופֿען: קוקו! קוקו! אָהן אַ שיעור, און דבורה האָט לאַכענדיג אָבגעצעהלט 518 יאָהר.

און ווי אַ זילבּערן גלעקעל האָט איהר קול געקלונגען.

די בּת־מלכּה האָט איהם דערהערט, און איז אויך צוגעגאַנגען צום קוקו, און האָט איהם געפֿרעגט:

— און ווי לאַנג, זאָג, וועל איך לעבּען, חכם מיינער אויפֿ'ן בּוים?

און דער פֿויגעל האָט ווידער גערופֿען: קוקו, קוקו.

און ווער ווייסט, וויפֿיעל ער וואָלט אָבגעצעהלט, ווען דער בּת־מלכּה זאָל נישט געווען איבּערדריסיג ווערען צו צעהלען.

זי האָט איהם איבּערגעהאַקט און געפֿרעגט:

— און וויפֿיעל יאָהר האָט נאָך גאָט מיין גוטען פֿאָטער בּעשערט?

עס האָט זיך איהר, דער גוטער בּת־מלכּה, געוואָלט, דער קוקו זאָל אַצונד אויך רופֿען און רופֿען און נישט אויפֿהערען צו רופֿען, ווי פֿריהער.

די בּת־מלכּה אָבער, איז געבּליבּען ווי פֿערשטיינערט, פֿון קוקו האָט מען שוין מעהר נישט געקאָנט אַרויסקריגען אַ טאָן.

און די דערשראָקענע מיידעלעך האָבּען זיך מישב געווען, אויפֿצוזוכען די כּשוף־מאַכערין, וואָס האַלט זיך אויף אין וואַלד, און זי איבּערצופֿרעגען, צי האָט זיך נאָר דער קוקו בּעליידיגט, צי עס האָט טאַקי איין אונגליק צו בּעטייטען.

און קוים האָבּען זיי דערפֿון געטראַכט, האָט זיך בּעוויזען אַ מאַסע קליינע, וואונדערליכע, לוסטיגע, און פֿערשיעדענפֿאַרבּיגע היה'לעך, וואָס האָבּען אָנגעהויבּען אַרומצוטאַנצען, אַרומצושפּרינגען און כּאָראוים צו לויפֿען, און זיי האָבּען אַזוי־אַרום געוויזען דעם וועג צו דער כּשוף־מאַכערין.

די כשוף=מאַכערין איז געשטאַנען אַרומגערינגעלט מיט קעניגלעך און װעװעריקעס, װעלכע זי האָט געשפּײזט, און געװעזען איז זי אַלט און אײַנגעשרומפּען, זי האָט אָבער געקוקט מיט אַזעלכע גוטהאַרציגע אויגען, אַז די קינדער האָבען זיך פֿאַר איהר נישט דערשראָקען, און זענען צוגעקומען נעהנטער. פֿאַר האַרץ־װעהטאָג האָט די בת־מלכּה נישט געקאָנט רעדען. האָט דעם משנה=למלד'ס טאָכטער פֿאַר איהר גערעדט.

— אַלטע, — האָט זי געפֿרעגט, — װי לאַנג װעט איהר פֿאָטער לעבען?

אויסזאָגען, אַז דאָס איז אַ בת־מלכּה, האָט זי נישט געװאָלט, די מכשפה זאָל נישט מורא האָבען צו זאָגען דעם אמת.

— העע? — האָט די מכשפה איבערגעפֿרעגט.

און דבורה האָט נאָך אַמאָל איבערגע'חזר'ט די שאלה, און האָט געטײַט דערבײַ אויף דער בת=מלכּה מיט'ן פֿינגער.

די מכשפה איז אָבער, װי עס זעהט אויס, גוט טויב געװעזען, און דבורה'ס טײַטען מיט'ן פֿינגער האָט זי גאָר אַנדערש פֿערשטאַנען; זי איז געװאָהנט געװעזען צו מײדעלעך, װאָס פֿרעגען, װען מען װעט זײ אַ חופּה שטעלען.

דעריבער האָט זי געענטפֿערט:

— װעמען? דעם פֿײַנעם טאָכטער'ל? אײַ! אַזאַ שענע! אַזאַ גאָלד! פֿון מזרח און מערב װעט מען זיך דאָך צו איהר צוזאַמענקומען! אין קורצען װעט אַ חופּה זײַן! אין קורצען!

און דבורה האָט זיך געמוזט שטעלען אויף די שפּיץ פֿינגער און אַרײַנשרײַען דער כשוף=מאַכערין אין אויער איהר פֿערלאַנג.

און דעמאָלט ערשט האָט די כשוף=מאַכערין דערהערט און זי האָט אַזױ געענטפֿערט:

— איהר פֿאָטער װעט דערלעבען — דעם טאָג פֿון איהר חופּה!

די בת=מלכּה האָט אַ שרעקליכען געשרײ געטהון, און אין דער־זעלבער מינוט זענען פֿערשװאונדען די מכשפה מיט איהרע הינ'לעך.—

די סאַרנעס, די הירשען האָבען זיך בעהאַלטען. די פֿײגעלעך מיט די בלומען זענען פֿערשװאונדען געװאָרען...

אין שטילען װאַלד האָט זיך נאָר געהערט, װי די האָלץ=װערם פּיקען אין די בײמערס הערצער, און דער בת־מלכּה'ס שבועה: אַז זי װעט קײנמאָל נישט חתונה האָבען; דער פֿאָטער איהרער זאָל לעבען, ער זאָל זי איבערלעבען!

דערנאָך האָט זי נאָך דבורה'ן בעשוואָרען, אז דאָס אַלץ זאָל בלייבען בסוד...

מיר וועלען זעהען, ווי זיי האָבען שטיל געהאַלטען וואָרט.

## דריטעס קאַפּיטעל.

א צוזאַמענפאָהר פון חתנים. — אַ שמועס צווישען מלך מיט דער בת־מלכּה. — די ווייסע טויב און איהר עצה.

עס איז ווייטער געווען אַ צוזאַמענפאָהר פון שׂרוֹת און פּרינצען... מען האָט אַלע פערבעטען אין פּאַלאַץ אַריין... פריהער איז מען אַרויס אין וואַלד אַריין אויף אַ יאַגד. פערשטעהט זיך, אַז אויף אַ יאַגד ביי אַ יודישען מלך שיסט מען נאָר אין הוות רעות און גיפטיגע שלאַנגען. נאָך דער יאַגד האָט מען געמאַכט אַ קעניגליך מאָל־צייט.

עסען, האָטש כּשר, איז געוועזען לרוב, אַלטע ווינען, האָטש נישט קיין נסך, נאָר כּיד המלך... ווי מען האָט געעפענט אַ פלאַש, האָט זיך אין דעם גרויסען זאַל פערשפּרייט אַ ריח, ווי פון די טייערסטע בשׂמים...

די פּרינצען האָבען געגעסען, געטרונקען, געשמועסט, און געפיהרט ויכּוחים וועגען אַלערליי חכמות, און איבער ווייטע לענדער און מדינות... אַלע אויגען האָבען געהאַנגען אויף דער בת־מלכּה'ס שען־חנ'עוודיג פּנים.

אַלע האָפען צו דערזעהן דאָרט אַ שמייכעלע, אַ סימן טוב אויף זייער מזל!...

די בת־מלכּה איז אָבער געווען פאַר אַלע גלייך גוט פריינדליך, און האָט דאָך אַלע אָבגעזאָגט.

דעמאָלט האָט דער מלך געהייסען אַלע אָבטרעטען פון זאַל, און האָט צו דער בת־מלכּה אַזוי געזאָגט:

— שולמית, גאָט איז מיט דיר! עס זענען דאָך היינט געוועזען די גרעסטע און די העכסטע און די פיינסטע לייט פון דער וועלט! פּרינצען פון די גרעסטע מדינות זענען אַראָבגעקומען און געזעצט זיך צו אונז ביים טיש... און דו ווילסט זיי נישט!

און עס זאָגט ווייטער דער מלך:

— אין פון מזרח און פון מערב זענען זיי צו דיר געקומען! געהערט האָבען זיי דיין שם, געקומען זענען זיי פון דיין שענקייט פערבלענדט...

און טרעהרען הערען זיך אין דעם מלך'ס ווערטער:

— און וואָס פעהלט דיר? ביזט דו נישט זיכער אין דייער קלוגשאַפט, גיב זיי איין רעטענישען. די קאָנסט אַזוי פיעל, איך האָב דיך דאָך אַזוי פיעל געלערנט!

— און זענען זיי נישט גענוג רייך? — זאָגט ווייטער דער קעניג, — טייל האָבען דאָך גרעסערע און רייכערע לענדער פאַר מיר, גרעסערע אוצרות פאַר מיר!

— און אַלע שווערען, אַז זיי האָבען דיך ליעב!...

און אָבגעזיפצט האָט דער מלך און ווייטער גע'זאָגט:

— טאָכטער דו מיין, געטרייע טאָכטער! זעה, מיין אַלטער קאָפּ איז שוין בעדעקט מיט שניי! זעה מיין באָרד, ווייס איז זי ווי מילך... און אַז גאָט וועט מיך רופען צו זיך, אויף וועמען וועל איך דיך לאָזען, טאָכטער די מיין?! און וואָס פערלאַנגסט די? זיי האָבען דיך אַזוי ליעב, זיי שווערען אַזוי!

עס ווייגט דער בת-מלכה'ס האַרץ פון פאָטער'ס עגמת-נפש, דעם אמת זאָגען קאָן זי דאָך נישט...

זאָגט זי, אַז זי גלייבט נישט זייערע שבועות...

און זי האָט אַזוי געענטפערט:

— איך בין רייך, טאַטעשי, און דיין איינציגע טאָכטער בין איך! ווייס איך, צי מיינט מען מיך, צי מיין רייכקייט! צי וויל מען מיך, צי — איבער הונדערט און צוואָנציג יאָהר — דיין מלוכה, טאַטעשי!

און זי האָט נאָך געהאַט אַ ראיה צו איהרע רייד!

— און זעה, — האָט זי צום פאָטער, צום מלך, געזאָגט, — איז דען נישט מיין הבר'טאָרין דבורה שענער פאַר מיר, בעסער, קלוגער און געלערנטער פאַר מיר? און פאַרוואָס פאָהרט מען זיך נישט צוזאַמען איהר כשר'ע האַנד צו פערלאַנגען? פאַרוואָס האָט זיך קיין איינציגער פרינץ אין איהר נישט פערליעבט? — ווייל איך בין דיין טאָכטער! ווייל בת-מלכה בין איך!

דער מלך וויל איהר נישט זאָגען, אַז ער גלייבט נישט, אַז עס איז עמיץ שענער, בעסער און קלוגער פאַר זיין טאָכטער, ענטפערט ער איהר:

— ווייס איך? דיינע בליצענדיגע, רויטע האָר, מיט די טיעפע, בלאָהע איגען געפעלען, און איהרע זיידענע, פלאַקסענע האָר, מיט די עהרליכע טיעפע איגען — נישט... יעדער מענש האָט שוין זיין מזל...

און אין האַרץ האָט ער געקלערט: „אוי, צי איז עס נישט אַ ירושה פון עלטער-עלטער-זיידען קהלת?... אַזאַ פריש עפּעלע, און עס פּיקט שוין דאָרט אַ ווערמעל"...

און אין דער רגע האָט זיך בעוויזען אין אָפענעם פענסטער אַ מילך-ווייסע טויב.

די בת-מלכה האָט געמיינט, אַז דאָס איז איינע פון איהרע טויבען, און זי האָט זיך איסגעדרעהט צו איהר, זי זאָל זיך איהר שטעלען אויפ'ן אַקסעל.

די טויב האָט עס דאָך נישט געטהון.

די מילך-ווייסע טויב איז אַריינגעפלויגען און האָט זיך געשטעלט פאַר'ן מלך אויפ'ן טיש.

זי האָט זיך דריי מאָל געבוקט פאַר'ן מלך, און אָנגעהויבען צו וואורקען און צו ברומען צום מלך.

און ביי די רויטע יודלעך, מוזט איהר וויסען, האַלט זיך נאָך דער אַלטער יודישער מנהג, אַז דער, וואָס זיצט אין סנהדרין, מוז קאָנען אַלע זיעבציג לשונות פון דער וועלט, און דער מלך פון אַ מדינה מוז, ווי שלמה אין זיין צייט, קאָנען אפילו די לשונות פון חיות און עופות.

און די ווייסע טויב האָט צום מלך אַזוי געברומט:

— מלך, גרויסער מלך! האָב קיין עגמת-נפש נישט, עס וועט זיך אַלץ ענדערן צום גוטען; דו וועסט אין דער בת-מלכה נאָך נחת דער-לעבען...

— נייט זי אָבער נישט, אַז זי זאָל נעמען איינעם פון די פּרינצען, וואָס בעטען איהר האַנד. נישט איינער פון זיי איז איהר בעשער-טער, און נישט אין גלויבשטיין וואָהנט דער, וואָס איהר איז בעשערט.

און דער מלך האָט איהר אויף טויבען-לשון אַזוי געענטפערט:

— גוטע טויב, קלוגע טויב, זאָג מיר, וואו איהר בעשערטער וואָהנט, הייס איך באַלד שפּאַנען די טייערסטע פערד און ברענג איהם אַהער; זאָל ער זיין אַ פּרינץ, זאָל ער זיין דער אָרימסטער מאַן, זאָל ער ביי דיר שווערסטער אַרבייט שטעהן, גיב איך איהם, — הייסט מיין נאָמען נישט שלמה דער זיעבען-און-צוואַנציגסטער, — מיין איינציגע טאָכטער און מיין קרוין אַוועק!...

און די טויב האָט אַזוי געענטפערט:

— מלך, גרויסער קעניג, געזונד זאָלסט דו זיין און לאַנג לעבען

זאָלסט דו, מלך! נישט דאָס אָבער האָט מען מיר בעפוילען דיר צו זאָגען... דיין בת-מלכה וויל זיין זיכער, אַז דער, וואָס שווערט, אַז ער האָט זי ליעב, מיינט נאָר זי אַליין, נישט די אוצרות, נישט די מלוכה.... דאָס גוטע פרומע האַרץ האָט מורא, מוז מען עס בערוהיגען...

— ווי אַזוי, ווייסע, קלוגע טויב? — האָט דער מלך געפרעגט.

און די טויב האָט אַזוי געענטפערט:

— גרויסער מלך, קלוגער מלך, געזונד און שטאַרק זאָלסט דו זיין, און אייניקלעך דערלעבען זאָלסט דו, מלך! הייס איהר אויסקלויבען די אָרימסטע קליידער, וואָס איהר האַרץ וועט גלוסטען, פאַר איהר און פאַר דיר, מלך, און וואַנדערט אַרוים פון די ערטער, וואו מען קאָן אייך לייכט דערקענען. און אַז איהר בעשערטער וועט זי וועלען אין שמוץ און אין אָרימקייט, וועט דער בת-מלכה'ס גאָלדען האַרץ נישט ציטערן, נישט שרעקען זיך.

— איך בין גרייט אַלץ צו טהון, וואָס דו זאָגסט, — האָט ער דער טויב געענטפערט, און זי האָט דריי מאָל אַהין און צוריק געהופּט און געבוקט זיך, ווי ביים אויסגעהן שמונה-עשרה, און איז צוריק אַרויסגעפלויגען פון פענסטער.

די בת-מלכה האָט קיין איסרייד נישט געהאַט, אויף דער טויב'ס עצה נישט צו בעשטעהן. האָט זי אויסגעקליבען צום וואַנדערן קליידער פון שמאַטעס-קלויבער.

די בת-מלכה האָט זיך אַזוי געטראַכט: אין אַזיינע שמוציגע קליידער וועל איך קיינעם אין די אויגען נישט פאַלען...

נאָר אַ מענש דענקט, און גאָט לענקט.

בשעת דער מלך און די בת-מלכה האָבען גערעדט וועגען די וועגסקליידעו, איז יואָב, דער משנה-למלך, געשטאַנען הינטער אַ זיידענעם פאָרהאַנג און אונטערגעהערט.

פעלקער און קינדער האָבען יעדער אַ טביעת עין, איך מיין: איין אויג, וואָס דערקענט אין דער ערשטער רגע דאָס, וואָס קלוגע הכמים דערקענען נישט. מיט'ן ערשטען בליק זעהען זיי, ווער ס'איז גוט, עהרליך און פרום באמת, און ווער ס'טראָגט נאָר אַ מאַסקע אויפ'ן פנים — און האָט דאָס גיהנום אין האַרץ.

דאָס פאָלק האָט אויף איהם געמורמעלט.

דער מלך איז אָבער געווען אין יואָב'ן פערנאַרט.

אַזױנס טהוט נאָר אַ פאַלשער, שלעכטער מענש, און דאָס איז ער געװעזען...

נישט ער האָט געדאַרפט זײן משנה־למלך אין װאונדער־לאַנד!...

אין פּאַלאַץ אַרײן איז ער געקומען דורך אַ צופאַל:

די מלכּה, עליה השלום, אין ליכטיגען גן־עדן זאָל זי זײן, איז נפטר געװאָרען אין קינפּעט, און מען האָט געדאַרפט פאַר דער בת־מלכּה אײן אַם, איז דער גורל געפאַלען אויף יואָב'ס װײב. דורך איהר האָט ער בעקומען אַ צוטריט צום פּאַלאַץ...

אײנמאָל האָט איהם דער מלך שלמה בעמערקט און געפרעגט, װער ער איז און װאָס ער װיל.

ער האָט געזאָגט, אַז ער איז דער בת־מלכּה'ס אַם'ס אַ מאַן, און פערלאַנגען פערלאַנגט ער נישט מעהר, נאָר די ערלױבּניש אָנצוזעטען דײנע אײגען מיט'ן גלאַנץ, װאָס שלאָגט פון מלך'ס פּנים...

װאָס אײן אַנגעל איז פאַר פיש, איז חניפה פאַר מלכים...

יואָב איז שױן געבּליבּען אין פּאַלאַץ. ער איז געװאַקסען פון טאָג צו טאָג, און מיט דער צײט איז ער געװאָרען משנה־למלך.

קלוג איז ער געװען, װי אחיתופל בשעתו, און ער האָט זײן פרומע, עהרליכע ראָלע אַזױ פײן געשפּיעלט, אַז די װעלט, װאָס האָט געמורמעלט, האָט נישט געהאַט אויף איהם צו װײזען עפּעס אײן עולה.

די בת־מלכּה האָט יואָב'ן, דעם משנה־למלך, נישט געקאָנט לײדען. אַז ער האָט אויף איהר געקוקט, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אַ פײכטער, קאַלטער װאָרם גליטשט זיך איהר איבּער'ן פּנים... זי האָט עס אָבּער קײנמאָל נישט געבּראַכט אויף די ליפּען, נאָר צוליעב איהר אַם, יואָב'ס געשטאָרבּענע װײב, צוליעב דעם פאָטער, און אפשר מעהר צוליעב דבורה'לען, אין װעלכער זי האָט אַ געטרײע, געליעבּטע שװעסטער געהאַט, — האָט זי זיך אַ כּח אָנגעטהון, און פון צײט צו צײט מיט איהם אַ גוט װאָרט גערעדט...

דער שלעכטער מענש האָט זיך אָבּער דאָס גוטע װאָרט אַנדערש אױסגעטײטשט... האָט זיך געװאָלט בעניצען דערמיט און װערען דעם מלך'ס אײדעם!...

קײן יונגער מאַן איז יואָב שױן נישט געװען, נאָר געהאַלטען האָט ער זיך קינדיש, און האָט זיך פײן, װי נאַטירליך, געפאַרבּט די באָרד און די האָר פון קאָפּ.

און אַלע האָבען אָן זיינע יאָהרען פערגעסען...

די פריילינען פון הויף האָבען צו איהם געוואונקען, האָט ער גע־מיינט, אַז שולמית איך... אַזוינס טהוט נאָר אַ פאַלשער, שלעכטער מענש...

ליתר תוקף ועוז האָט ער אויפגעקויפט ביי אַלערליי כשוף־מאַכערס ליעבעס־טראָפּען, וואָס ער האָט בגנבה אַריינגעטהון אין דעם אַלעם, וואָס די בת־מלכה האָט געגעסען און געטרונקען.—

דער קלוגער יואָב האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז די אַלע טראָפּענס העלפען נאָר דעמאָלט, ווען דער, וואָס בעניצט זיך מיט די טראָפּענס, האָט אמת און עהרליך ליעב, בשעת ווען יואָב האָט נאָר אין זין גע־האַט די מלוכה.

און דאָס, וואָס די בת־מלכה האָט אָבגעזאָגט אַלע פרינצען, האָט ער אויך געהאַלטען ביי זיך פאַר אַ גוטען סימן. און כדי ער זאָל זי־בערער זיין אין זיינע פּלאַנען, האָט ער נישט אויפגעהערט נאָכצוקוקען דעם מלך מיט דער בת־מלכה און אונטערצוהערען, וואָס זיי רעדען.

און אַז ער האָט, שטעהענדיג הינטער דעם זיידענעם פאָרהאַנג, דער־הערט, אַז זיי רעכענען אין גאָר אָרימע קליידער אַרויסצוואַנדערן, האָט ער נאָך זיין האָפנונג נישט פערלאָרען.

פערקעהרט, עס האָט איהם נאָך מעהר פערנאַרט.

ער האָט געקלערט, אַז די בת־מלכה, וואָס האָט אַזוי פיעל ליעבעס־טראָפּען אויסגעטרונקען, האָט אַליין פאָרגעשלאָגען דעם פאָטער דעם שידוך, און כדי געוואָהר צו ווערען, צי ער איז ווערט צו זיין אַמאָל אַ מלך, פאָהרען זיי אַרוים פערשטעלט איף דער מדינה, געוואָהר צו ווערען, וואָס מען זאָגט אויף איהם.

און וויל ער האָט פאָרט מורא געהאַט, מען זאָל אויף איהם אין דער מדינה פאַר'ן מלך, און דער עיקר — פאַר דער בת־מלכה, נישט רעדען קיין בייז, האָט ער זיי נאָכגעשיקט שפּיאָנען, זיי זאָלען זיי נאָכ־געהן טריט ביי טריט, און טאַקי טעגליך איהם שרייבען אויף תשר"ק־כתב, וואו זיי זענען, און וואָס זיי טהוען.

און דער התחלה האָבען איהם די בריעף, וואָס ער האָט בעקומען פון די שפּיאָנען, גאָר נישט געוואונדערט: דער מלך מיט דער בת־מלכה געהען און געהען, און שטעלען זיך אין ערגיץ נישט אָב. שפּעטער אָבער, אַז מען האָט איהם מודיע געווען, אַז זיי זענען אַרויס אויס דער גרע־

ניין, האָט זיך דער משנה־למלך זעהר דערפרעהט: ער איז געפאַלען אויף איין אַנדערן, גאָר אַ לייכטען פּלאַן, ווי אַזוי צוצוקומען צו דער מלוכה!

ער וועט דעם מלך מיט דער בת־מלכה אומברענגען! און אין דער ברעמט וועט ער דאָס טהון גאָר אָהן פּחד...

און ער האָט זיך געלאָזט ברענגען צוויי גזלנים, און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— איך, משנה־למלך, און היינט במקום מלך, וויים גאַנץ גוט, אַז איהר זענט רוצחים און גזלנים, אַז מען דאַרף אייך הענגען אין מיטען מאַרק, און דערנאָך אייך צעשניידען און צעשיקען שטיקער פון אייך אין אַלע תרי״ג שטעדט פון דער מדינה. נאָר אין אייך ווענדט זיך, אַז איהר זאָלט ניצל ווערען פון דער תליה, און נאָך גרוים ווערען...

— אַז זאיהר וועט טהון, וואָס איך וויל, און עס וועט בלייבען בסוד, וועל איך איינעם פון אייך מאַכען פאַר'ן ערשטען מיניסטער, און דעם צווייטען — פאַר אַ ראש און סנהדרין...

און די גזלנים פאַלען דעם משנה־למלך צו די פיס, און ער האָט זיי געהייסען שווערען אויף די קניע, אַז זיי וועלען טהון זיין פערלאַנג!

און די גזלנים האָבען געשוואָרען: איינער — ביי אַלע וויסטע וועלדער און פּוסטע חורבות, וואו שדים און רוחות וואָהנען, און ביי אַלע ניט־בעגראָבענע ביינער פון רוצחים און גזלנים:

— אויב איך וועל מיין וואָרט נישט האַלטען, זאָלען זיך אין מיר אַלע שדים פון וועלדער און חורבות, און אַלע רוחות רעות פון די פערוואַלגערטע ביינער אָן מיר נוקם זיין!

און דער צווייטער האָט אויך אַזוי געשוואָרען, און האָט נאָך צוגעגעבען, אַז ער שווערט נאָך ביי זיין געהיימנים — ביי זיין פאָטער'ס מויל, וואָס ער האַלט אין עסיג אין אַ פאַהיר...

און דעמאָלט האָט דער שלעכטער יואָב אַזוי געזאָגט:

— שאַרפע שווערדען האָט איהר, בלאַנקע שפּיזען גיב איך אייך... און פערד וועל איך אייך געבען די בעסטע פון מלך'ס שטאַל, וואָס פליהען ווי די אָדלער, וואָס יאָגען־איבער דעם ווינד...

— לאָזט אייך איף דער וועלט...

— און אַז איהר וועט טרעפען צוויי שמאַטעס־קלויבער: אַ גרויז־גראָהע אַלטען, ווי אַ טייב, און אַ יונג מיידעל, וואָס איהר פּנים וועט אַרויסשיינען פון איהרע שמוציגע קליידער, ווי אַ זון פון אונטער אַ ווינ־

טערדיגען בליירנעם וואָלקען,— פערהאַלט זיי!
— און דעם אַלטען זאָלט איהר טייטען באַלד אויפ'ן אָרט!
— און מיט דער מאַכטער זאָלט איהר אַזוי טהון:
— איהר וועט זי פרעגען, צי זי וויל האַלטען אַליך בסוד און אַהער קומען זיין מיין ווייב.
— אויב זי וועט בעשטעהען, און זי וועט אייך צושווערען דערויף ביי דער נשמה פון איהר געשטאָרבענער מוטער, לאָזט זי לעבען און ברענגט זי אַהער.
— אַ ניט — טייט זי!
— בעגראָבט זיי בידע אויפ'ן אָרט. און פאַר אַ סימן, אַז איהר האָט אַליך געטהון בשלמות, זאָלט איהר מיר ברענגען זייערע קליידער: איך וועל זיי דערקענען...!
די גזלנים זענען בעשטאַנען. און ער האָט זיי געגעבען געלד אויף הוצאת-הדרך, בעוואָפענט זיי פון קאָפּ ביז פיס, אַרויסגעזעצט אויף פערד און אַרויסגעשיקט אין דער וועלט אַריין...
און דער שלעכטער מענש איז זיכער, אַז עס וועט איהם געראָטען...
מלך וועט ער זיין!
און קוים וועט ער ווערען מלך, וועט ער וויסען, וואָס צו טהון...
די מלוכה וועט ער שוין בעפעסטיגען!
ווי אחשורוש וועט ער טהון!
אַ קעניגליכע סעודה וועט ער מאַכען— פאַר גאַנץ וואונדער-לאַנד אַ סעודה...
אין גרויסען גאָרטען וועט ער גאָלדענע טישען שטעלען. און זיי וועלען זיך בייגען אונטער דער לאַסט פון די טייערסטע מאכלים, און די טייערסטע וויינען וועלען זיך גיסען ווי וואַסער...
און אַלע שפּיעלער, און אַלע טענצער, און אַלע זינגער פון דער גאַנצער מדינה וועלען קומען און שפּיעלען, און זינגען, און טאַנצען —
עס וועט זיין אַ יום-טוב, אַ פרייד פאַר גאַנץ וואונדער-לאַנד!
און זיבען טעג און זיבען נעכט וועט מען טרינקען, זיבען טעג און זיבען נעכט וועט זיין אַ לעבען...
און די שענסטע מיידלעך פון דער גאַנצער מדינה וועלען קומען...
און ער וועט אַרומגעהען ביי די טישען און קוקען, און קלויבען.
און די שענסטע וועט זיין ווייב זיין, זיין מלכה זיין...

י. ל. פרץ.

# פיערטעס קאַפּיטעל.

דבורה מוז ענטלויפען. — זי געזעגענט זיך. — ביי דער מכשפה אין דער הייל.

דבורה, דעם משנה למלך'ס טאָכטער, האָט שטאַרק געליטען, זייט די בת מלכה איז אַוועק.

זי איז געבליבען איינע אַליין.

דער פאָטער האָט זי קיינמאָל נישט ליעב געהאַט. מיט איהר געבוירען ווערען האָט ער זיך נישט שטאַרק געפרעהט; דעמאָלט איז ער אָרים געווזען, און איין איבריג מויל אין שטוב איז נישט געוועזען פון די גוטע זאַכען. אַז דאָס קינד איז אַלט געוואָרען עטליכע וואָכען, האָט ער עס פלוצלינג פיינד געקריגען; ער האָט זיך בעקלאָגט, אַז עס איז נישט ז י י ן קינד, אַז מען האָט איהם דאָס קינד אין וויעג פערטוישט. שפּעטער, אַז ער איז געקומען צום מלך אין פּאַלאַץ אַריין, האָט ער דאָך בעהאַלטען די שנאה ביי זיך אין האַרץ און האָט געגען זיין אייגענער טאָכטער געשפּיעלט די זעלבע פאַלשע ראָלע, ווי געגען אַלע.

קוים אָבער איז דער מלך מיט דער בת־מלכה אַרויסגעפאָהרען, האָט ער די מאַסקע פון פנים אַראָבגעוואָרפען.

דאָס ערשטע איז געוועזען, וואָס ער האָט פערטריבען פון פּאַלאַץ אַלע אָרימע און קראַנקע, און האָט צוגענומען ביי זיין דבורה'ן דעם שליסעל צום מלך'ס אוצרות.

נאָך מעהר געליטען האָט זי דאָך דערפון, וואָס זי האָט געזעהן, ווי דער פאָטער איהרער נעמט זיך צו דער מדינה. ער האָט פלוצלונג אָבגעשאַפט אַלע אַלטע עהרליכע גענעראַלען, אַלע פערדיענטע בעאַמטע פון שטעדט און דערפער, ווי אויך אַלע עהרליכע שופטים ושוטרים, פון נידריגסטען ביזן העכסטען סענאַטאָר, וואָס איז געזעסען אין כנהדרין. די אַלע שטעלען האָט ער בעזעצט מיט פאַלשע, שלעכטע מענשען, מיט זיינע שמייכלער און טעלער־לעקער, וואָס זענען גרייט געוועזען צו העלפען איהם אין אַלע בייזע פּלענער.

דבורה האָט זיך געפּרובט איהם מוסר זאָגען, נאָר דערמיט האָט זי זיך נאָר ערגער געמאַכט. ער האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל בעשלאָסען, דער טאָכטערס פּטור צו ווערען. ער וואָלט זי געטייט, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר דער מדינה, ווייל דבורה איז ביי אַלע געווען בעליעבט, גלייך

מיט דער בת־מלכּה. האָט ער זי געוואָלט התונה מאַכען פאַר וועמען עסאיז פון דער פרעמד, און האָט געזוכט פאַר איהר אַ מאַן צווישען די רייכע סוחרים פון אַנדערע מדינות, וואָס פלעגען קומען קיין גלויבשטיין וועגען געשעפט.

איינער אַזאַ סוחר איז איהם שטאַרק געפעלען. עס איז געוועזען אַ די־קער, אַ הויכער מאַן מיט שאַרפע פינסטערליכע בליקען. דער, האָט גע־טראַכט דער משנה למלך, וועט זי שוין פון דער האַנד נישט אַרויסלאָזען, און ער האָט איהם פון מאַרק, וואו ער איז געשטאַנען מיט סחורה, אַהיים געפיהרט אין פּאַלאַץ אַריין און פאָרגעשטעלט דער טאָכטער אַלס חתן.

זי האָט פערבראָכען די הענד, אַ קוואַל טרעהרען האָט איהר אַרויסגע־שפריצט פון די אויגען. די פיס האָבען זיך איהר אונטערגעבראָכען. און זי איז דעם פאָטער געפאַלען צו די קניע און געקלאַמערט זיך אַרום זיינע פיס. נאָר ער האָט זי מיט'ן פוס אַוועקגעשטופּט.

— מאָרגען שטעלט מען דיר אַ חופּה! — האָט ער אַרויסגעזאָגט שאַרף און איז אַוועק פון איהר.

דיזעלבע נאַכט איז דבורה ענטלאָפען פון פּאַלאַץ.

די סאָלדאַטען פון דער וואַכט האָבען זי פאַר רחמנות נישט פערהאַלטען, און אַ רחמנות'דיגע בלאַסע לבנה האָט איהר בעלויכטען דעם וועג דורכ'ן גאָרטען אין די אָבגעלעגענע אַלעען.

ענטלויפענדיג, האָט זיך דאָך דבורה נישט איינגעהאַלטען און האָט זיך אַלע ווילע אָבגעהאַלטען ביי אַנדערער בלום, און האָט זיך מיט איהר געזעגענט און געקושט. און נישט אויף איין רויזען־אָדער־ליליען־בלעטעל איז געבליבען הענגען איהר'ס אַ טרעהר, ווי אַ טראָפּען פרישער טהוי.

— ווער ווייס, אויב איך וועל אייך נאָך אַמאָל זעהן! — האָט זי גערופען צו די בלומען, צו די ביימער און צו די גאָלדענע פישלעך אין טייך, וואָס זי האָט געוועקט מיט איהרע לייכטע טריט, ווי אויך צו די פייגעל, וואָס האָבען זיך געוויעגט צווישען די שטילע צוויגען.

און אַ שטילער. זעהר אַ שטילער שאָראָך איז איבערגעגאַנגען פון צוויג צו צוויג, פון איין בוים צום צווייטען, ווי עס וואָלט געזאָגט: שווייגט! ש—ש—ש... דאָס גוטע, דאָס גאָלדענע מיידעלע ענטלויפט, זי ענטלויפט פון איהר פיינעם פּאַלאַץ, פאַר איהר שלעכטען טאַטען, פאַר איהר פאַלשען טאַטען... שווייגט, וועקט נישט קיינעם, שווייגט...

פון דאָרטען איז זי אַריין אין אַ וואַלד.

ביים ערשטען בוים אין וואַלד האָבען אויף איהר געוואַרט דריי משונה־דיגע היה׳לעך, ווייסע ווי מילך, מיט גאָלדענע שטרייפען און הערנדלעך, וואָס צווי האָבען געהאַט פון שילדקרעט, און איינס — פון עלפענביין.

דבורה האָט זיך פאַר זיי אָבגעשטעלט און אַזוי געבעטען:

— אָ, גוטע היה׳לעך מיט די ווייסע פעלעכלעך, גאָלדענע שטרייפעלעך, שילדקרעטענע און עלפענביינענע הערנדלעך! האָט רחמנות אויף מיר, און ווייזט מיר דעם וועג צו דער הייל, וואו די גוטע כשוף־מאַכערין וואָהנט.

און זי זאָגט זיי, אַז זי איז נאָך ביינאַכט אין וואַלד נישט געוועזען, אַז ביי דער שיין פון דער לבנה זעהט אַלץ אַנדערש אויס, און זי קאָן נאָך פערבלאָנדזען, און שלעכטע מענשען וועלען זי געפינען און צוריק פיהרען אַהין, וואו זי דאַרף נישט און טאָר נישט זיין...

די היה׳לעך האָבען, אַ פּנים, פערשטאַנען יעדעס וואָרט, זיי האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּעלעך אויף יאָ און געבוקט זיך אַ פּאָר מאָל מיט די הערנדלעך צו דער ערד.

דאָס איז געוועזען אַ סימן, אַז זיי האַלטען עס פאַר רעכט און ווילען איהר ווייזען דעם וועג.

און דאָס היה׳לע מיט׳ן עלפענביינענעם הערנדעל איז אַרויסגעטרעטען פון דער שורה, און האָט זיך איהר געשטעלט פון פאָרענט; די צווי מיט די שילדקרעטענע הערנדלעך — רעכטס און לינקס אויף ביידע זייטען.

און זיי האָבען אָנגעהויבען צו געהן.

און זיי זענען געגאַנגען און געגאַנגען. בערגלעך אַראָב, בערגלעך אַרויף, צווישען פערפלאָכטענע צווייגען, ביז דבורה׳לע האָט דערזעהן אַ פיין־גאָלדענעם שטראַהל, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגען פון דער ערד.

דאָס היה׳לע מיט׳ן עלפענביינערנעם הערנדעל האָט שטיל דערמיט אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָרט? — האָט מען געפרעגט פון אונטער דער ערד.

דבורה׳לע האָט דערקענט דער כשוף־מאַכערינס קול און האָט זיך בערואַנדערט, ווי אַזוי די טויבע האָט דערהערט דאָס שטילע קלאַפּען פון קליינעם הערנדעל.

— איך, איך, איך, — קלאַפּט ווייטער דאָס היה׳לע, וואָס האָט קיין לשון נישט. נאָר אין דער אייגענער רגע האָט אַ רויש געטהון צווישען די צווייגען פון אַ נאָהנטען בוים, אַ ווייסע טויב האָט זיך בעוויזען און אויסגערופען מיט אַ קול פון אַ מענשען:

— מוהמעשי, עפען! דבורה׳לע איז געקומען! דבורה׳לע מיט די גרויסע, שווארצע אויגען, און האר ווי פלאקס... עפען, מוהמעשי, ס׳איז די העכסטע צייט...

די הייל האט זיך געעפענט, און דבורה׳לע איז אריינגעקומען און געטראפען די אלטע, זיצענדיג ביי פעדערן, וואס זי האט געפליקט אין א גרויסען טאפ אריין.

— גוט׳ן אבענד, — זאגט דבורה׳לע שטיל; און קוקענדיג פערוואונדערט אויף דעם אלעם, וואס אין הייל טהוט זיך, האט זי פערגעסען צו בעטען, מען זאל זי אויפנעמען.

פאר דער אלטער, זעהט זי, שטעהט גאר א קליין לעמפעלע, און עס בעלייכט דאך די גאנצע הייל. אין מיט׳ן דער הייל שטעהט א פיין געבעט בעטעל, און זי דערקענט עס: עס איז איהר אייגען בעטעל, מיט איהר בעטגעוואנד, מיט איהר ויידענער, גאלדגעשטריקטער קאָדרע...

— גוט יאָהר, — ענטפערט דערוויל די כשוף-מאכערין. — איך האב געוואוסט, דו וועסט קומען, און איך האב ארויסגעשיקט מיינע קראָהען, די זאלען ארויס׳גנב׳ענען פון פאלאץ דיין געלעגער... אויף א פרעמד בעט שלאפט זיך נישט גוט...

דבורה׳לע שוויגט, נאך מעהר פערוואונדערט.

און די אלטע מאכט:

— ביזט מיעד, דבורה׳לע, טהו דיך אויס, לעג דיך שלאפען. מארגען וועסט דו אלץ וויסען.

דבורה׳לע האט געפאלגט, און אז זי איז איינגעשלאפען, האט זיך די אלטע אויפגעהויבען שטיל, און האט גענומען א שניי-ווייסען פליגעל פון א שוואן און געמאכט אין דער לופט אין אלע פיער זייטען, און צוגעברומט שטילערהייד:

גוטע חלומות, קומט
פון אלע זייטען, קומט
צו דעם גוטען מיידעלע,
צו דעם פרומען מיידעלע,
צו דעם הארציגען מיידעלע...
צו ר׳ שלמה׳ס טעכטער׳ל...

און פון אלע זייטען זענען אנגעפלויגען ווייסע טויבען, מיט שניי-ווייסע דריזאנטעמען און ליליען אין די מיילער, און זענען שטיל און פיין געפלויגען איבער דבורה׳לעס בעט.

## פינפטעס קאַפּיטעל.

אַ פריה־מאָרגען אין הייל.— וואָס טהוט זיך אין דער אוויטער העלפט פון דער הייל?— אַ מעשה פון אַ גרויסע נשמה.— ווי אַזוי זי איז געבוירען געוואָרען און איז איינגעשלאָפען.

ויהי ערב, ויהי בקר. און אויף מאָרגען, אַז דבורה'לע האָט זיך אויפגעהאַפּט, האָט זי בעמערקט, אַז די הייל איז אָבגעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג, וואָס איז אויסגעשטיקט מיט אַלערליי בלומען און פייגעלעך, פון וועלכע זי האָט נישט געקאָנט אָבּרייסען די אויגען.

— וואָס, ווילסט וויסען,— פרעגט זי די אַלטע מיט אַ שמייכעל,— וואָס אין יענער העלפט הייל טהוט זיך?...

— ניין, מוהמעשי, אַז מען זאָגט נישט מיר אַליין, פרעג איך נישט...

— אַז דו ביסט יאָ אַזוי גוט,— ענטפערט די אַלטע,— וועל איך דיר דערצעהלען. דערווייל וועט זיך אָבקאָכען די מילך, וואָס איך האָב דיר צוגעשטעלט אויף פריהשטיק.

און די אַלטע האָט איהר דערצעהלט אַזאַ מעשה.

„אַמאָל האָט גאָט אַראָבגעקוקט אויף אונזער אָרימער וועלט, און געזעהען, אַז עס פיהרט זיך נישט גוט, אַז עס זענען סאַמע קליינע, גאָר קליינע נשמות, וואָס קאָנען גאָרנישט אויסקלערען, און אויב זיי קלערען שוין יאָ עפּעס אויס, קאָנען זיי עס נישט אויספיהרען, האָט ער געהייסען אַראָבשיקען איין נשמה האָטש אַ רעכטע — אַ גרויסע, אַ הויכע נשמה.

און עס איז ערגיץ געבאָרען געוואָרען אַ קינד מיט אַזאַ נשמה. עס איז געווען אַ יונגעל, און אַז ער האָט געעפענט זיינע גרויסע אויגען אויף דער וועלט, איז ער פול געוואָרען מיט צער און רחמנות.

נאָר אַז ער איז אויפגעוואַקסען, האָט ער אויך גאָר נישט אויסגעקלערט, ווייל ער האָט קיין צ י י ט נישט געהאַט צו קלערען...

אַרום און אַרום איז אַזוי פיעל אומגליק געווען, אַזוי פיעל אונבעהאָלפענקייט, אַזוי פיעל צער...

און ער האָט זיך גענומען צו העלפען, עצות צו געבען, טובות צו טהון... עמיצער פאַלט, הייבט ער איהם אויף; עמיצער ווייס נישט, ווי אַזוי פון וואַסער אַרויס, דערלאַנגט ער איהם אַ צווייג; עמיצער קאָן אַ לאַסט

נישט דערטראָגען, העלפט ער איהם צו; ווער עס דאַרף איין עצה טובה, קלערט ער איבער און גיט... און וואו עס האָט שוין דאָס אויך נישט געהאָלפען, האָט ער זיין האַרפע אַרויסגענומען און געזונגען און געשפּיעלט.

און די האַרפע האָט געהאַט אַ זיסען קלאַנג, און זיין שטימע איז נאָך זיסער געווען ווי דער קלאַנג פון דער האַרפע, און זיסער פון ביידע איז געווען דאָס ליעד אַליין, וואָס ער האָט געזונגען.

ער האָט געזונגען פון שפּעטערע גליקליכערע צייטען... ווען אַלע וועלען ווערען געהאָלפען, ווען אַלע טרעהרען וועלען אויסטרוקנען, אַלע קרענק פערשווינדען, אַלע עולות פערגעהן, און אַלע, די שוואַכסטע אפילו, וועלען גליקליך זיין...

— צי איז דאָס אמת? — פרעגט דבורה...

— אַי, ווי דיינע אויגען האָבען זיך אונטערגעצונדען! — ענטפערט די אַלטע...— נאָר צי עס איז אמת? איך ווייס נישט; ער האָט געזונגען, און מענשען האָבען געגלויבט, און דערפון אַליין איז זיי לייכטער געוואָרען דאָס לעבען...

מיט דער צייט האָט ער אַ שם אויף דער מדינה בעקומען, און וואָס מעהר שם ער האָט געהאַט, מעהר אָרימע, מעהר אונבעהאָלפענע, מעהר אונגליקליכע האָבען בעדאַרפט זיין הילף... און ער איז דאָך געווען איינער, איינער אַליין...

— גאָט, — האָט ער זיך איינמאָל געשטעלט מיט אַ טענה צום הימעל — פאַרוואָס האָסט דו מיך נאָר איינעם בעשאַפען? ווי קאָן איך איינער אַלע, אַלע העלפען?

און אַ בת קול ענטפערט איהם פון הימעל:

— איך האָב איין אָדם הראשון בעשאַפען, און פון איהם איז די וועלט אַרױס. זוך דיר דיין הוה'ן...

און ער האָט אַליין פערלאָזט און אָנגעהויבען זוכען...

ער האָט אָבער נישט געפונען... עס איז זעלטען איין אמת'ע הוה... נישט געקינצעלט, נישט געפעלשט, נישט קינדיש-נאַריש-נאַשעריש... און ער האָט זיך נאָך אַ צייט ווייטער געשטעלט מיט אַ טענה צו גאָט:

— איך געפין נישט! — זאָגט ער.

און פון הימעל האָט מען איהם געענטפערט:

„אַז דו קאָנסט נישט זוכען, וואַרט ביז מען וועט דיך זוכען און געפינען...“

און מען האָט איהם אַיינגעשלעפט דאָ אין דער הייל; און ער שלאָפט

שוין לאַנג, לאַנג... און מיך האָט מען ביי איהם פאַר אַ וועכטערין געשטעל'ט, עס זאָל איהם אין שלאָף קיין בייז נישט געשעהען...

— ווי לאַנג שלאָפט ער שוין, מוהמעשי?

— מעהר ווי הונדערט יאָהר... מעהר... ווילסט איהם זעהן, דבורה'לע?

דבורה ציטערט אויפ'ן גאַנצען לייב און קאָן פון מויל קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען.

די אַלטע ציהט ביי אַ שנירעל, דער פאָרהאַנג צושפּרייט זיך, און אין דער צווייטער העלפט הייל בעוויזט זיך אַ שלאָפענדיגער יונגער מאַן, שען ווי אַ חלום פון אַיין אונשולדיג יונג מיידעל...

דבורה איז פּלוצלינג אַרויסגעלאָפען פון הייל אין וואַלד אַריין. די אַלטע האָט איהר נאָכגעקוקט מיט אַ שמייכעל און באַלד דערנאָך אַרויסגעביגען דאָס אַלטע קעפּעל פון דער הייל און אַ פייף געטהון. די דריי הירה'לעך האָבען זיך אויף איהר פייף, אין דער זעלבער סעקונדע, אויף דער ראַנד פון דער הייל בעוויזען.

— וואָס איז דיין פערלאַנג, נשמה פון וואַלד? — האָבען זיי געפרעגט.

אין מיט'ן בליק האָט זיי די אַלטע אָנגעוויזען אויף דבורה'ן, וואָס האָט נאָך צווישען די ביימער געמיגעט, און ווייטער געלאָפען.

— וואָס איז מיט איהר געשעהן?

— אַ חלום, — שמייכעלט לייטזעליג די אַלטע, — איז איהר, אינ'ם מיידעל־האַרץ געבוירען געוואָרען, און ווי אויף פליגעל טראָגט זי דער חלום. הייט זי און ברענגט זי אָבענד־צייט צוריק אַריין אין דער הייל.

— גוט!

און די הירה'לעך זענען פערשוואונדען.

## זעקסטעס קאַפּיטעל.

די צווייטע נאַכט אין דער הייל.— דבורה וועקט זיך אונרוהיג אויף.— וואָס זי זעהט און הערט.

די צווייטע נאַכט איז דבורה אונרוהיג געשלאָפען. דער חלום האָט איהר מיידעל־האַרץ געוואָקסען, די פליגעל צושפּרייט. אָבער נישט דאָס אַליין האָט זי פון שלאָף אויפגעוועקט. מעהר, פיעלייכט, די זאָרג ווע־

גען שולמית דער בת־מלכּה און איהר פאָטער — שלמה דער מלך.

זי וועקט זיך, און נאָך מיט געשלאָסענע אויגען טראַכט זי:

וואו זענען זיי?

וואו וואַנדערן זיי אַצונד?

וואָס האָבען זיי איבערגעלאָזען די מלוכה אין שלעכטע הענד, אומגליגליכע און אָרימע — אָהן הילף...?

וואַכענדיג וועט זי איבער'ן מויל אויפ'ן פאָטער קיין בייז וואָרט נישט ברענגען. אין האַרץ ווייס זי דאָך, ווי שלעכט איהר פאָטער איז. אומזיסט פלאָגט זי זיך און וואַרפט זיך פאָר, פאַרוואָס זי האָט איהר פאָטער נישט ליעב! זי קאָן איהם נישט ליעב האָבען — שלעכט איז ער, זעהר שלעכט! אַז שלמה, ווייס זי, דער ריכטיגער מלך, וועט נישט צוריקקומען, וועט ער פון וואונדערלאַנד אַ חורבה מאַכען, פון גלויבשטיין וועט אַ גיהנום ווערען... פון תּפיסה וועלען אַרויס גענעראַלען און ריכטער, און עהרליכע לייט וועט מען שמיעדען און אין פינסטערע גריבער אַריינוואַרפען.

און פון שולמית וואָס וועט זיין?

און איהר האַרץ בענגט און ציטערט.

און זי עפענט די אויגען און זעהט:

פון עטליכע ברענעדיגע קוילען, וואָס זענען אויפ'ן קוימען געבליבען, פליעסט איבער דער גאַנצער הייל אַ העלע, רויטליכע שיין. די ווענד אַרום זענען בעדעקט מיט גרינע צווייגען און פערשיעדענפאַרביגע בלומען, און דאָס אַלץ, דאַכט זיך, וואַקסט און בליהט אין דעם רויטליכען גלאַנץ. און רוהיג און שטיל פלאַטערט דער פאָרהאַנג, וואָס טיילט אָב די נישע, וואו יענע שלאָפט, פון דעם רעשט הייל, און אינ'ם רויטען גלאַנץ דאַכט זיך, אַז די היבשע פייגעלעך און קליינע פליגעלעך, מיט וועלכע דער פאָרהאַנג איז אויסגעשטריקט, לעבען, ציטערן און ריהרען מיט די פליגעלעך... זיי ציטערן און צאַפּלען, גלייך ווי זיי וואָלטען געוואָלט זיך אָברייסען פון דעם פאָרהאַנג און אַוועקפליהען אין דער הייטער וועלט אַריין!

זי וואָלט זיך פון דעם פאָרהאַנג נישט אָבגעריסען!

אַה, ווי וואָלט זי געוואָלט, דער פאָרהאַנג זאָל זיך שטאַרקער אַביסעל בעוועגען, עטוואָס עפענען, עס זאָל זיך די קלענסטע שפּאַרע מאַכען, זי זאָל איהם נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל זעהן! האָטש איין שטראַהל זאָל צו איהר פון זיין ליכטיג פּנים אַראָב!

נאָר וואָס העלפט עס! נישט פאַר איהר האָט איהם דער הימעל

איינגעשלעפט... וואָלט שולמית דאָ געווען!

נאָר זעהן וויל זי איהם, זעהן מעג זי איהם: נאָר זעהן!

זי דערשרעקט זיך דאָך פאַר איהר אייגענעם געדאַנק, גלייך ער וואָלט זינדיג געווען, און קוקט זיך אום צו דער אַלטער.

און די אַלטע שלאָפט נישט.

אויף אַ דרייפיסיג בענקעלע זיצט זי אין אַ ווינקעל פון דער הייל. אַ וואונדערליך־ווייסער שימער הייבט זיך, ווי אַ לופטיגע קרוין, איבער איהרע ווייסע זילבערנע האָר. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ זיצט זי און קוקט צו זיך אויף דעם שויס.... זי קוקט אַזוי ערנסט, אַזוי טיעף!

זי זעהט — ביי דער אַלטער צופיסענס ליעגען מאַסען קנוילען פון פערשיעדענפאַרביגען פאָדעם, און די קנוילען ריהרען זיך, ווי פון זיך אַליין, און די פערשיעדענפאַרביגע פעדעם הייבען זיך פאַמעליך, גאַנץ פאַמעליך אַרויף צו דער אַלטערס שויס, און וועבען זיך דאָרט אריין אין אַ רעם, אין אַ גאָלדענער, בליצענדער רעם.

צי איז זי וואַך, צי זעהט זי אַ חלום?

— מוהמעשי, דו שלאָפסט נישט? — פרעגט זי אַביסעל דערשראָקען.

— ניין, טאָכטער! איך שלאָף נישט... איך שלאָף קיינמאָל נישט! איך בין דאָך די נשמה פון וואַלד, די נשמה פון וואַלד בין איך, יאָ! און אַ היטערין בין איך אויך! איך טאָר נישט שלאָפען.... דער וואַלד וואָלט גאָר אינגאַנצען איינגעשלאָפען. און דו וואָלסט מאָרגען אָפּגעשילטע ביימער געפונען, פערוועלקטע בלעטער און בלומען, און טויטע תיה׳לעך... מיסט און פגרים וואָלט פון אַלעם געוואָרען, ווען איך שלאָף איין!... און ער, דער — אונטער דער פאָרהאַנג דאָרט, וואָלט זיך שוין קיינמאָל נישט אויפגעהאַפּט...

דבורה׳לען ווערט באַנג.

— וואָס דען טהוסט דו, מוהמעשי?

— איך, טאָכטער? איך טהו גאָר נישט, דערווייל גאָר נישט! איך קוק נאָר! איך קוק נאָר און זעה, וואָס עס טהוט זיך! אַז די [צייט] וועט קומען, וועל איך עפּעס טהון, מיינס טהון, געוויס... מיין פאָדעם וועט זיך אויך אַריינוועבען!...

— אין וואָס, מוהמעשי?

— אין דעם, וואָס עס טהוט זיך....

— וואָס טהוט זיך, מוהמעשי?
— ווילסט זעהן, טאָכטער?
— איך מעג?...
— אַביסעל... קום!... שטעל דיך הינטער מיר, געשווינד! כל זמן די קוילען ברענען!
און דבורה שפּרינגט אַראָב פון דעם בעט, שטעלט זיך הינטער דער אַלטער און קוקט אויף דעם, וואָס וועבט זיך אויף דער אַלטערס שוים...
— איך זעה גאָר נישט, מוהמעשי! — רופט זי אויס געטווישט.
— קוק בעסער, וויש דיר דריי מאָל די אויגען אוים.
דבורה טהוט עס און שרייט אוים מיט פרייד:
— איך זעה, איך זעה, מוהמעשי!
— נאָר, שטיל! דעם וואַלד וועקען טאָר מען נישט! וואָס זעהסט דו, קינד?...
— אַ פּלאַץ זעה איך, אַ שטילען מאַרק, — דאַכט זיך... אין אַ רעם פון קליינע, שטילע הייזלעך.
— אַ מאַרק איז עס.
— אַ שטילער מאַרק.
— לעער?
— וואַרט, מוהמעשי... איך זעה שוין, — צוויי געשטאַלטען זעה איך... אָרימע לייט, פערפעצטע, צעריסענע קליידער...
— שמאַטע־קלויבער?
— דאַכט זיך... איין אַלטער מאַן מיט אַ יונג מיידעל...
— קוק דיך בעסער צו, וועסט זיי אפשר דערקענען!
— גאָט מיין איינציגער! — איז דבורה אויפגעשפּרונגען, — שולמית! דער קעניג!
— נאָר, שטיל... נאָך נישט צייט, יענעם, דאָרט הינטער דעם פּאָר־האַנג, צו וועקען...
— וואָס טהוען זיי, מוהמעשי?
— זיי וואַנדערן... זיי וועלען באַלד אַריבער די גרעניץ פון וואונדער־לאַנד.... אַזוי ווי די טויב האָט געראָהטען...
— זיי שטעהען דאָך....
— דער מלך שלמה איז אַביסעל פערזאָרגט.

— פאַרוואָס? עס איז איהם שווער אויף דער עלטער צו וואַנדערן?
— ניין, קינד. ער האָט בעמערקט, אַז מען רייט זיי נאָך...
— שלעכטע מענשען, מוהמעשי?
— גזלנים!
— זיי ווילען זיי שלעכטס טהון?
— זיי ווילען... נאָר זייערע פעדעם וועבען זיך אַרויס פון דער רעם... שאַדט נישט!
— און שולמית, זי האָט אויך מורא?
— זי וויים נישט דערפון....
— עפעס שטעהט זי פערטראַכט —
— זי קוקט.
— אויף וואָס, מוהמעשי? עס דאכט זיך, אַז די גאַנצע נשמה קוקט איהר פון די אויגען אַרויס....
— קוק לינקס צו דער רעם צו. וואָס זעהסט דו, קינד?
— אַ פענסטערל זעה איך... אַ פענסטערל פון אַ קליין הייזעל, זוי אַ גרינ־בעדעקטע סוכה...
— און אין פענסטערל?
— .... זיצט איינער, אַ יונגער מאַן... ער שטריקט.. אויף געשוירענעם סאַמעט מיט גאָלדענע פעדעם שטריקט ער... איין אָדלער שטריקט ער.... ביי די פליגעל אַרבייט ער... ווי די פליגעל, די גאָלדענע פליגעל וואַקסען אונטער זיינע געשיקטע, ווייסע, אַלאַבאַסטער־ווייסע הענד... גאָלדענע פליגעל.... נאָר גאָלדענער איז דער גלאַנץ פון זיינע בלאָהע, ריינע און טיעפע אויגען... אַטייך איז אויך אַזוי אַמאָל... בלאָה, קלאָר ווי דער הימעל, און טיעף, זעהר טיעף... ווי די אויגען שטראַהלען!....
— מיט נחת.
— וואָס פאַר אַ נחת?....
— מיט דעם נחת, מיט דער פרייד, מיט וועלכע גאָט האָט די וועלט בעשאַפען... ווער עס בעשאַפט, דער שטראַהלט אַזוי... און די ליכט פון די אויגען וועבט זיך אַריין אין דעם, וואָס מען בעשאַפט.... און דער גלאַנץ בלייבט אויף אייביג אין דער אַרבייט, אויף דעם בעשאַפענעם, און ווער עס זעהט עס, צו דעם אין דער נשמה אַריין שטראַהלט אַריין דאָס נחת, די פרייד...
— פערשטעהסט מיך, קינד?

— איך פיהל עס, מוהמעשי, נאָר וואָס ציטערן אַזוי דיינע ליפּען?

— דאָס זינגט ער אַזוי, טאָכטערשי. ווער עס אַרבייט און בעשאַפט אין דער אַרבייט, דער זינגט! דאָס געזאַנג ווערט אויך אין דער אַרבייט אַריין פערכשופ׳ט!

— אַז משיח וועט קומען, וועלען אַלע אַזוי אַרבייטען!

— עס געפעלט דיר, טאָכטערשי?

— יאָ... זעהר... נאָר יענער געפעלט מיר מעהר!

— יענער, הינטער דער פאָרהאַנג?

— יאָ...

— איי, ווי דיין אָטהעם פיהלט זיך הייס, ער שמעקט און איז הייס! אַזוי צופלאַטערט אַמאָל אַ רויז, אַ זיסע רויז... יאָ, קינד... וואָס זעהסט דו ווייטער?

— ווי שולמית קוקט אויף איהם!... עס איז אפשר איהר בעשערטער, מוהמעשי?

— אפשר!

— נאָר דבורה דערמאַנט זיך עפּעס און רופט אויס דערשראָקען!

— זאָל די אַוועקגעהן, מוהמעשי! זאָל זי אַנטלויפען! זי טאָר נישט, געשוואָרען האָט די!

— און דו רעדסט צופיעל! — האָט זיך די אַלטע אָנגערופען מיט אַ געלעכטער.

אין דער זעלבער רגע האָבען זיך די קוילען פערלאָשען, דאָס געזעבעכטס איז פערשוואונדען, און די הייל איז געבליבען בעלויכטען פון פריה־מאָרגען, וואָס האָט זיך אַריינגעריסען דורך דער שפּאַרע אין דער הייך.

— ווער עס וויל זעהן, מוז שווייגען. — מוסר׳ט זי די אַלטע מיט גוטען. —

---

# דריי חופות.

## ערשטער טייל

# דריי חופות

## צוויי רויטע — איינע א שווארצע

### א מעשה פון הינטער די הרי חשך.

# צווייטער טייל.

### זיעבענטעס קאפיטעל.

ווי עס וואנדערט זיך אין וואונדערלאנד אין — נאך דער גרעניץ פון וואונדערלאנד. — די ארבייט דא און — דארט. — ווי מען קוקט אויף פרעמדע אין דער פרעמד. — „העלף דיר אליין" און נאך גוטע זאכען. — א שווערער ווינטער, און „בעטלען איז שטרענג פערבאטען". — דער בת־מלכה'ס ווידוי.

---

בערה'יגט, האט דבורה צוריק די אויגען פערמאכט און איז איינגעשלאפען, אדער וואכענדיגערהייט איהר זיסען חלום פון יענעם, און דער צווייטער העלפט פון דער הייל, ווייטער אין דער שטילער נשמה געשפינט. און מיר וועלען זיך בעגיצען מיט דער צייט און זעהן, וואס עס טה'ט זיך מיט'ן מלך און מיט דער בת־מלכה.

דאס שווערסטע ביי אונז, דאס, וואס א בעל־תשובה נעמט ביי אונז אויף זיך, אבצוקומען פאר די שווערסטע זינד — דאס וואנדערן, „גלות לײדען" איז אין וואונדער־לאנד זעהר א לייכטע זאך, און פערשאפט נאך פיעל פערגניגען.

דאָ, וואו מענשען זענען גוט, איז אַלץ גוט; פיהלט מען זיך אויפ־מעטום היימיש.

אויף וואָס דו וואַרפסט אַיין אויג, דאָס בעגעגענט דיך מיט נחת מיט שלום; דאָס שמייכעלט דיר אַקעגען; פון קלענסטען גרעזעל אין וואַלד ביז דער העכסטער, צו'ם הימעל געוואַקסענער סאָסנע, ביזן שטאַרקסטען, צעלעגטען דאָמב — לאַכט דיר אַלץ אַקעגען! טויזענדערליי פאַרביגע שוואָמען ניקען דיר צו מיט די פיינע קאַפעלושען; די בלימעלעך רוקען אַרוים פון גראָז די קעפּלעך און רופען צו דיר: „גוט מאָרגען"; הויך־געקריינטע ביימער פערבעטען דיך אין זייער שאָטען צו'ם זיסען אָפּרוהען...

טרעפסט דו אַ האָלץ־העקער אין וואַלד, לעגט ער, אַז ער דערזעהט דיך נאָר, די האַק פון האַנד אַרויס און געהט מיט דיר, ווייזט דיר, וואו, פון וועלכען בוים עס רינט אַ דערפרישענדיגער זאַפט; וואו, פון וואַנען עס שפּריצט אַרויס אַ העל־לעבעדיגער קוואַל; וואו, אויף וועלכע ביימער עס האַלטען זיך ביהנען מיט האָניג... אַלץ וואָס דיין האַרץ נאָר פערגלוסט!

אַזוי גוט איז דיר אויך דאָס פעלד, וואו דער פויער אַרבייט מיט געזאַנג; הערצליך בעגריסט ער דיך און ווייזט דיר זיין „קאָבּיאַלקע" מיט מילך און ברויט, וואָס איז פאַר דער זון בעהאַלטען. — „עס", בעט ער זיך; און איבער זיין קאָפּ פליהען אַרום זינגענדיגע שוואַרען פון פייגעל. ער יאָגט זיי נישט, ער קאַרגט זיי קיין קערנדעל נישט, גאָטס ברכה איז פאַר אַלע, און זיי פליהען אַרום איהם און זינגען איהם צו צו דער אַרבייט... און די פייגעל דערקענען באַלד, אַז דו ביסט אַ פרעמדער, און בעגריסען דיך, און זינגען דיר אַ זמר — אַ גרוס פון דער היים... „געוועזן דאָרט" — הייסט עס — „געוועזען! אַלע, ברוך השם, געזונד!"

און וואו דו לעגסט דיין קאָפּ נישט אַניעדער, אויף גינגאָלדענעם, וויכען מאָך, אויף גאָלער ערד, אויף אַ האַרטען, דאַכט זיך, שטיין, — שלאָפסט דו אַלץ רוהיג און געזונד איין... שמעקענדיגע לופטלעך שוועבען דיר אַרום פּנים, רוימען דיר די שענסטע חלומות אין אויער אַריין, און ווינשען דיר: „שלאָף, גוטער מענש, שלאָף — דאָ וועט דיר קיין בייז נישט געשעהן".

אין שטאָדט איז אויך נישט ערגער.

די הייזער זענען אָפען, ווי די מענשליכע הערצער! דו געהסט דורך דער גאַס, און די, וואָס אַרבייטען אין טהירען און פענסטער, בעגלייטען

דיך מיט גוטע אויגען, מיט האַרציגע ווערטער: „געה", אָדער „קום געזונד", הייסט עס; און מען טיילט זיך מיט דיר מיט'ן לעצטען ביסען, מיט'ן לעצטען טראָפּען....

נאָר וואונדערלאַנד האָט אויך איין עק, און שלמה דער זיעבענאון־צוואַנציגסטער און זיין טאָכטער, די בת־מלכּה, זענען, פערקליידט אין שמאַטע־קלויבער, שוין אַריבער די גרעניץ...

אַזוי האָט די טויב געהייסען... וויט, וויט פון לאַנד; אין דער פרעמד וועט זיי קיינער נישט דערקענען!

און זיי וואַנדערן וויטער, און וואָס וויטער פון דער גרעניץ, ווערט אַלץ די רייזע שווערער און לעסטיגער. אַנדערע שטעדט, אנדערע פעלדער און וועלדער, עס האָט זיך אַלץ איבערגעביטען; קלוגע און שלעכטע מענשען וואָהנען אין די שטעדט, און זיי האָבען זיך אַליין אין די הייזער ווי אין תפיסות פערשלאָסען, אויף שלעסער און ריגעל פערמאַכט!

יעדער טויער איז בעוואַכט; ביי יעדען טויער קוקט מען דיך אָן מיט השד, אויגען און מיילער פרעגען דיך: ווער ביזט דו? ווען האָסט דו דאָ?

בפרט אויף מיסט־קלויבער קוקט מען ביין! יעדער רוקט זיך אָב, ער זאָל זיך נישט אָבווישען אין שמוץ:

„וויטער, וויטער, מיסט איז אונטער דער שטאָדט, דאָרט קלויבען אַלטע וויבער די אַלטע שמאַטעס! אַהין; אַהין;" — טרייבט מען זיי פון די שטעדט.

און די אַלטע וויבער אונטער דער שטאָדט טרייבען זיי אויך אַוועק: „אונזער מיסט, — נישט פאַר פרעמדע געמאַכט; אונזער הזקה! היימישע האָבען אויך קוים גענוג!"

און דער מלך מיט דער מלכּה וואַנדערן אַלץ וויטער און וויטער....

און דער האָלץ־העקער אין וואַלד קוקט אויף זיי מיט בייזע אויגען, און דער פויער אויפ'ן פעלד ענטפערט אויף „גאָט־העלף" מיט אַ מיאוס'ער קללה...

— פאַרוואָס, טאַטעשי, — פרעגט שולמית, — זענען זיי אַזוי בייז?

— וויל זיי אַרבייטען שווער און אָהן השק. ביי דער אַרבייט אָהן נשמה קאָן נישט געראָטען; וואַקסען דערנער צווישען די זאַנגען, און כּל'עם בייז קומט אין די געדאַנקען אַריין! פערשאָלטענע מענשען זענען זיי. פערשאָלטען איז זייער אַרבייט, פערשאָלטען דער וואַלד און דאָס

פעלד... מיט חיות רעות איז פול דער וואַלד, מיט דערנער דאָס פעלד און מיט קללות דאָס האַרץ; זיי זענען אויך דערנער, ברענעדיגע דערנער!

און קיין פרייען פויגעל אין דער לופט זעהט מען נישט; מען שיעסט צו זיי, צוליעב דעם קלענסטען נוצען, און אויך גלאַט אַזוי פאַר שלעכטקייט, דאָס האַרץ אָבצוקיהלען, אָדער אַ קונץ צו בעווייזען — ענט־לויפען זיי, די פייגעל... פליהען זיי שטיל דורך אין פערוואָלקענטע, שטומע נעכט, און קיין מענשליך אויער האָט שוין לאַנג זייער געזאַנג נישט געהערט...

און אויך קיין בלומען זעהט מען נישט... אויסגעריסען ווערען די בלומען; אויף זייער אָרט, ווערט עפּעס ניצליכעס פערזייעט... און אַלע היימישע חיות און בהמות האָט מען אויסגעקוילעט און אויפגעגעסען...

און אַ מענש אָהן בלומען, פייגעל און היימישע חיות קאָן קלוג זיין, אָבער נישט גוט... יעדער האָט נאָר זיך אין זינען. און ווער עס קאָן זיך אַליין נישט העלפען און הייבט־אָן פאַלען, פאַלט ער, און עס וועט איהם קיינער קיין האַנד נישט אויסשטרעקען אונטערצוהאַלטען, קיין ביסען דערלאַנגען, דאָס האַרץ צו דערקוויקען, קיין טראָפּען וואַסער, די ליפּען זאָלען נישט פערברענען!

און ווער עס פאַלט אַרויס פון דער קאָלעע, פאַלט אַנידער און שטאַרבט אין דער שטיל, אָדער הייבט זיך אויף, אַנדערע אויף זיין אָרט צו טייטען...

און פול זענען די טראַקטען מיט רוצחים און גזלנים, און פול מיט מיליטער און פּאָליציי, וואָס יאָגען זיי נאָך טריט ביי טריט....

און די לופט איז פול נישט מיט געזאַנג, נאָר מיט קללות און געשיסעריי....

און דאָ וואַנדערט דער מלך מיט דער בת־מלכּה אין שמאַטעס־קליבער פערשטעלט; דאָס געלד, וואָס זיי האָבען געהאַט, איז זיי אויס־געגאַנגען, צום אומגליק האָבען זיי נאָך פערבלאָנדזעט, פרעגען זיי פון וואונדער־לאַנד, לאַכט מען זיי אויס: עס איז אין ק י י ן געאָגראַפיע קיין „וואונ־דער־לאַנד" נישט בעצייכענט! אַלטע ווייבער פלעגען אַמאָל פלוידערן פון וואונדער־לאַנד, אַלטערטהומס־פאָרשער האָבען אַמאָל אַזוינע אַלטע קינדער־ליעדער געפונען, וואָס האָבען פון אויסגעטראַכטען וואונדערלאַנד געזונגען, נאָר היינט האָט מען דאָס אַלץ פערוועהרט... דעם קלענסטען קינד מאַהט מען היינט קיין שקרים נישט דערצעהלען; אמת גילט, ריינער, נאַקעטער אמת....

— משוגעים! — שאקעלט מען מיט די קעפ.

וואלטען זיי היימישע געווען, וואלט מען זיי אפשר אין דול־הויז פערמאכט: פרעמדע היילען און שפייזען וויל מען נישט, טרייבט מען זיי: ווייטער, משוגעים! ווייטער, ווייטער!

און פון אנשטעל איז איין אמת געווארען!

דער מלך מיט דער בת־מלכה זענען אמת'ע שמאטע־קלויבער געווארען....

כל זמן עס איז זומער געווען, האבען זיי זיך נאך אויף זייער מזל נישט בעקלאגט... „די טויב ווייסט; וואס זי האט געהייסען. עס וועט זיך אלץ אויסלאזען צום גוטען", — טראכט דער מלך שלמה, און שולמית טרייסט זיך מיט איהר איינציגען געדאנק: „מיין פאטער וועט לעבען, לעבען! געלויבט איז גאט, עס וויל קיינער אויף מיר נישט קוקען!"

מאנכעס מאל האט זי דאך געזיפצט. צי האט זי אהיים געבענקט, צי קאן זי, ווי דער פאטער שמייכעלט אום איהר מיט גוטען, דעם קונסט־שטיקער ביי דער גרעניץ נישט פערגעסען? נאר עס האט זיך נאך ליכט געזיפצט....

אנדערש איז אבער געווארען ווינטער־צייט.

א שווערער ווינטער, וואס מען זעהט גאר נישט אין וואונדער־לאנד, האט פערקאוועט די ערד. פלוצלונג איז ער אנגעקומען, ווי א ווילדער רוצח בעפאלען, און נאך זיין ערשטען הויך איז געפאלען א רעגען פון דערפרוירענע פייגעל...

און אלץ איז שטאר און געפרוירען...

און אויף שלמה, דעם זיבען־און־צוואנציגסטען איז א שווערער שטראף געקומען, ווי אויף זיין אור־אור־עלטער־זיידען...

אין צעריסענע קליידער וואנדערט ער מיט שולמית זיין טאכטער, פערהונגערט, דערפרוירען... אפשר וואלט ער אויך שוין גערופען: „אני שלמה", נאר ער ווייסט, אז דא גלויבט מען נישט, נישט נאר אין שלמה'ן, נאר אפילו אין זיין מלוכה — אין וואונדער־לאנד...

און „בעטלען" איז שטרענג פערבאטען. אויף אלע טהירען און טויערען הענגען פערגילדעטע טעוועלעך: „בעטלען איז שטרענג פערבאטען"... איינמאל האט דער אלטער אויסגעשטרעקט די הענד, און א בארמהערציגע דאמע האט איהם נישט איבערגעגעבען דער פאליציי, און מיט רחמנות דערלאנגט — א בראשורע, זעהר א קלוגע; געהייסען האט זי, די בראשורע: „העלף דיר אליין!"

און ער העלפט זיך ווי ער קאָן. ער בייגט זיך איבער'ן מיסט אונטער דער שטאָרט, און גראַבעלט מיט די פערשאַרטע הענד. די אַלטע ביינער קנאַקען... אַ פרייע וועלט, נאָר אַז מען איז מיסט־קלויבער, גלויבט מען עס!

און אַקעגען שטעהט די בת־מלכה... שוואַך זענען איהרע הענד, פון פראָסט פלאַצט איהר די דינע הויט, דאָס גראָב־אַייזען לעכערט איהר דאָס פלייש....

די גראָבט, און טראָפען בלוט רינען פון דער פערוואונדעטער האַנד און ווערען צוגעפרוירען צו'ם גראָב־אַייזען...

דאָס האָט דער אַלטער מלך קאַלט־בלוטיג צוזעהן נישט געקאָנט.

ער האָט זיך צעוויינט.

— האָסט געזינדיגט, טאָכטער! — האָט ער אויסגערופען מיט ביטער־קייט, — און דאָס איז אונזער שטראָף...

— געזינדיגט? — שטאַמעלט שולמית.

— יאָ, טאָכטער... שטאָלץ ביזט דו געווען אין האַרץ, זעהר שטאָלץ! האָסט געוואָלט זיכער זיין מיט דיין גליק, אין דער האַנד האַלטען.... גאָט אָבער וויל נישט אַזוי! גליק איז נישט קיין פייגעלע צו האַלטען אין שטייג! ער וויל, אַ מענש זאָל האָפען און גלויבען! מיט האַלב־פערמאַכטע אויגען זאָל יעדערער נאָכגעהן זיין שטערן, זיין מזל, אַזוי וויל ער!

שטיל שווייגט שולמית, און שלמה זאָגט ווייטער:

— דאָס איז גאָט'ס שטראָף... מיר וועלען שוין דאָ בלייבען... מיר וועלען שוין גלויבשטיין און וואונדער־לאַנד צוריק נישט זעהן!

שולמית רעכענט אויך, אַז ד״ג איז דער סוף פון אַלעם.

„אַצונד — טראַכט זי — מעג איך איהם אויסזאָגען אַלץ, אַלץ... זאָלען מיר האָטש געהן פון דער וועלט אָהן סודות איינער פאַר'ן צווייטען, מיט אָפענע הערצער! זאָל מיין פאָטער מיך אומזיסט נישט בעשולדיגען!"

און זי פאַלט צו צו'ם פאָטער און נעמט איהם אַרום און, קושענדיג און האַלזענדיג, דערצעהלט זי איהם אַלץ...

נישט שטאָלץ איז זי געווען, נאָר פאַר זיין לעבען האָט זי גע־פאָרכט...

דער קוקו האָט געזאָגט, די כשוף־מאַכערין... ער וואָלט נאָר בי[illegible] צו איהר חופה דערלעבט...

מיט קאַלטע, געפלאַצטע ליפּען קושט זי דער אַלטער שלמה:

— שרעק נישט, אויב אַזוי, — רופט ער אויס מיט פרייד, — וועט אונז גאָט העלפען! וועט ער אונז נישט פערלאָזען...

אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ דעמפּיג געקלאַנג פון דער ערד און פון ווייטענס האָבען זיך צוויי רייטער בעוויזען... אויף ווילדע פערד, וואָס זענען ווי אָדלער געפלויגען, מיט בלאַנקע שווערדען אין די הענד.

— דאָס זענען זיי, דאָס! — האָט איינער געראפען צום צווייטען, — און דאָ וועט זיין זייער עק!

— רוצחים! — האָט שלמה אויסגעשריגען מיט שרעק, און האָט אומזיסט געזוכט מיט די אויגען איין אָרט, וואו צו ענטרינען, וואו זיך צו בעהאַלטען — אַ פריי פעלד, אָהן אַ הייל און אָהן אַ בוים...

— זאָל אונז בעסער די ערד איינשלינגען! — האָט ער אויסגערופען, — איידער זיי אין די הענה אַריינצופאַלען!

## אַכטעס קאַפּיטעל.

אין אַ גוטער שעה. — אַ געהאַנגענעמ׳ס מיל. — וואָס די ערד וואַרפט אַרויס.

ווען שלמה דער זיעבען-און-צוואַנציגסטער און זיין טאָכטער, די בת-מלכה שולמית, זאָלען געווען, חס ושלום, אומקומען פון גזלנ׳ישע הענד, וואָלט קיין מעשה נישט געווען, אָדער עס וואָלט געווען אַ שלעכטע מעשה, און שלעכטע מעשיות דערצעהלען נאָר שלעכטע, פערביטערטע מענשען.

דעם וואונש, „די ערד זאָל זיי בעסער איינשלינגען, איידער צו קומען אין גזלנ׳ישע הענד“, האָט שלמה אויסגערופען אין דער רעכטער מינוט.

אין אַ גוטער שעה האָט זיך די ערד אונטער איהם געשפּאַלטען, און ער מיט דער טאָכטער זענען אַריינגעפאַלען; אַ רויטער, פלאַמענדיגער גלאַנץ האָט זיך אַרויסגעריסען, ווי אַ רויטער בליץ, ער איז פערשוואונדען, און די ערד האָט זיך צוריק צוגעשלאָסען.

ביידע גזלנים זענען שטעהן געבליבען פערבליפט.

אַז זיי זענען אַביסעל צו זיך געקומען, האָבען זיי פערשטאַנען, אַז עס איז נישט פּראָסט.

— וואָס קאָן עס זיין? — פרעגט איין גזלן דעם צווייטען.

— איך וועל באַלד וויסען, — ענטפערט דער צווייטער. — איך טראָג שטענדיג מיט מיר מיין געהאָנגענעם טאַטענ'ס מויל, — געהאָנגען האָט מען איהם פאַר 14 גנבות אין איין וואָך, — און וואָס איך פרעג עס, ענטפערט עס מיר.

אַזוי רעדענדיג, האָט ער אַרויסגענומען דאָס מויל און האָט עס אנגע־הויבען פרעגען.

— מויל, מויל! — מיין טאַטענ'ס, עליו השלום, דעם געהאנגענעמ'ס מויל! — וואָס איז דאָ אַזוינס?

און דאָס מויל האָט געענטפערט מיט אַ דעמפּיג קול, ווי פון ערגיץ אונטער דער ערד:

— אַ הייל פון אַ רייכען קאַרליק.

— און וואָס איז די פלאַם געוועזען?

— דער אָבגלאַנץ פון די בערג גאָלד, וואָס ער זאַמעלט אין דער הייל.... אוצרות גאָלד האָט ער.

ביי ביידע גזלנים האָבען אויפגעפלאַמט די אויגען פון תאוה צום גאָלד.

— זאָלען מיר אַיינרייסען די הייל? — פרעגט איינער דעם צווייטען.

— דאָס נישט! — ענטפערט דער צווייטער. — ערשטענס איז די ערד צו געפרווירען, מען זאָל זי קאָנען שפּאַלטען, צווייטענס האָב איך פאַר אַ קאַרליק מורא, אַלע קאַרליקעס זענען כשוף־מאַכער, און דריטענס — ווער עס וויל אַרבייטען, ווערט קיין גזלן נישט.

— וואָס דען טהוט מען?

עס בלייבט, זיי זאָלען דאָ וואַרטען, ביז די ערד וועט זיך נאָך אַמאָל שפּאַלטען; וואָס עס האָט איין מאָל געטראָפען, קאָן נאָך אַמאָל געשעהן.

און די גזלנים שמועסען זיך אָב, צו האַלטען וואַך, ביז עס וועט זיך עפּעס בעווייזען.

דערוויל איז צוגעפאַלען דער אָבענד, און כדי נישט אַיינצושלאָפען און געפרוירען צו ווערען, בעשליסען זיי זיך, דורכצוורעדען די גאַנצע נאַכט.

נאַטירליך, רעדען גזלנים נישט פון מצות און מעשים טובים.

פריהער האָבען זיי זיך איינער דעם צווייטען דערצעהלט פון זיך

אַליין; געלויבט זייערע גבורות ביי רציחות, און חכמות ביי גנבה'שע זאַכען. דערנאָך, אַז עס האָט זיי אייגענע גנבות און גזלות פערפעהלט, האָבען זיי אָנגעהויבען רעדען פון אַנדערע גזלנים. דאָס האָט אָבער אויך נישט געניגט אויף אַ לאַנגע ווינטער־נאַכט, און ענדליך האָט איינער אַ הויכען, געניץ געטהון און געפרעגט:

— טאָמער ווייסט דו, ברודער, נאָך וואָס די קאַרליקעס זאַמלען גאָלד?

איך וויים, — האָט דער צווייטער געענטפערט, — איך האָב שוין אַמאָל דעריבער מיין געהאנגענעם טאַטענ'ס מויל געפרעגט, און עס האָט מיר דערצעהלט.

— אַז...

— וואַרט, עס איז אַ לאַנגע מעשה.

זיי האָבען זיך אָנגעצונדען קורצע ליולקעלעך.

צוויי רויטע פונקטען האָבען זיך בעוויזען אין דער שטילער, הייט־בליצענדיגער ווינטער־נאַכט.

און די שווערע קאַלטע לופט שניידט דורך דעם גזלנ'ס קול:

— אַמאָל, — האָט מיר מיין געהאנגענעם טאַטענ'ס מויל דערצעהלט — זענען אויף דער וועלט צווייערליי מענשען געוועזען. צווייערליי מינים מענ־שען.

איין מין האָט געהאַט קליינע גופים און גרויסע נשמות — —

— די וואָהל־לערנער, די בטלנ'ישע מלמדים! — בעמערקט דער צווייטער מיט אַ קול פון בזיון.

— און דער צווייטער מי'ן האָט געהאַט, פערקעהרט — קליינע נשמות, נאָר דערפאַר גרויסע, געזונדע גופים...

— פון זיי קומען מי'ר אַרוים! — מאַכט יענער מיט פערגניגען.

— האַק נישט איבער, עס איז אַ לאַנגע, לאַנגע מעשה...

— איך טהו עס אַמישנע, איך זאָל נישט איינשלאָפען.

— וועסט נישט איינשלאָפען — הער!

די צוויי מינים האָבען צווישען זיך נישט געלעבט בשלום...

— אַ פשוט'ע זאַך!

— איין מין האָט זיך מיט'ן צווייטען קיינמאָל נישט משדך געוועזען; זיי האָבען ביי איין טיש נישט געגעסען, נישט געטרונקען, און אפילו צווישען זיך נישט געהאַנדעלט...

— דאָס איז שוין נאַריש געוועזען! האַנדלען מעג מען מיט'ן גרעסטען שונא..

— ... זיי האָבען שטענדיג צווישען זיך מלחמות געפיהרט: אָהן רחמנות, אָהן פאַרדאָן, נאָר געקוילעט און געקוילעט! און עס איז אַזוי פיעל בלוט פערגאָסען געוואָרען, אַז אַלע טייכען און אַלע ימים זענען בלוטיג־רויט געוועזען... מען האָט זיך געשיפט איבער בלוט, מען האָט בלוט פון די ברונענס געטרונקען... און די ערד האָט שוין אַזוי פיעל בלוט נישט געקאָנט איינזאַפּען, און פון חיות רעות, און פון ווילדע עופות אָבגעפליישטע ביינער זענען אין בלוט אַרומגעשוואומען...

עס איז אפילו קיינער צו קבורה נישט געקומען... זעלטען אַ גרויסער מאַן, אַ מלך אפשר!

און דעמאָלט ערשט, אַז מען האָט שוין געקריגען פּחד פאַר אַ מבול פון בלוט, האָבען זיך ביידע צדדים מישב געוועזען, — זיי וועלען האָבען אַ דין־תורה!

נישט דאָס שווערד, נאָר דער יושר זאָל זאָגען, ווער עס האָט רעכט...

נאָר ווער וועט זיי פּסק'ענען? פון הימעל קומט קיינער נישט אַראָב, און דאָ אויף דער ערד קאָנען רעדען און פּסק'ענען נאָר מענשען, און די מענשען זענען אַלע אין מחלוקת....

האָט מען זיך מישב געוועזען, מען וועט אויסזוכען אַ מיטעל־מענש. דאָס הייסט אַ מענש, וואָס איז מיטעל אי מיט'ן גוף, אי מיט דער נשמה. ער איז נישט אינטערעסירט...

און מען האָט געמאַכט שטילשטאַנד אויף אַ צייט, און מען האָט אויסגעזוכט אַ מיטעל־מענש: מען האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויף אַ הויכען באַרג, געזעצט אונטער'ן שאָטען פון איין אַלטען, הייליגען בוים און גע־זאָגט איהם: זיי אונזער שופט!...

און מען האָט איהם אויסגעשפּרייט אַ וויס־זיידענע חופּה איבער'ן קאָפּ, געלעגט אונטער די פיס אַ סאַמיט־געשווירענעם דיוואַן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסען שופט, און געגעבען איהם דריי טעג, אויסצוהערען די טענות און אַ ישוב צו האָבען!

און ביידע צדדים האָבען געשוואָרען דעם פּסק עהרליך צו האַלטען...

נאָר דאָס מיטעל־מענשעלע, וואָס איז טאַקי נישט געווען אינטערע־סירט, איז געוואָרען אינטערעסירט — עס האָט זיך געלאָזט איבערקויפען!

— פון וועמען?

— פון אונזערע זיידעס, פון די גרויסע גופים און קליינע נשמות; די גרויסע נשמות איז עס גאָר נישט איינגעפאַלען!

פאַר אַ פעטע קוה מיט צווי קעלבלעך האָט דאָס מיטעל-מענשעלע אַרויסגעגעבען אַ פיינעם פסק:

— ביידע מינים מענשען, זאָגט ער, מוזען זיך צוטיילען מיט דער ערד... העלפט אויף העלפט! נאָר —

די גרויסע גופים מיט די קליינע נשמות זאָלען וואָהנען אויף דער ערד, און די גרויסע נשמות מיט די קליינע גופים — אונטער דער ערד!

— אַהאַ! אַ פיינער פסק! און דאָס זענען די קאַרליקעס!...

— אַוודאי!

— און וואָס טויג די גאָלד אונטער דער ערד?

די גזלנים האָבען גענומען צו ביסלעך בראָנפען, און דער, וואָס האָט אַלץ געוואוסט פון געהאנגענעם פאָטערס מויל, האָט ווייטער אַזוי דערצעהלט:

— די זאַך איז אַזוי:

מיט דער צייט האָבען די גרויסע גופים מיט די קליינע נשמות אויפגעהערט זיך צו בעגנוגען מיט'ן שטח פון איבער דער ערד. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען אין איהר איינצוגראָבען, וואָס אַמאָל טיעפער, טיעפער. אייזען זוכט מען, קופער, גאָלד און זילבער...

און די קאַרליקעס — זאָגט מיין געהאנגענער טאַטע — זענען עס געוואָהר געוואָרען, זאַמלען זיי אוצרות! זיי טראַכטען אַזוי:

וועט זיין מלחמה — פערפאַלען; וועט מען זעהן, ווער שטאַרקער איז; צי דער גוף מיט זיין כח, צי די נשמה מיט איהרע המצאות, און וועט קומען צו'ן אַ דין-תורה, וועלען זיי שוין דעם שופט אָבגילטען!

— עס גלויבט זיך נישט, ענטפערט דער צווייטער גזלן. עס איז צו קלוג פאַר די בטלנים מיט די גרויסע נשמות.

— קאָן זיין, ענטפערט דער ערשטער. מיין טאַטען איז, ברוך השם, ביים לעבען כמעט קיין וואָהר וואָרט פון מויל נישט אַרויס....

— נאָר עס קאָן זיין פשוט, — רופט זיך אָן דער צווייטער — זיי זאַמלען אפשר אַלץ וואָס גלאַנצט — גאָלד, בריליאַנטען, אַלע טייערע שטיינער, ווייל עס איז זיי פינסטער אין די הייליען! זיי בענקען צו דער זון, צום ליכט, וואָס זיי האָבען דורך דעם איבערגעקומטען מיטעל-מענש פערשפּיעלט, און זאַמלען ליכטיגערע מעטאַלען.... ווייס איך?!

אין דער זעלבער רגע האָט זיך די ערד ווידער געשפאָלטען, אַרויסגעוואָרפען פון זיך די אָרימע קליידער, וואָס שלמה מיט דער בת-מלכה

האָבען געטראָגען און האָט זיך צוריק פערמאַכט....

— האָטש דאָס! האָבען די גזלנים אויסגעשריגען מיט פריד; און מ'ט'ן טאָג צו גלייך, געזאָטעלט די פערד צוריק צו רייטען קיין גלויבשטיין.

זיי וועלען זאָגען, אַז זיי האָבען זייערס געטהון, ביידע גע'הרג'עט.

א וואָרט־צייכען האָבען זיי: די מלבושים!...

און בלאָנזען וועלען זיי גישט! וואו די וועגען שיידען זיך שטעלט מען זיך אָב, און מען פרעגט דעם געהאנגענעם טאַטענ'ס מזל!

## ניינטעס קאַפּיטעל.

אין דער הייל.— די ווייסע טויב.— דער שוואַרצער אָדלער.— צוריק בגדי מלכות.— דער קאַרליק אַליין פאַרגעשטעלט.— דער קאַרליק גרייט צום טיש און דערצעהלט, ווער ער איז.

אַז די הייל האָט זיך פערשלאָסען איבער שלמה המלך און זייך מאַכטער, די בת־מלכה, זענען זיי ביידע געבליבען פערבליפט און פער־בלענדט, נישט וועניגער ווי די גזלנים אין דער הייך.

אינ'ם הייטען, גאָלדענעם ליכט, וואָס פלאַמט פון אַלע וועגד פון דער הייל און אַלע איהרע נישען, צוקען און שלענגלען זיך ווייסע, בלי־צענדיגע שטראַהלען — דאָס קומט פון די אַלערליי טייערע שטיינער, מיט וועלכע דאָס גאָלד, וואָס ליעגט אַרום די וועגד, איז הירכגעזייעט.

און שלמה און שולמית שטעהען פערבליפט, און בעמערקען אפילו נישט זייער אַלטע בעקאַנטע — די ווייסע טויב, וואָס איז אָנגעפלייגען און פליהט איבער זיי, מיט אַ פרעהליך וואָרקען, איבער די קעפּ.

נידריגער לאָזט זיך אַראָב די טויב, פליהט זיי פאַר די אויגען און זאָגט מיט אַ מענשליכער שטימע:

— שרעקט אייך נישט! איהר האָט — זאָגט זי — מיין עצה גע־פאָלגט, און עס וועט אייך אויסגעהן צום גוטען.

— דערווייל — זאָגט זי ווייטער, זעהענדיג, אַז שלמה און שולמית קאָנען נאָך פאַר פערוואונדערונג נישט ענטפערן, — דערווייל זענט איהר אין דער הייל ביים קאַרליק געשיצט; אין קורצען וועט איהר אויסגע־לייזט ווערען און גליקליך זיין.

שלמה שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ, און די בת־מלכּה האַפּט זיך אַרויס מיט אַ זיפץ:

— ניין, גוטע, ווייסע טויב! פאַר מיר איז שוין קיין גליק נישט פאַראַן!

— האָף און גלויב! — ענטפערט די טויב. — אין אַ קליין פענס־טער'ל ביי דער גרעניץ פון וואונדערלאַנד שפינט און וועבט זיך דיין גליק.

— ניין, ניין! — האָט שולמית אויסגעשריגען.

— האָף און גלויב! — זאָגט ווייטער די טויב. — דורך דיין גליק וועט אויף שלמה'ס דעם זיעבען־און־צוואַנציגסטען'ס גראָהען קאָפּ קיין איינ־ציגע האָר נישט געקרומט ווערען!

— צי איז מעגליך?... דער קוקו... די כשוף־מאַכערין... אַלע האָבען געזאָגט... — שטאַמעלט שולמית.

— איך בין דער קוקו, איך בין די טויב, איך בין די כשוף־מאַ־כערין, און איך זאָג עס דיר!

און אַזוי רעדענדיג, איז פון דער טויב געוואָרען אַ קוקו, פון קו־קו — צוריק אַ טויב, פון דער טויב — די כשוף־מאַכערין, וועלכע מיר קענען פון וואַלד אונטער גלויבשטיין, און פון דער כשוף־מאַכערין איז נאָך אַמאָל צוריק אַ ווייסע טויב געוואָרען.

— גאָט'ס וואונדער! — שרייט־אויס שולמית דערפרעהט...

— צי איז עס כשוף, אָדער גאָט'ס האַנד? — פרעגט שלמה.

— כשוף איז אויך אַ גאָט־זאַך! — ענטפערט מיט אַ שמייכעל די טויב. — נאָר אַצונד האָבען מיר קיין צייט נישט דערפון צו רעדען, באַלד וועט אָנקומען דער קאַרליק, און איהר מוזט אַייך פריהער אי־בערטהון.

שלמה און שולמית בלייבען ווייטער פערוואונדערט: וואו וועלען זיי נעמען זיך איבערצוטהון? זיי קוקען זיך אום און זעהען אין ערגעץ קיין צייכען נישט פון קיין קליידער. נאָר אין דערזעלבער סעקונדע איז געקומען אָנגעפליהען אין דער הייל אַריין אַ שוואַרצער, ברייט־און גרויס־פליגל־דיגער אָדלער, און האָט זיי געוואָרפען צו די פיס אַ גרויס, היבש בינ־טעל. אַראָבפאַלענדיג האָט זיך דאָס בינטעל אַליין געעפענט, און שלמה און שולמית זענען נאָך מעהר פערגאַפט געבליבען: זיי האָבען דערקענט די קליידער, די בגדי מלכות, וואָס זיי האָבען, פאַר'ן פערשטעלען זיך אין שמאַטע־קליידער, איבערגעלאָזט אין גלויבשטיינער פּאַלאַץ!

— אַיילט! — וואָהרענט זיי די טויב, — דווייל איך העד שוין דעם קאַרליק'ס טריט. זאָל ער אייך שוין אין אַייערע אייגענע קליידער געפינען... איך פּליה נאָך עסן פאַר אַייך.

די ווייסע טויב איז אַרויסגעפלויגען פון היל, און אינ'ם אַריינגאַנג צו אַ נישע האָט זיך בעוויזען דער קאַרליק.

קליין, שרעקליך קליין איז ער געוועזען, נאָר גרויס איז געוועזען זיין לאַנגע, זילבערנע באָרד; איהרע שפּיצען האָט ער געמוזט האַלטען פאַר זיך אין דער האַנד, זיי זאָלען איהם נישט פאַלען אונטער די טריט.

גרויס זענען אויך געוועזען זיינע צוויי בלאָהע, טיעפע אויגען, מיט וועלכע ער האָט אויף שלמה און שולמית געקוקט.

— ברוך הבא! — בעגריסט ער זיי מיט אַ זיסער שטימע, — ברוך הבא. שלמה דער זיעבען־און־צוואַנציגסטער, דער מלך פון וואונדערלאַנד, אין וועלכען משיח שלאָפט און ווענט אין קורצען אויפוואַכען און אויסלייזען די וועלט... ברוך הבאה, שולמית! איבער איהר קאָפּ, זעה איך, צינדט זיך אָן אַ גאָלדענער שטערן — עס הייבט אָן לייכטען איהר גליק!

און ער גיט אַ פּאַטש מיט די קליינע הענד, נישט אַרויסלאָזענדיג פון זיי די שפּיצען פון דער באָרד, און פון דער לופט לאָזען זיך אַראָב דריי גאָלדענע שטוהלען.

ער בעט זיי זיצען, און אַלע דריי זעצען זיך.

ער גיט נאָך אַ פּאַטש מיט די הענד, און עס בעוויזען זיך פיער לייבען; זיי געהען לאַנגזאַם און טראָגען אויף די קעפּ אַיין אָניקסינעם בלאַט פון אַ טיש מיט פערציהרונג פון פּערל־מוטער בעשלאָגען, מיט קריסטאַלען געשיר בעשטעלט. די לייבען שטעלען זיך אין מיטען דער היל, צווישען די דריי גאָלדענע שטוהלען.

— שלאָפט אַיין! — קאָמאַנדירט דער קאַרליק צו די לייבען, — און זיי זעצען זיך אויף די אונטערשטע פיס, ציהען אַיין די צונגען, פערמאַכען די אויגען און בלייבען פערשטאַרט, ווי לייבען אויס קופער אָדער בראָנז.

און דער קאַרליק ווענדט זיך צו שלמה און שולמית.

— דער טיש — זאָגט ער — איז גרייט געדעקט, נאָר דאָס עסען מוז מען ברענגען פון דער הייך, פון אויבען, מיר האָבען דאָ קיין שוחטים נישט. און אײדער דאָס עסען וועט קומען, וועל איך אַייך בעקענען. — בדי איהר זאָלט קאָנען אויסגעלייזט ווערען, און אַנדערע מיט אַייך, מוזט

איהר צו מיר האָבען צוטרויען, מוזט איהר מיר גלויבען...

— איך גלויב! — האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון שולמית׳ס האַרץ.

— עס שיינט שוין איבער דיר דער גליקליכער שטערן, דו האָסט שוין דיינע שטראַהלען אין האַרץ, נאָר קענען מוזט איהר מיך געהנטער... מיר האָבען אַ סך בשותפות צו טהון!

— דערצעהל, — זאָגט שלמה. — איך וויים דיך אפילו נישט ווי אַזוי צו רופען.

— ווי איהר זעהט, — הייבט אָן דער קאַרליק צו דערצעהלען, — לעב איך אין אַ הייל, ווי אַלע קאַרליקעס, קלויב גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער, גלייך מיט זיי, מיט׳ן אויסזעהען בין איך געוויס אַ קאַרליק, און דאָך בין איך פֿון קיין קאַרליק נישט געבוירען... איך בין אַמאָל אַיין אַיינפאַכער מענש געווען, איבער דער ערד געלעבט, ווייב און קינדער געהאַט... וויפיעל? — געדענק איך נישט...

— שוין אַזוי לאַנג? — פֿרעגט שלמה פֿערוואונדערט.

— אַ יאָהר זעקסהונדערט! — ענטפֿערט דער קאַרליק.

— געוועזען — דערצעהלט ער ווייטער — איז עס אין באַגדאַד... און אַ קליין מענשעל בין איך געווען: אַ שמש, אַיין אָרימער שמש, אין אַיין אָרימער שוהל. אין אַיין אָרימער אונטער־גאַס.

אין אין דער איינענער שטאָדט באַגדאַד האָט געלעבט אַ יוד אַ גביר, אַ תקיף, אַ קרוב למלכות און אַ כהן, וואָס האָט אַיין אויג געוואָרפֿען אויף אַ גרושה, און געוואָלט, אַז דוקא דער רב הכולל, וואָס איז דעמאָלט געווען, זאָל איהם געבען חופה וקדושין, און אַז דער רב האָט נישט געוואָלט, האָט ער איהם פֿאַלש גע׳מסר׳ט, און דאָס מלכות האָט איהם אַרויסגעטריבען פֿון שטאָדט, פֿון לאַנד, און דער גביר האָט געלאָזט אויסרופֿען, אַז וועלכער למדן עס וועט זיך געפֿינען אַ היתר און געבען איהם חופה וקדושין, דעם וועט ער מאַכען מיט זיין תקיפֿות פֿאַר רב הכולל אין באַגדאַד! די בעלי־בתים האָבען געשוויגען; אַלע האָבען מורא געהאַט פֿאַר׳ן גביר.

קיין איינציגער רב פֿון גאַנצען לאַנד האָט נישט געוואָלט געמען אויף זיך אַזאַ חטא; קיין איינציגער דיין האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט עס צו טהון. ער האָט זיך געווענדעט צו למדנים, צו מלמדים — קיינער איז נישט בעשטאַנען. ער איז אַראָבגעפֿאַלען צו שמשים פֿון שוהלען און בתי־מדרש׳ים, נאָר קיין איינציגער שמש, וואָס האָט ווי עס איז נאָר

פרנסה געהאַט, האָט זיין נשמה נישט געוואָלט פערקויפען, — ביז עה איז אָנגעקומען צו מיר!

און ביי מיר האָט ער געטראָפען.

איך בין זעהר אָרים געווען; אַ קראַנק ווייב און קרענקליכע קינדער געהאַט...

און דאָס קראַנקע ווייב מיינס האָט מיך צוגערעדט, פון וועג אַראָבגעפיהרט, און אַ פאַלשען היתר האָב איך מיר געפונען: מען האָט אויף דעם גביר'ס מוטער גערעדט, סוף כל סוף איז ער קיין זיכערער כהן נישט געוועזען... און איך האָב געגעבען חופה וקדושין, און ביים גביר אין טאַש איז שוין געלעגען אַ כתב־רבנות פאַר מיר... אַ כתב־רבנות גע'התמ'עט פון אַלע בעלי־בתים, וואָס זענען אָבהענגיג געווען פון גביר...

עס איז אַ גאָלד־געשטיקטע חופה געוועזען, און אַרום האָבען הונדערטער הבדלות געלייכט, שמאָרקאַצען געפלאַמט... און געבליצט האָבען אַרום און אַרום די רייכע גביר'ישע קליידער, מיט גאָלד בענייטע, מיט טייערע שטיינער בעהאָנגענע... עס האָט געבלענדט!

אונטען איז ליכטיג געוועזען, זעהר ליכטיג; אָבער אויבען — אויפ'ן הימעל איז געווען פינסטער... אַ פינסטערער הימעל, אָהן לבנה, אָהן שטערן... און פון פינסטערן הימעל איז פּלוצלינג אַראָב גאָט'ס פייערדיגער צאָרן... עס האָט אָנגעהויבען שטורמען, עס איז מיטאַמאָל אַ ווילדער שלאַגס־רעגען געפאַלען, איין דונער האָט געיאָגט דעם צווייטען, ווי בּרענענדיגע שלאַנגען זענען בּליצען געפלויגען — הימעל און ערד האָבען געציטערט!

און פּלוצלינג האָט זיך פון די אונטערפיהרער'ס הענד די חופה אויסגעריסען און האָט זיך אויפגעהויבען ווי אַ שירם אויפ'ן ווינד... מיט שרעקליכע געשרייען זענען זיך די געכט צעלאָפען, נאָכגעיאָגט פון דונער און בּליץ, געפּאַטשט פון דעם גאָס־רעגען!

מיך איינעם האָט אַ דונער געטראָפען...

און אויף יענער וועלט האָט מען אַזאַ פסק אַרויסגעגעבען:

ווייל איך האָב געוואָלט זיין גרויס, אַזוי גרויס, — זאָל איך ווערען קלענער ווי קליין, מגולגל ווערען אין אַ גוף פון אַ קאַרליק און לעבען, גלייך מיט זיי, אונטער דער ערד...

און ווייל איך האָב געוואָלט רייך ווערען, גאָלד און זילבער האָבען, זאָל איך הונדערטער יאָהרען זאַמלען גאָלד, זילבער און טייערע

שטיינער, נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דעם אָדער פאַר דער, וואָס וועט עס ווערט זיין.

דערביי האָט ער זיין בליק געוואָרפען אויף שולמית.

זי האָט עס אָבער נישט בעמערקט.

— שרעקליך! — האָט זי אויסגערופען פול מיט רחמנות.

— גאָט'ס גענאָד איז דאָך גרויס! — ענטפערט דער קאַרליק, — איך וועל אויסגעלייזט ווערען גלייך מיט אייך... און דאָס וועט אַזוי זיין.

נאָר עס האָט זיך איבערגעהאַקט.

אַ שטיל רוישען האָט זיך דערהערט אין דער הייל.

— די טויב קומט, — זאָגט דער קאַרליק. — די רעשט וועלען מיר איבערשמועסען נאָכ'ן עסען.

## צעהנטעס קאַפּיטעל.

דאָס קאָרגע פריהשטיק.— ווער איז די טויב?— ווי מלכים הערען קרעכצען.— עס בלאָזט אויף טאָג.— קיין גליבשטיין!

עס איז טאַקי די טויב געוועזען, און אַ קאָרג פריהשטיק האָט זי געבראַכט: אינגאַנצען אַ טעפּעל רייז!

— פון פּאַלאַץ? — וואונדערט זיך דער קאַרליק, — פון פּאַלאַץ אַזאַ קאָרג פריהשטיק?

— פאַר מיר איז גענוג, — פּאַלט שלמה אין די רייד אַריין, — איך עס שוין לאַנג נישט קיין דבר מן החי...

— און שולמית'ן — מאַכט די טויב — וועט דאָס פריהשטיק זיכער שמעקען, אַז זי וועט הערען, פון וואַנען עס קומט...

דאָס ערשטע מאָל אפשר האָט מען פון קריסטאָלענע טעלער, די־צענדיג אויף גאָלדענע שטוהלען, אַזוי קנאַפּ און אָרים געגעסען.

און די טויב דערצעהלט, וואו זי האָט דאָס פריהשטיק גענומען:

— איך בין — זאָגט זי — אין פּאַלאַץ נישט געוועזען! זייט יואָב פּיהרט דאָס רעדעל, איז דאָרט נישט גלאַט כשר! איך בין אפילו אין גליבשטיין נישט געוועזען... דאָרט איז שוין אויך נישט ווי עס דאַרף צו זיין. שלעכטע מנהגים פערשפּרייטען זיך פון אויבען! ביי דער גרעניץ

פון וואונדערלאַנד האָב איך די רייז בעקומען...

ביי דער גרעניץ איז פאַרהאַן אַ שטעדטעל אַ רוהיגס, אַ קליינס, און דאָרט, אין אַ קליין פענסטערל, זיצט אַ קינסטלער — אַ שטיקער!

— איך האָב'ן בעמערקט, — מאַכט שלמה, און שולמית שוויגט און רייטעלט זיך.

— ווי שען ער אַרבייט, דער יונגערמאַן!... ווי שען איז דאָס בילד, וואָס ער ענדיגט! און מיט וואָס פאַר איין אויגען קוקט ער אויף דעם בילד, וואָס ער ענדיגט אויפ'ן סאַמעט! דו קענסט איהם, שולמית! טיעף האָסט דו איהם געמוזט אַריינקוקען אין האַרץ, אַז ער שטיקט דיין בילד אויפ'ן קאָפּ!

שולמית לאָזט אַראָב די אויגען.

— נאָר בלאַס איז ער, דער יונגערמאַן; די שוואַרצע, ברענענדיגע אויגען זענען פערשלייערט און פייכט... קראַנק מוז ער זיין...

— קראַנק? — רופט שולמית אויס דערשראָקען.

— אַזוי זעהט ער אויס! איין אַלטע פרוי איז ביי איהם געשטאַנען, געגלעט איהם די האָר, געבעטען, ער זאָל עסען—אָט, פון דעם טעפעל רייז, וואָס זי האָט פאַר איהם געשטעלט—און ער פרעגט זי: נאָך וואָס? די זאָגט איהם, אַז אָהן עסען קאָן מען נישט לעבען, און ער ענטפערט איהר, אַז ער האָט נישט נאָך וואָס צו לעבען... אַז די, פאַר וועלכע ער וואָלט געקאָנט לעבען, האָט זיך איהם איינמאָל בעוויזען און איז פערשוואונדען געוואָרען, ווי אַ חלום... ער האָט זי געזוכט, זאָגט ער, אין טהאָלען און אויף בערג, ער האָט זי געזוכט אין דערפער און אין שטעדט, און געפינט זי נישט.

די טויב בלייבט שטיל, און קוקט מיט פערגעניגען, ווי שולמית ענדערט די פאַרב פון פנים, ווי איהר יונגע ברוסט וואַלט אויף און אָב; מיט אַמאָל ענדיגט זי:

— און דעמאָלט, אַז ער האָט זיך אַזוי אויסגעוויינט פאַר דער אַלטער פרוי דאָס האַרץ, בין איך צוגעפלויגען, און האָב ביי איהם דאָס טעפעל רייז בעקויפט!

— געקויפט? — שפרינגט אויף שולמית מיט בליצענדיגע אויגען.

— געוויס! — ענטפערט לאַכענדיג די טויב. — און איך האָב איהם טייער בעצאָהלט פאַר די רייז: איך האָב איהם געזאָגט, וואו ער קאָן די, וואָס ער זוכט, געפינען!

— דאָ אַהער וועט ער קומען? — פרעגט שולמית.

— אָה, ניין! איך האָב איהם אַזוי געזאָגט:

אין עטליכע טעג אַרום — האָב איך איהם געזאָגט — וועט ער הערען, אַז יואָב, דער שלעכטער, פאַלשער יואָב, וואָס האָט זיך צוגעגזל'ט די מלוכה, וויל חתונה האָבען...

אַ סעודה וועט ער, דער יואָב, מאַכען, ווי אחשורוש אין זיין צייט.

אָהן אַ צאָהל עופות וועט מען שעכטען, וועלדער־חיות וועט מען קוילען, אָקסען וועט מען אויסשפּאַנען פון די פלוגעס און פיהרען צו דער שחיטה, ביים אָרימאַן וועט מען צונעמען דאָס לעצטע שעפעלע און צוגעברייטען צו דער סעודה... און ווייך און אַלערליי משקות וועלען זיך גיסען ווי וואַסער..

און פון מזרח און מערב וועלען זיך צוזאַמענקומען שפּיעלער, זינגער און טענצער, קונצענמאַכער און מאַרשאַליקעס...

און פון גאַנץ וואונדערלאַנד וועלען פערבעטען ווערען מיידלעך די שענסטע, און וועלכע יואָב וועט וועלען, די (אַזוי מיינט ער) וועט זיין זיין ווייב, די מלכה פון גאַנץ וואונדערלאַנד!

און, אַז ער וועט דאָס הערען, — אַזוי האָב איך איהם געזאָגט — זאָל ער צושמעהען צו אַ חברה זינגער אָדער שפּיעלער, — זינגען און שפּיעלען קאָן ער, דאָס זעהט מען אין די אויגען, אין יעדער תנועה זעהט מען עס איהם אָן, — און זאָל קומען אויף דער חתונה...

— קום, שולמית! — ענדיגט די טויב, — די רעשט וועל איך דיר אויפ'ן אויער דערצעהלען.

שולמית מיט דער טויב זענען אַרויס אין אַ זייטיגע הייל אַריין.

— מעג איך — פרעגט שלמה ביים קאַרליק — פרעגען, ווער די טויב איז?

— איך וועל דיר גערן זאָגען:

זי איז אויך אַמאָל אַ מענש געוועזען, און אַ שעֶן מיידעל געוועזען, דערנאָך אַ יונג ווייבעל...

בלינד איז די ליעבע, און זי האָט איהר יונגען מאַנ'ס פעהלער נישט געזעהן, — עס איז שווער צו דערקענען, פונקט ווי דעם קעניג איז שווער צו דערקענען, ווער עס איז איהם געטריי און ווער עס הנפ'עט איהם...

און אַז עס איז אַ קינד, אַ מיידעלע, געבאָרען געוואָרען, האָט עס שוין אַליך, וואָס זיי האָבען געהאַט, פערשווענדעט, עס איז נישט געוועזען קיין וואַרים וואַסער פאַר דער קינפּעטאָרין, קיין שטיקעל ליינוואַנד, מיט וואָס דאָס קינד צוצודעקען... דעמאָלט האָט זי פלוצלינג אויפגעשיינט דאָס

גליק: מען האָט פאַר אַ בת־מלכּה אײן אַם געזוכט, און זי האָט מען אַלס די שענסטע און בעסטע געפונען...

מיט האַרץ־װעהטאָג האָט זי איבערגעלאָזט איהר אײגען קינד אָהן אַ װיעג, און איז געגאַנגען אין פּאַלאַץ אַרײן אױסזײגען דעם לאַנד אַ בת־מלכּה...

דאָס געהאַלט און אַלע מתּנות האָט זי דעם מאַן געשיקט...

און דאָך, אַז זי איז, נאָך עטליכע װאָכען, געקומען זעהן איהר קינד, האָט זי עס געפונען אָבגעשװאַכט און כמעט פערהונגערט...

און דעמאָלט איז איהר געקומען אַ שלעכטער געדאַנק אין קאָפּ אַרײן... זי װעט איבערטױשען די קינדער! ניש אױף לאַנג, — זי װעט דערנאָך צוריקטױשען, זאָל נאָר דאָס קראַנקע קינד צו זיך קומען!

נאָר צוריקטױשען האָט זי שױן נישט געקאָנט...

איבער דער צײט האָבען בײדע קינדער הערליך בעקומען...

איהר אײגען קינד אין דער קעניגליכער װיעג האָט בעקומען גאָלדענע בליצענדיגע האָר, די אמת'ע בת־מלכּה — װײסע האָר, װי פלאַקס!

— װען איז דאָס געװעזען, װאו? — פרעגט שלמה דערשראָקען.

— אין װאונדערלאַנד. — ענטפערט דער קאַרליק — אין גלױבשטײן איז עס געשעהען, און שולמית און דבורה זענען די פערטױשטע קינדער.

שלמה האָט אַראָבגעלאָזט דעם גראָהען קאָפּ אונטער שװערע געדאַנקען...

— און זי האָט מורא געהאַט אױסצוזאָגען? — פרעגט ער. — צי האָט די נישט געװאוסט, אַז פאַר'ן אמת װעל איך מוחל זײן?

— זי האָט נישט געקאָנט! דערװײל איז יואָב גרױס געװאָרען... אין אין װײב'ס זכות האָט מען איהם אַרײנגעלאָזט אין פּאַלאַץ, מען האָט איהם רײך בעשענקט, און ער האָט דעם קעניג געדאַנקט! מעהר האָט ער נישט געדאַרפט... ער האָט איהם אַרומגעשטריקט מיט הנופה, אַרײנגעגנב'עט זיך צו איהם אין האַרץ און איז מיט יעדען טאָג גרעסער געװאָרען..

אַז דאָס װײב האָט געענדיגט איהר דיענסט, האָט ער זי אין אַ קעלער פערשלאָסען... דאָרט איז זי געשטאָרבען. זי האָט געשריגען, גערופען, נאָר אונטער די דיקע מױערן איז איהר קול פערשטיקט געװאָרען!

— איך בין װערט געװעזען דאָס גלות! — רופט זיך אָן שלמה, — ד האָב שװער געזינדיגט! — נישט אײנמאָל, שפּאַצירענדיג בײנאַכט אַרום פּאַלאַץ, האָב איך קרעכצען געהערט, האָב איך מיר שטאָלץ געטראַכט:

אין מיין פּאַלאַץ וועט קיינער נישט קרעכצען, עס מוז זיין דער ווינד, וואָס רייסט זיך פון די קעלער אַרויס...

— דאָס איז עס! שאַ־ך זענען די מלכים־אויערן פאַר יעדער הנגפה, און שווער פאַר אָרימע קרעכצען... אַליץ איז דער ווינד!

— נאַר— טרייסט איהם דער קאַרליק — דיין גלות ענדיגט זיך, דו וועסט אויסגעלייזט ווערען... נאַר דאָס מוז בלייבען בסוד — שולמית בלייבט בת־מלכה!

— און מיין טאָכטער, דבורה?!

— וועט גליקליכער זיין — אַלע אוצרות פון דער הייל וועלען איהר געהערען!

זי וועט רייכער זיין פאַר אַלע מלכים, פאַר אַלע קיסרים. נאַר זי וועט וויסען, ווי אַזוי די אוצרות צו בענוצען...

אין דערזעלבער רגע האָט זיך געהערט בלאָזען ווי פון אַ טראָמפּייט.

דער קאַרליק איז אויפגעשטאַנען:

— עס הייבט זיך אָן! — זאָגט ער — אונזער אויסלייזונג הייבט זיך אָן, דאָס בלאָזט מיין מוהמע אין גלויבשטיינער וואַלד... דאָס איז דער צייכען, אַז עס ווערט טאָג, אונזער רייגער, העלער טאָג!

אין דערזעלבער רגע זענען צוריק אַריין שולמית און די טויב.

און צום קאַרליק זאָגט פרעהליך די טויב:

— שולמית גלויבט! איך האָב איהר נאָך אַמאָל אין מ י י ן נאָמען און אין ז י י ן נאָמען געשוואָרען, אַז זי וועט גליקליך זיין, און שלמה דעם זיבען־און־צוואַנציגסטען וועט קיין איינציגע האָר אויפ׳ן קאָפּ זיך נישט קרומען. און זי געטרויט מיר איהר געשטאַלט...

— געדאַנקט איז גאָט! — האָט אויסגערופען דער קאַרליק.— דער אָדלער וואַרט פאַר דער הייל!

אין דער רגע האָט זיך שולמית מיט דער טויב פערביטען! די טויב אין געשטאַלט פון שולמית איז אַרויס פון דער הייל, און שולמית אין געשטאַלט פון אַ טויב איז אַרויסגעפלויגען און האָט זיך געשטעלט אויף שלמה׳ס אַקסעל...

און דער קאַרליק האָט אַ פּאַטש געגעבען מיט דער האַנד, און די הייל האָט זיך געעפענט, און שלמה זעהט, ווי איין אונגעהייער שטאַרקער אָדלער טראָגט די טויב, אין געשטאַלט פון שולמית, אין דער לופט.

— קיין גלויבשטיין — זאָגט דער קאַרליק — פליהט זי, מיר וועלען

נאָכקומען, אונזערע אָדלער וואַרטען אויך...
און די הייל האָט זיך צוריק פערשלאָסען.

## עלפטעס קאַפּיטעל.

דער שטראַהל. — דער כשוף־מאַכערינ׳ס ברכה. — דבורה׳ס חלום.

אַ בלאַסער, סוף־ווינטערדיגער פריהמאָרגען האָט זיך אַריינגעלאָזט דורך אַ שפּאַרע אין דער הייל פון גלויבשטיינער וואַלד, און האָט, גלעטענדיג זי איבער׳ן פּנים, די כשוף־מאַכערין געוועקט.

דער שטראַהל, וואָס דער פריהמאָרגען האָט געלאָזט אין דער הייל, איז דער אַלטער עפּעס אויסטערליש געפעלען, גלייך ער האָט איהר פון הימעל אַ גוטע בשורה געבראַכט.

זי האָט אַ פרעהליכען וואָרף געטהון מיט׳ן אַלטען קאָפּ, אַ פּאַליע זילבערנע האָר האָט זיך צוטיילט אויף ביידע אַקסעל און עס האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעלדיג פּנים מיט גלאַנצענדיגע אויגען.

עס ציטערען איהר די ליפּען, דאָס זאָגט זי „מודה־אני", דערנאָך גיסט זי זיך אָב די נעגעל, און הייבט די אויגען אין דער הייך, און זאָגט מיט אַ ציטעריג שטיל קול:

— איך דאַנק דיר און לויב דיך, שעפער פון דער וועלט, פאַר׳ן היינטיגען פרידמאָרגען, פאַר דעם גאָלדענעם שטראַהל, פאַר די בשורה טובה, וואָס ער האָט מיר געבראַכט, פאַר דעם אויסלייזעניש, וואָס הייבט זיך אָן פאַר מיר און מיינס גלייכען...

איך בין שוין מיעד געוואָרען, רבונו של עולם, איך האָב שוין אָנגעהויבען בענקען אין מיין רוה אַריין... אַ קראָה וויל אַזוי לאַנג נישט לעבען.

דערנאָך האָט זי געוואָרפען אַ שטאַרקען בליק אויף די פאָרהענגלעך, אונטער וועלכע עס איז געשלאָפען דער פערכשופ׳טער יונגערמאַן.

— געלויבט איז גאָט, געהייכט זאָל זיין זיין ליעבער נאָמען! לייכט איז שוין זיין שלאָף, שטאַרקער דער אָטהעם, — די פאָרהענגלעך ריהרען זיך! מען קאָן איהם שוין וועקען.

אַצונד האָט זי זיך אויפגעהויבען פון איהר געלעגער און איז אי-

בערגעגאַנגען אין דער צווייטער זייט הייל צו דבורה'ס בעט. זי לעגט איהר די האַנד אויפ'ן שטערען, וועקט זי מיט אַ קוש.

— אַ פרישער, גוטער מאָרגען אויף דיר, טאָכטער!

דבורה וועקט זיך האַלב דערשראָקען און קוקט זיך אַרום פערוואונדערט.

— פון וואַנען קומסט דו, טאָכטער? וואו האָט דיך דער מלאך פון הלומות אַרומגעפיהרט?

דבורה נעמט אַרום דער אַלטער'ס האַלז און זאָגט:

— אַ שרעקליכער, אַ וואונדערליכער הלום!

— קאָנסט דו איהם דערצעהלען...

— געווים, מוהמעשי, איך האָב קיין סודות נישט פאַר דיר!

די אַלטע האָט זיך געזעצט אויפ'ן ראַנד פון דבורה'ס בעט, און דבורה דערצעהלט:

— איך בין געזעסען — דערצעהלט זי — ערגיץ אין דער פרעמד, אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָדט, אין אַיין אָבגעלעגענער ענגער גאַס, צווישען צוויי שורות קליינע, פינסטער־פערשלאָפענע, אָבגעשיילטע הייזלעך... אויף אַ שטיין בין איך געזעסען... איינע אַליין, און האָב געציטערט פאַר שרעק.

און איבער'ן קאָפּ האָט זיך מיר נידריג אַראָבגעלאָזט אַ שוואַרצער, אַ צאָרניג־פינסטערער הימעל,— ווי מיט אַ וואָלקען בעדעקט... שווער און צאָרניג איז געלעגען דער הימעל איבער דער אויסגעשטאָרבענער גאַס. און איך זיץ אַזוי און קלער:

— ווער בין איך? וואָס טהו איך דאָ? ווער האָט מיך דאָ פערלאָרען?

און מיר דוכט זיך, אַז איך דאַרף ערגיץ געהן און ערגיץ עפּעס טהון, עס זאָל פּלוצלינג צעריסען ווערען דער וואָלקען, עס זאָל אויפגלאַנצען אַ זומערדיג־לאַכענדיגער הימעל, עס זאָל אויפלעבען די טויטע גאַס, און די קליינע הייזלעך זאָלען אָנהייבען וואַקסען און וואַקסען אין הימעל, ווי די העכסטע פּאַלאַצען און הייליגקייטען, און פון די פּאַלאַצען און הייליגקייטען זאָל זיך הערען אַ זינגעריי, אַ געדרופּעריי פון גליק,— אַ בשורה טובה זאָל דורכפליהען פון שטוב צו שטוב, פון הויז צו הויז...

און אין גאַנצען עטליכע טריט האָב איך געדאַרפט געהן, און גאָר אַ קלייניגקייט טהון; איך געדענק אָבער נישט, וואוהין צו געהן און וואָס צו טהון:

און שרעקליך וועה טהוט מיר דאָס האַרץ! איך געדענק, אַז עס דאַרף עפּעס געטהון ווערען, איידער די אָרימע, פערשאָלטענע גאַס האַפּט זיך אויף... איך פיהל, אַז אויב נישט, וועט זי זיך אויפהאַפּען מיט אַ זינדיגען כעס, ווי אַ חיה רעה וועט זי זיך אויפהאַפּען, מיט אַ בריל פון אַ קללה אויף שוימענדיגע ליפּען... און דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט... דער הימעל וועט נאָך פינסטערער ווערען, און גאָט וועט פערהאַמערן די טויערען, און מעהר נישט אַרויסלאָזען קיין מאָרגענשטערן, קיין זון... עס וועט זיין שוין אַיין אייביגע נאַכט.

און אַלץ האָט זיך אין מיר געווענדט, און איך האָב אַלץ פערגעסען!

און פּלוצלינג האָב איך אונטערן שוואַרצען הימעל אַ ווייסען, שווי־מענדיגען פלעק דערזעהן...

פון מזרח־זייט שווימט ער צו מיר, און לאָזט זיך אַלץ טיעפער און טיעפער אַראָב.

עס איז אַ ווייסע טויב געוועזען...

זי האָט זיך מיר אויף דער שויס געשטעלט, און איך האָב דערזעהן, אַז זי האָט אַ בריוועלע אויפ'ן האַלז, און זי שטעלט מיר אַקעגען דעם שניי־ווייסען האַלז, איך זאָל דאָס בריוועלע צונעמען.

און איך האָב אויפגעבונדען דאָס רויטע שנירעלע פון ווייסען האַלז, און דאָס בריוועלע געעפענט, נאָר לעזען האָב איך נישט געקאָנט, עס איז צו פינסטער געוועזען!

נאָר אין דערזעלבער רגע, האָט מיר גלייך איבער'ן קאָפּ אויפגעפלאַמט אַ שטערן אויפ'ן הימעל, און האָט מיר דאָס בריוועלע בעשיינט...

דבורה בלייבט שטיל, ווי דעם אָטהעם צוהאַפּען.

— און וואָס איז געשטאַנען אין בריוועלע? — פרעגט די אַלטע.

— עס איז געשטאַנען.... עס איז געשטאַנען, אַז איך.... איך, איך — הייבט אָן דבורה צו שטאַמלען.

— וועל איך דיר זאָגען, וואָס עס איז געשטאַנען!

— דו? דו ווייסט, מוהמעשי?

— אַלץ ווייס איך! עס איז געשטאַנען, אַז דו ביזט נישט יואב דעם רשע'ס טאָכטער, אַז דו ביזט אַ בת־מלכה! אַז מען האָט דיך מיט שולמית פערטוישט!

— יאָ!

— נאָך איז געשטאַנען, אַז דו זאָלסט ענטלויפען פון דער הייל

צוריק אין גלויבשטיינער פּאַלאַץ, דאָרט איז אַ סעודה אַ גרויסע, יואב מאַכט אַ גרויסע סעודה — און שלמה און שולמית וועלען אויך אויף דער סעודה זיין, און שלמה וועט אויסגעלייזט ווערען פון גלות און צוריק קריגען זיך פאַר מלך! דעמאָלט — איז געשטאַנען — זאָלסט דו אָננעמען שלמה׳ן ביי דער האַנד און צופיהרען צו דער געשטאָרבענער מלכה׳ס, עליה־השלום, פּאָרטרעט, און ווייזען, צו ווענען דו ביזט עהנליך!...

— אַזוי איז געשטאַנען!

— און דו זאָלסט ווערען בת־מלכה — —

— יאָ, יאָ...

— און דו וואָס האָסט געזאָגט?

— איך? איך האָב דאָס בריוועלע אויף פּיק־פּיצלעך צעריסען און אויפ׳ן ווינד פערזייעט... זיי זענען זיך, ווי קליינע ווייסע פליגעלעך צו־בלויגען...

— פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב געוואוסט, אַז מיין וועג, וואָס איך דאַרף געהן, איז נישט קיין גלויבשטיין, און דאָס, וואָס איך דאַרף טהון, איז נישט אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ אַרויפצולעגען.... נאָר עפּעס אַנדערש און ערגיץ אַנדערש, האָטש וואו און וואָס — האָב איך אין חלום נישט געדענקט...

— און אַ צונד?

ווי אַ רויז האָט אויפגעפלאַמט דבורה׳ס פּנים:

— מעג איך? — פרעגט זי מיט ציטערדיגע ליפּען.

— וואַרט, אַביסעל שפּעטער; דערצעהל מיר נאָר דעם סוף פון דעם חלום. וואָס איז ווייטער געשעהן?

— ווייטער? די טויב איז אַוועקגעפלויגען; און דער שטערן האָט זיך אַראָבגעלאָזט און געשטעלט זיך מיר ווי אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ...

— דאָס איז דיין מזל, דבורה, — קושט זי די אַלטע מיט פריה־שטעה, אויף און קום מיט מיר אין וואַלד אַריין!

## צוועלפטעס קאַפּיטעל.

שופר בלאָזען. — אחשורוש׳עס סעודה. — הוש! הוש! געה וועקען!

אין דער לופט האָט זיך געפיהלט אַ הייך פון פריהלינג, נאָר דער

גלויבשטיינער וואַלד איז נאָך אין גאַנצען מיט שניי בעדעקט. די ביימער זעהען אויס ווי אומגעקעהרטע טראָלבען מיט ווייסע בלימעלעך, און אויפ'ן שנייענעם דיוואַן, מיט וועלכען דער וואַלד איז אויסגעבעט, בליצען אַקעגען דער אויפגעהענדיגער זון מיליאַרדען שנייענע בריליאַנטען.

די אַלטע כשוף־מאַכערין מיט דבורה'ן זענען אַרויסגעקומען פון דער הייל, און דער אַלטער אויפ'ן האַלז הענגט אַ שופר אויף אַ לאַנגער גאָלדענער קייט.

זי האָט זיך אָבגעשטעלט, גענומען דעם שופר צום מויל.

תקיעה!

דער קלאַנג פון שופר ציטערט נאָך אין דער לופט, און דבורה פיהלט שוין, ווי עס ציטערט די ערד אונטער איהרע פיס פון טויזענדער טריט.

דאָס האָט דער שופר די שלאָפענדיגע סאַרנעס געוועקט, און פון אַלע עקען פון וואַלד לויפען זיי זיך צוזאַמען, און שטעלען זיך אויס אַ שורה, דער כשוף־מאַכערין צו דער רעכטער האַנד.

צי איז עס אַ חלום? דבורה הערט, ווי די כשוף־מאַכערין בעגריסט זיי מיט אַ פרעהליכען „גוט־מאָרגען", און די סאַרנעס, וואָס ציטערן פאַר קעלט, ענטפערן איהר מיט אַ פרעהליכען: „גוט יאָהר!"

און ווייטער נעמט די אַלטע דעם שופר צום מויל.

תרועה!

עס פערקלינגט ווייטער אין דער לופט, און מיט ציטערדיגע פעלעכלעך, פון אַלע עקען פון וואַלד, לויפען זיך צוזאַמען אויפגעוועקטע הירשען, און שטעלען זיך אויס אַ שורה, אַקעגען די סאַרנעס, דער כשוף־מאַכערין צו דער לינקער האַנד!

— גוט מאָרגען, הירשען!

— גוט יאָהר, מוהמעשי!

און צום דריטען מאָל נעמט די אַלטע דעם שופר צום מויל, צום דריטען מאָל בלאָזט זי, און די ווייסע קרוינען אויף די הויכע ביימער הייבען אָן לייכט צו ציטערן, איבער'ן גאַנצען וואַלד וואַרפען זיך אויף קופּקעלעך שניי, און ס'שפּרינגען היה'לעך אַרויס, — אַ געלויפעריי, אַ געיאָגעריי אין וואַלד, — האַלב־פערשלאָפענע וועווערקעס, קעניגלעך, האָזען, און העזעלעך, און פיקסלעך קליינע און געלע, און נאָך אַלערליי קליינוואַרג פון וואַלד, מיט זילבערנע וואָנסען, מיט עלפענביינערנע און זילבערנע הערנ־

דלעך קומען אָנצופליען, און שטעלען זיך אוים אויפ'ן פראָנט, אַקעגען דער כשוף־מאַכערין.

— גוט מאָרגען, חיה'לעך!

— גוט יאָהר, מוהמעשי!

און צום פיערטען, צום לעצטען מאָל, בלאָזט די אַלטע. נאָך שאַרפער קלינגט עס אין דער הייך, און אונטערן הימעל, פון אַלע עקען פון דער וועלט, בעוויזען זיך שווימענדיגע שוואַרצע, ווייסע און פאַרביגע פלעקען, און עס הערט זיך אַ געוויש, אַ געזשומעריי, אַ פליגעל־קלאַפעריי, און אַ גאַנצע חמאַרע פון פליגעל און פייגעל שוועבען שוין אין דער לופט, און רעדלען אַרום דער אַלטער כשוף־מאַכערינס קאָפּ.

„גוט מאָרגען"—„גוט יאָהר"; און די אַלטע האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— ערשטענס, זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך היי־יאָהר אַזוי פריה געוועקט, אַזוי פריה צוזאַמענגערופען! איבער־אַ־יאָהר, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען, וועט איהר דערפאַר לענגער רוהען, לענגער שלאָפען... דאָס מאָל מוזט איהר מיר טהון אַ טובה!

— גערן! גערן! — ווערט אַ געראַפעריי פון אַלע זייטען,—וואָס דיין האַרץ נאָר גלוסט!

— איהר אַלע,— זאָגט די כשוף־מאַכערין,— איהר אַלע, וואָס שפּרינגט, היפּעט, טאַנצט, לויפט און פליהט! איהר אַלע זאָלט אייך תיכף ומיד בעגעבען צום פעטער קאָרליק אין דער הייל אַריין, אויף אייערע בעקאַנטע וועגען, מיט אייער קפיצת הדרך, זאָגען איהם פון מיר: „גוט מאָרגען!" און נעמען זיינע אוצרות און איבערטראָגען אין גלויבשטיינער פּאַלאַץ אַריין! צוויי פוד גאָלד זאָל נעמען אַ הירש, צו איינציגע פוד אַ סאַרנע, און די קליינע חיה'לעך — צו האַלבע! און די שוואַרצע פליגעל זאָלען זיך אויפהענגען ווייסע שנורען פערל, און די ווייסע פליגעל — שוואַרצע פערל, און די קאָלירטע — אַלערליי קרעלען און טייערע שטיינער!

די אַלטע בלייבט אַ רגע שטיל און ווענדט זיך צו דבורה'ן:

— וואָס וואָלסט דו געטהון, קינד, ווען מען זאָל דיר איבערגעבען דאָס גאַנצע פערמעגען?

דבורה טראַכט אַ ווייל'ע און ענטפערט:

— איך וואָלט עס הפקר געמאַכט, דאָס גאָלד זאָל דעם ווערט פערלירען, עס זאָל אויפהערען קנאה, שנאה....

— גוט, גוט, — שמייכעלט די אַלטע, — אפשר אויך אַ פּלאַן.
און ווענדענדיג זיך צו די פליגעל און היה׳לעך, זאָגט זי ווייטער:
— מיט דעם אַלעם וואָלט איהר פליהען, לויפען און טרייבען צום גליבשטיינער פּאַלאַץ... דאָרט האַלט יואָב....
— דער פאַלשער יואָב, — פאַלען היה׳לעך און פליגעל אַריין אין די רייד:
— נישט אייער זאַך, — בייזערט זיך די אַלטע, — דאָרט האַלט יואָב אַ סעודה!
— און אַ סעודה, — זאָגט ווייטער די אַלטע מיט אַ וואונדערליכען שמייכעל, — ווי אחשורוש אין זיין צייט! ער וויל זיך אויך אַ מלכה קלויבען: די שענסטע פון דער גאַנצער מדינה וויל ער!
— דער רשע!
— שטיל זאָל זיין! — טופּעט די אַלטע מיט׳ן פוס — זיין טאָכטער שטעהט פאַר אייך!
— עס איז נישט זיין טאָכטער! — עס ווערט אַ געוואַלד...: מיר ווייסען, מיר ווייסען!
— און אַז מען ווייסט, — לאַכט די אַלטע, — איז מען קלוג, און אַז מען איז קלוג, שווייגט מען!
און זי מאַכט צוריק איין ערנסט פּנים און זאָגט:
— און אַ סעודה וועט זיין כּיד המלך! זיבען טאָג און זיבען נעכט אַ סעודה! טויזענדער פאַרביגע לאַנטערנען וועלען פלאַמען אין פּאַלאַץ און אין גאָרטען! טישען אָהן צאָהל וועלען זיך ברעכען אונטער דער לאַסט פון עסענוואַרג און ווינען, הונדערטער קאַפּעלען פון מוזיקאַנטען, הונדערטער כאָרען פון זינגער און שפּיעלער, וועלען זיין אין זאַלען און אַלעען צעוואָרפען.... פון גאָלדענע, עלפענביינערנע און פּערלמוטערנע שיפלעך, וואָס וועלען זיך גליטשען איבער׳ן בלאָהען שפּיגעל, וועט שווימען געזאַנג, פון יעדען בלומענשטרויס וועט אַרויסקלינגען, אַרויסזינגען, אַרויסשפּיעלען....
אויבען אין הימעל וועט שווימען אַ געלע, פערשעמטע לבנה, קיין שטערן וועט מען גאָר נישט זעהן, בעהאַלטען וועלען זיי זיך פאַר קנאה....
אונטען וועלען שענערע זיין! אַלע שטערן פון גאַנץ וואונדערלאַנד, — די שענסטע פרויען פון גאַנץ וואונדערלאַנד וועלען פאַרביגעהן פאַר׳ן טראָן...

אויפ'ן טראָן וועט זיצען יואב, יואב מיט'ן אַלטען, פערשרומפּענעם פּנים, מיט פערגלעזערטע אויגען, מיט אַ ברייט געעפענט מויל, ווי ביי אַ פיש... און ער וועט קוקען, קוקען און וועלען זיך אויסקלויבען אַ מלכה...

— פוי! — ווערט אַ גערופעריי און געפייפעריי צווישען די חיות.

— שווייגט! — רופט די אַלטע שטרענג. — אַהין זאָלט איהר ברענגען די אוצרות! דער רעשט געהערט שוין צו מיר!

— און אַצונד, — זאָגט ווייטער די אַלטע, — ריהרט אַייך! צעשיט אַייך! צעיאָגט, און צופליהט אַייך! יואב'ס יעגער קומען אָן — ווילד־פּרעט דאַרף מען! זאָל אַייך קיין פייל נישט טרעפען, קיין קויל נישט ריהרען! הוש! הוש!

די פליגעל און די חיה'לעך זענען פערשוואונדען געוואָרען, און די אַלטע נעמט אַרום דבורה'ן, קושט זי און זאָגט:

— אַצונד, אין גאָט'ס נאָמען, געה און וועק, וועמען דו ווייסט!

## דרייצעהנטעס קאַפּיטעל.

### וואָס די אַלטע קראָה ווייסט און דערצעהלט.

אין די לעצטע טעג איז נישט רוהיג געוועזען אין גלויבשטיינער וואַלד.

קוים זענען זיך די געוועקטע חיות און געפליגעל צעלאָפען און צעפלויגען, האָבען זיך אין וואַלד גאַנצע מאַסען יעגער בעוויזען. עס איז געוואָרען אַ געשיסעריי, אַ געיאָגעריי. זיי האָבען געיאָגט און געשאָסען בעזונדער און חברות'ווייז, און מען האָט אויסגעטייט פון וואַלד דעם רעשט ביסעל פעפער און פוילע, וואָס האָבען דער כשוף־מאַכערינ'ס רופען און בלאָזען אין שלאָף נישט געהערט, אָדער געהערט און איבערגעדרעהט זיך אויף דער צווייטער זייט און ווייטער געשלאָפען. — אַזעלכע האָבען דערפאַר די יעגער געוועקט און געטייט אויף ווילדפּרעט פאַר יואב'ן צו דער סעודה....

דערנאָך האָבען אָנגעהויבען די געסט צו געהן, צו רייטען און צו פאָהרען, פון אַלע זייטען פון דער מדינה, אויף אַלערליי פוהר־ווערק, מיט אַלערליי געשפאַן.

שפּיעלער און זינגער און קונצענמאַכער — צו־פוס, אָדער אַ גאַנצע

הכרה האָט זיך געשלעפּט אויף איין פויעריש פיהרעל — אַ געהאַפּט געלעגענהייט. אויך שווערע וועגען זענען געגאַנגען, זיי האָבען די שענסטע דאָרף-מיידלעך געפיהרט, — פרעהליכע אויגען האָבען דורכגעבליצט, פערשיעדענפאַרביגע בענדער האָבען דורכגעוויהט, לוסטיגע ליעדער האָבען דורכגעקלונגען, עס האָבען זיך אויך פיעל וואָלענטען, קאָטשען, קאַרעטען געוויזען. מיט בליצענדיגע שויבען, מיט גאָלד און זילבער בעשלאָגען געשפּאַן און טייערע פערד...

עס האָבען קיין היה׳לעך געוויהערט, עס האָבען קיין פייגעל געזונגען און פול מיט גערויש און געזאַנג איז געוועזען דער וואַלד, און די ערד אונטער איהם האָט געציטערט אונטער די פוס-געהער, רייטער און פאָהרער...

און אַז דאָס גאַנצע גערויש איז אַריבער קיין גלויבשטיין, איז דער וואַלד געבליבען שטום, שרעקליך שטום...

צוטרעטען און צומאָרשטען איז דער שני; דורכגערעדערט, אויפגעוואָרפען — דער וואַלד.

נאָר עטליכע קראָהען זענען אויף אַ וויסטען בוים געבליבען, און די עלטסטע פון זיי דערצעהלט די יונגערע, וואָס אין גלויבשטיין איז געשעהן.

זי האַלט אין דער מיט ערצעהלונג:

— איין אונגעהויער לאַנגע שורה פון שענהייטען האָט זיך געצויגען פאַר יואָב׳ס שטוהל....

לאַנגזאַם זענען זיי געגאַנגען, טריט בײַ טריט מאַרשירט, בײַ דעם קלאַנג פון אַ שטילער, זיסער, פער׳כשופ׳טער מוזיק.

אַלע קאַפּעלען האָבען בײַ די פענסטער פון פּאַלאַץ געשפּיעלט, אַלע כאָרען האָבען געזונגען, און אין סאַלאָן האָט געבליצט פון בריליאַנטען און בריליאַנטענע אויגען....

פערשיעדענפאַרביגע טואַלעטען האָבען געבלענדט....

און דער אַלטער יואב זיצט אײַנגעבויגען מיט אַ בלאַס פנים און אויסגעגלאָצטע אויגען, און קוקט...

פּלוצים האָט ער דערזעהן, אַז רעכטס, נישט ווייט פון טראָן, שטעהט אַ שענער יונגער מאַן מיט אַ ווייסער טויב אויף איין אַקסעל. וואָס טהוט ער דאָ? ער קוקט לינקס און דערזעהט זיין אייגענע טאָכטער דבורה׳ן, מיט אַ העל-גלאַנצענדיגען שטערן, ווי אַ קרוין, אויפ׳ן קאָפּ, נעבען אַ יונגען מאַן, וואָס האָט אויף אַלע מיט צוויי אויגען, ווי צוויי שטערן, געקוקט. און פון פאָרענט זעהט ער — קומט אַריין שולמית....

עס איז נישט שולמית, עס איז איהר געשטאַלט געוועזען.

שולמית אין געשטאַלט פון אַ ווייסער טויב איז געשטאַנען רעכטס, אויפ'ן בעריהמטען שטיקער'ס אַקסעל; און, אין געשטאַלט פון שולמית האָט זיך צו איהם דער גלגול פון זיין ווייב, וואָס ער האָט אין קעלער פערמאַטערט, גענעהנט.

און פון וויטענס בעווייזט זיך נאָך שלמה, צוריק אין בגדי־מלכות געקליידעט....

יואָב פאַלט פאַר שרעק אַראָב פון שטוהל, און אויף אַלע פיער ריטשט ער זיך־צו צו שולמית, דאָס הייסט, צו זיין אייגען פערשטאָרבען ווייב, וואָס האָט זיך אין שולמית'עס געשטאַלט פערשטעלט.

ער ריטשט זיך און פאַלט צו מיט ווייסע ליפען צו'ם זוים פון איהר קלייד און קרעכצט:

„דאָס האָב איך אַלץ אויס ליעבשאַפט צו דיר געטהון... זיי מיר מוחל, שולמית, זיי מיין ווייב!"

— דער אַלטער נאַר! — רופען די יונגערע קראָהען.

די אַלטע לאָזט זיך נישט איבערהאַקען און דערצעהלט ווייטער:

— אין דער זעלבער רגע איז די וואונדערליכע זאַך געשעהן.

שולמית און די ווייסע טויב האָבען זיך צוריק מיט די געשטאַלטען פערביטען.

די עכטע שולמית האָט זיך געשטעלט ביי דעם בעריהמטען שטיקער אין אַ זייט, און די ווייסע טויב האָט דאָס צווייטע און דאָס לעצטע מאָל איהר געשטאַלט געטוישט, און יואָב, פערדולט און משוגע פאַר תאוה און שרעק, האָט פאַר זיך זיין פערשטאָרבען ווייב דערזעהן, אין תכריכים איז זי פאַר איהם געשטאַנען, און אַ וויס־טויטע האַנד איהם אויפ'ן קאָפּ געלעגט....

און אין דער זעלבער רגע האָבען זיך געעפענט דריי טהירען, פון פאָרענט, רעכטס און לינקס...

פיער ווייסע בערען זענען אַריינגעקומען רעכטס; פיער ווייסע בערען האָבען געטראָגען פיער גאָלדענע שטאַנגען פון אַ רויט־סאַמטענער חופה מיט פערל און בריליאַנטען געשטיקט, און האָבען זיך נעבען דעם בעריהמטען שטיקער מיט שולמית געשטעלט און זיי אונטער דער חופה גענומען.

און פונקט אַזוינע פיער ווייסע בערען זענען אַריינגעקומען לינקס.

און האָבען אויך אונטער אַזאַ חופּה געגומען די צווייטע פּאָר, דבורה׳ן, יואָב׳ס טאָכטער, מיט׳ן ליכטיגען שטערן אויפ׳ן קאָפּ, און דעם יונגען מאַן מיט די שטערנשטראַהלענדיגע אויגען...

און פון פאָרענט זענען אַריינגעפלויגען פיער שוואַרצע, שרעקליך שוואַרצע קראָהען, מיט אַ שוואַרצער, שוואַרצער חופּה און האָבען זיך געשטעלט אין דער לופט איבער יואָב׳ס און זיין ווייב׳ס קאָפּ...

און אונזער מוהמע האָט זיך אויך בעוויזען...

אונזער אַלטע מוהמע מיט די ווייסע האָר, ברענענדיגע אויגען און מיט׳ן שופר אויף דער לאַנגער גאָלדענער קייט...

און דער פעטער קאַרליק האָט זיך בעוויזען אין שוואַרץ-סאַמעטענע קליידער און אין אַ שטריימעל — אַ שוואַרץ-שטריימעל מיט לאַנגע, לאַנגע זילבערנע שטראַהלען — ער וועט ביי די רויטע חופּות מסדר קדושין זיין...

און די אַלטע האָט אַ בלאָז געטהון —

שברים האָט זי געבלאָזען...

און ביי׳ם בלאָזען האָבען זיך די פיער שדים אין געשטאַלט פון קראָהען מיט דער שוואַרצער חופּה אויפגעהויבען און אַרויסגעפלויגען מיט יואָב׳ן און זיין ווייב, מיט וועלכער ער איז נאָך אַמאָל געשטאַנען אונטער דער חופּה צוזאַמען....

און אינ׳ם פליהען איז אַראָבגעפאַלען די קרוין פון יואָב׳ס קאָפּ און האָט זיך צוגעקאָלערט צו שלמה דעם זיבען-און-צוואַנציגסטענס פיס....

און דער סדור קדושין ביי די רויטע חופּות האָט זיך אָנגעהויבען...

און באַלד דערנאָך האָבען זיך אונזערע חיות און עופות בעוויזען און האָבען דעם קאַרליק׳ס אוצרות דבורה׳ן צו די פיס געלעגט.

— דאָס איז זיין נדן! האָבען זיי געזאָגט.

— אויפ׳ן אָרט פון דער מלוכה — זאָגען די יונגע קראָהען און פרעגען:

— און ווייטער וואָס איז געשעהן?

נאָר די אַלטע קראָה רופט צו זיי שטיל: הערט, הערט!

אַ שטיל גערויש איז געוואָרען אין וואַלד, שטילע טריט האָבען זיך געהערט.

אַ חברה קליינע, גאָר קליינע מענשעלעך, קאַרליקעס, אין שוואַרץ-סאַמעטענע קליידער, מיט גאָלדענע גאַרטעל מיט בריליאַנטען-בליצענדיגע אַראָבגעלאָזטע עקען, מיט קליינע זילבער-בליצענדיגע שטריימלעך, און מיט אויגען, וואָס האָבען אַלעס איבערגעבליצט, האָט זיך בעוויזען אין וואַלד,

און האָבען רוהיג און שטיל דורכמאַרשירט.

די קראָהען האָבען זיי נאָכגעקוקט ביז זיי זענען פערשוואונדען געוואָרען.

— וואָס איז דאָס? פרעגען די יונגע קראָהען ביי דער אַלטער.

— די אַלטע זאָגט זיי:

איך ווייס און וועל אייך זאָגען:

דאָס איז אַ דעלעגאַציע, וואָס די קאַרליקעס שיקען אַרוים צו שלמה דעם זיעבען־און־צוואַנציגסטען.

זיי, די מענשען מיט קליינע גופים און גרויסע נשמות, ווילען שלום מאַכען מיט די גרויסע גופים און קליינע נשמות!

— ביז אַהער האָבען זיי עס נישט געפּרובט?

— נאַ! זיי ווייסען, אַז שאַפען, האָבען ביז איצט געקאָנט נאָר גרויסע גופים און קליינע נשמות, וועלכע האָבען ביז אַהער ליעב געהאַט מלחמה צו האַלטען; יעדער נצחון איז געוועזען אַ נייער בריליאַנט אין דער קרוין אויף זייער קאָפּ...

שלמה דער זיעבען־און־צוואַנציגסטער, רעכענען זיי, וועט שוין קיין מלחמות נישט פיהרען... ער האָט גלות געליטען, אויך ביי אַ קאַרליק אונטער דער ערד געלעבט, וועט ער זיי אויסהערען און פערשטעהן...

— פאַר וואָס האָבען זיי נישט געפּרובט ביי שלמה דעם ערשטען? ער האָט אויך קיין מלחמות נישט געפיהרט און איז אַ חכם געוועזען....

— ביי איהם זענען זיי טאַקי דריי מאָל געוועזען און ג י ש ט געטראָפען... ער האָט אַלע דריי מאָל צו זיי קיין צייט נישט געהאַט.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך פּרעה'ס טאָכטער פאַר'ן טויזענדסטען ווייב געבראַכט און האָט זיך איהר צוליעב, זי צו דערפרעהען, אויף אַ גאַנץ יאָהר פון דער מלוכה אָבגערוקט...

דאָס צווייטע מאָל — האָט מען איהם אַ שטאַל מיט פערד פון מצרים געבראַכט... האָט ער נאָך ווייניגער צייט געהאַט, און דער עולם אין ירושלים האָט זיך דערוויייל לוסטיג געמאַכט איבער די קליינע מענשעלעך!

צו'ם דריטען מאָל האָבען זיי נאָך ערגער געטראָפען: די מלכה־שבא איז געוועזען צו גאַסט!

עס איז, זעהט אויס, אַ הימעל־זאַך געוועזען! מען האָט דאָרט קיין שלום נישט געוואָלט, און די קאַרליקעס האָבען אָנגעהויבען גאָר אין גאַנצען מסופק צו זיין, צי איז ער טאַקי, דער שלמה, אזא חכם! מאַלע וואָס אַ וועלט זאָגט!

י. ל. פרץ.

די אַלטע קרָאה פערשווייגט און פיקט זיך אין עק שטאַרק פערקלערט.
— און היינט, — פרעגען די יונגע — וועלען זיי פועל'ען?
— ווער ווייסט? — דער הינטיגער שלמה איז עהרליך און גוט... דער בעריהמטער קינסטלער איז זיין איידעם, דבורה'ס מאַן מיט די שטערנ־ליכטיגע אויגען זאָל ווערען משנה למלך...
זי פערטראַכט זיך ווייטער און פיקט זיך אין עק.

ענדע.